ספר

# מעשה אבות

כולל

**פרקי אבות** עם באור מלוקט מספר מדרש שמואל
להרב הג׳ החכם הכולל מו״ה שמואל די איזידה זצ״ל
חובר בלשון אשכנזיות (עברי טייטש) עם ספורים רבים
להמתקת הענינים ע״י הרב כו׳ מו״ה **ישראל** געלבארט

אין דעם ספר איז פאר האנדין פיל פירושים אויף פרק אונ
פיל שיינע סיפורי מעשיות אונ מיר האבין אים מעתיק געוועזן
אויף עברי טייטש כדי אלע זאלין פאר שטיין ובזכות זה וועלין מיר
זוכה זיין קיין ירושלים צוא גיין במהרה בימינו אמן :

13

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.
EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# הקדמה

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט · וואָרום הייסט דיא מסכת אבות ווייל דיא חכמים וואָס מיר לערנען פון זייא גוטע מדות מוסר אונ דרך ארץ · הייסען זייא אבות דאָס הייסט אונזערע פאָטערס אונ מיר הייסין זייערע קינדער · דען זייא זיינען גיגליבין צוא אגוטען פאָטער וואָש ערציט זיינע קינדער אין גוטין וועג · אונ מאכט אים דער מיט גליקליך · אונ דיא וואָס לערנען עס פון זייא זיינען גיגליכן צו גוטע קינדער וואָש לאָזין זיך לייטען אונ לערנען פון זייער פאָטער · אונ אזוא גיפינען מיר דאָס אלישע הנביא האָט גירופין זיין רבי אליהו הנביא מיט דעם נאָמען אבי אבי :

**נאָך** אטעם זאָגין אונזערע קדמונים דרום הייסט דיא מסכת אבות ווייל אין דיא מסכת איז נכלל אלע דברי מוסר ומדות · אונ אלע דברי מוסר ומדות וואָס אלע אנדערע חכמים האָבין גיזאָגט זיינען נכלל אין זייערע רייד · אזוא הייסין זייערע רייד אבות · כלומר דאָש זייא זיינען דיא פאָטערס פון דיא אלע דברי מוסר ומדות וואָס מען גיפינט אין אלע אנדערע ספרים · אונ אזוא וויא פון איין פאָטער קאָנען דאָך פיל קינדער גיבאָרין ווערין · אזו קען אויך פון זייערין איין וואָרט פיל מדות אונ מוסר הערוים נעמען :

**הרב** רבי משה אלמושנינו שרייבט · וואָרום האָט מען מתקן גיוועזן דאָס מען זאָל זאָגן שבת פאַר יעדעם פרק דיא משנה פון כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא · ווייל אייגענטליך מוז יעדער מענטש וויסין צוועק אגיוויסין אונ אתכלית צוא יעדע זאַכע וואָס ער וויל טאָן · אונ יוא דער תכלית איז גרעסער אונ וויכטיגער דען שאָמער איז דעם מענטשין אנגענומער דיא זאַכע צוא אונטער נעמען אונ צוא טאָן מיט גרוים חשק צוא זאָגין דיא משנה פון כל ישראל פאַר יעדין פרק · צוא ווייזין דאָש אויסער וואָס דער מענטש וועט גיפינען דיא גרעסטע נוצין פאַר זיין לעבין אויף דער וועלט · דורך זיין פיהרונג וואָס ער וועט זיך פיהרען על פי המדות והמוסר וואָש אין דיא מסכת איז גיזאָגט · דען ער וועט דורך דעם ווערין אהוב לכל · אונ עס וועט זיין רוח הבריות נוחה הימנו · דאָס הייסט ער וועט אלע מענטשין זייער צו פרידין שטעלין · וואָס אייגענטליך איז דאָס אליין אויך איין גרויסער תכלית אונ אהויכווירדיגער צוועק · אזוא וויא דער תנא זאָגט אין דיא מסכת פרק שלישי כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו · דאָס הייסט וועלכער מענטש וואָס שטעלט דיא מענטשין גיזעלין שאַפט צוא פרידין מיט זיין הנהגה · איז גאָט אויך מיט איהם צוא פרידין · דען דאָס איז דער הויפט רצון פון בורא יתברך אונ דער הויפט צוועק פון זיינע תורה ומצות צוא מאַכין דורך דעם מענטשין רעדליך ערליך אונ נוצליך פאַר דיא מענטשין גיזעלין שאַפט אויף דער וועלט · אונ וויא אלע קלוגע מוסר ספרים זאָגין דאָס אייגענטליך איז דאָס דער הויפט עבודת השם אין יראת שמים פון מענטשין · אָבער נאָך אויסער דעם זאָגט אונז דער מאמר פון כל ישראל דאָס אויסער דיא אלע נוטצין אונ דעם גרויסין שכר וואָס דער מענטש וועט האָבין אויף דער וועלט פון דיא מדות אונ מוסר וואָס דאָ איז גיזאָגט בלייבט נאָך פאַר דעם מענטשין אגרויסער תכלית אונ אחלק אויף עולם הבא ·

אונ אזוא איז דער פירוש פון דעם מאמר כל ישראל · יעדער מענטש וואס איז גאר רעכט פארטיג פאר גאט (ווארום דער ווארט ישראל איז אנוטריקון ישר אל · דאס הייסט רעכט פארטיג פאר גאט) יש לו חלק לעולם הבא · האט אגרויסין חלק לעולם הבא · אזו זאל דער מענטש וויסין דעם גרויסין צוועק אונ תכלית וואס עס פירן דאצו די מדות ומוסר וואס דא איז געשריבן אונ זאל פאר שטיין וויא וויכטיג די זאכע איז אונ זאל עס לערנען על מנת לשמור ולעשות כדי צוא קומען צוא דעם גרויסין תכלית פון די מעשים הטובים והישרים :

נון געפינען מיר פיר נייטיג צוא ערקלערין דעם טעם פאר וואס איז מען זיך נוהג צוא זאגין פרק אבות זומערדיגע שבתים איבער הויפט · ווייל פסח פאנגען זיך אן די טעג וואס אידען זיינען זיך מכין אין זייא צו קבלת התורה אום שבועות אזו וויא אונזערע קדמונים אונ מקובלים זאגין דאס די ספירה טעג זיינען איבער הויפט ימי טהרה והכנה לקבלת התורה בטהרה · אונ אין פסוק שטייט ראשית חכמה יראת יי דאס הייסט פריער פאר לערנען תורה אונ חכמה מוז זיך דער מענטש פאר שאפין יראת יי אונ אזוא זאגן אויך אונזערע חכמים אין דער גמרא אז די תורה איז געגליכן צוא ווייץ אונ די יראה איז געגליכן צו איין אוצר · דאס הייסט אזאסעק וואס מען האלט דארטין די ווייץ אונ אזו וויא ווייץ אן אזאסעק קען זיך ניט האלטין אזוי קען אויך קיין תורה אן יראת שמים קיין קיום ניט האבין · אונ זייא בריינגען אראיה דער צו פון פסוק והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת יראת יי היא אוצרו · טייטשין זייא דעם פסוק אזו דאס דער פסוק הייסט דאס מען זאל די צייט פאר צעהרין לערנענדיג די ששה סדרי משנה וגמרא · אבער בתנאי דאס מען זאל פאר הער דעם אוצר דאס הייסט דעם זאסעק דרויף אויף בויען אין וועלכין דער לערנען זאל זיך קענען האלטין וואס איז דער זאסעק זאגט דער פסוק יראת יי היא אוצרו אויב ער לייגט די תורה אריין אין דער זאסעק קען זיא זיך האלטין · אויב ניט אבער קען זיא קיין קיום ניט האבין אזו האבין אונזערע יראים מתקן געוועזען דאס גלייך נאך פסח זאלן אלע אידען אנפאנגען לערנען ווייניגסטינס אלע שבת די מסכת אבות וועלכע זיא לערינט דעם מענטשין יראת יי מדות ומוסר דאס הייסט זייא זאלין בויען דעם אוצר דעם זאסעק אויף די תורה צוא האלטין וועלכע אלע אידען זיינען מקבל אלע שבועות · אונ זייא האבין משער געוועזען דאס ווייניגסטינס מוז יעדער מענטש די מסכת פיר מאל דורך לערנען · אזו וויא משה רבינו עליו השלום האט אויך יעדער הלכה פיר מאל געלערינט אזוא וויא מיר געפינען אין דער גמרא הקדושה · דרום האבן מיר די מסכת מעתיק געוועזען אויף דייטש כדי עס זאלין פאר שטיין גרויס אונ קליין · ובזכות הלמוד יזכו לרב טוב הצפון אמן :

כשבת של אחר פסח מתחילין לומר (פרקי אבות) עד י"ז בתמוז וי"א עד ר"ה

סנהדרין פ' י"א כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא · שֶׁנֶּאֱמַר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר :

א **מֹשֶׁה** קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה · הֵם אָמְרוּ שְׁלשָׁה דְבָרִים הֱווּ מְתוּנִים בַּדִּין וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה וַעֲשׂוּ סְיָג לַתּוֹרָה : ב שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק הָיָה מִשְּׁיָרֵי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה · הוּא הָיָה אוֹמֵר

מעשה אבות

**משה** קבל תורה מסיני משה רבינו האט מקבל גיוועזן דיא תורה פון גאט וואס ער האט זיך באוויזן אויף דעם בארג סיני · עס איז קשה ווארום האט רבינו הקדוש וואס האט דעם משניות גישריבן אריין גישטעלט דעם סדר פון דער תורה מקבל זיין אין דער דאזיגער מסכת אבות · דער תירוץ איז וויל דיא מסכת איז דאך ניט גימאכט גיווארין אויף איין מצוה פון דיא מצות פון דער תורה אזו וויא אנדערע מסכתות דען אנדערע מסכתות זיינען גימאכט גיווארין צו מאכן לערנען דיא ישראל דיא דינים פון די תרי"ג מצות אבער דיא מסכת איז נאר איטל מוסר אונ שטראף אונ מיר גיפינען דאס דיא חכמי אומות העולם האבין אויך גימאכט ספרים וואש זייא האבן אויס גיטראכט פון קאפ פון שטראף וועגין וויא אזוא איין מענטש זאל זיך פירין מיט זיין חבר דרום האט דער תנא אן גיהויבין דיא מסכת דאס משה האט מקבל גיוועזן דיא תורה אויף דעם בארג סיני צוא ווייזין דאס דיא שטראף רייד אונ מדות וואס זייגען אין דער מסכת גישריבין האבין דיא תנאים ניט אויש גיטראכט פון זיך זעלבסט נאר זייא זייגען אויך גיגעבין גיווארין אויף דעם בארג סיני · דרום הויבט אן דער תנא משה קבל תורה מסיני · נאך איין תירוץ איז דאש דרום שטעלט דא דער תנא דעם סדר פון קבלת התורה אין דער מסכת דען די תורה קען קיין קיום ניט האבן ביא דעם מענטשן נייערט ווען ער פעדערט צוא פארכטין זיך פאר איין זינד אזוא וויא דער תנא האט גיזאגט אין דער מסכת (כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקימת) דער וואש איי ער לערינט תורה האט ער מורא צוא טאן איין עבירה אונ זינדיגט ניט אזוא ווען ער לערינט נאך דעם דיא תורה האט די תורה ביא אים אקיום · אבער ווען דר מענטש זינדיגט אונ נאך דעם לערינט ער תורה האט דיא תורה ביא אים קיין קיום ניט אונ דרום האט דיא תורה איין קיום גיהאט ביא משה רבינו אונ ביא יהושע אונ אלע צדיקים דען זייא האבין גיפעדערט פארכט פון זינד איי זייא האבן די תורה מקבל גיוועזן · דרום האט דר תנא דא גשריבין דעם סדר פון קבלת התורה צו ווייזין דאס דרום האט די תורה ביא זייא אקיום גיהאט דען זייא האבן מקיים גיוועזן אלע דברי מוסר אונ מדות וואס זיינען אין דר מסכת גישריבן : ומסרה ליהושע אונ משה רבינו האט איבער גיענטפערט דיא תורה צוא יהושע · עס איז דא איין קשיא נאך וואס האט דער תנא פאר ענדערט זיינע רייד דאס ביא משה האט ער גישריבין דאס ער האט גינומען דיא תורה פון גאט וואלט ער ביא יהושע אויך

גידארפט

על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים: ג אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק הוא היה אומר אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס ויהי מורא שמים עליכם: ד יוסי בן יועזר איש צרדה ויוסי בן יוחנן איש ירושלים קבלו מהם · יוסי

## מעשה אבות

גידארפט צוא שרייבן דאס ער האט מקבל גיוועזן דיא תורה ביא משה איידער ער זאל שרייבן דאש גאט האט גיגעבן די תורה צו משה אונ משה האט זיא איבר גיענטפערט צוא יהושע דער תירוץ איז דען בשעת משה איז אויף גיגאנגן אויף דעם הימל דיא תורה צוא נעמען האבן דיא מלאכים מקטרג גיוועזן אונ האבן גיזאגט צוא גאט וויא קומט איין ילוד אשה צווישן אונז אונ ווארום זאלסטו בעסער ניט געבן דיא תורה צו אונז. אונ דיא מלאכים האבן גיוואלט פאר ברענגען דעם משה אונ משה האט גיזאגט צוא גאט דיא תורה וואש דוא ווילסט צו דיא ישראל געבן וואס איז גישריבן אין איר האט גאט גיזאגט עס שטייט דארטין דאש מען זאל ערליך האלטין פאטער אונ מוטער אונ מען זאל ניט גנבנן אונ מען זאל ניט מזנה זיין האט משה רבינו גיזאגט צוא דיא מלאכים · האט איר דען פאטער אונ מוטער אדער איר האנדעלט איינער מיט דעם אנדערין אדער ווייבער איז פאר האנדין צווישן אייך נוא וואש טויג אייך דיא תורה אונ מיט דיא טענות האט משה רבינו מנצח גיוועזן דיא מלאכים אונ האט זיא תורה גינומען אבער ווען משה וואלט ניט טענען וואלטין מיר דאך דיא תורה ניט גיהאט דרום שיקט זיך ביא משה צוא זאגן קבל ער האט מקבל גיוועזן דיא תורה דורך זיינע טענות אונ ביא יהושע שטייט ומסרה דאש משה רבינו האט זיא צוא איהם איבער גיענטפערט ויהושע לזקנים אונ יהושע האט איבער גיענטפערט דיא תורה צו די זקנים וואס האבן גימשפט דיא ישראל נאך דעם טויט פון יהושע: וזקנים לנביאים אונ דיא זקנים האבן איבר גיענטפערט דיא תורה צו דיא נביאים וואס זיינען גיוועזן נאך דיא זקנים · ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה אונ דיא נביאים האבן זיא איבר גיענטפערט צוא דיא חכמים וואס זיינען אן גירופין גיווארין אנשי כנסת הגדולה דאס איז טייטש איין הויך איין זאמלונג אונ דרום האט מען זייא מיט דעם נאמען גירופן דען זייא האבן אום גקערט דיא קרוין פון גאט צוא איר עלטער אזו וויא זיא איז פריער גיוועזן דען משה רבינו עליו השלום האט גיזאגט האל הגדול הגבור והנורא · דאס איז טייטש דער גרויסער אונ שטארקער אונ פארכטיגער גאט זיינען גיקומען ירמיה הנביא אונ דניאל אונ האבן ניט גיזאגט הגבור והנורא דען זייא האבן גיזאגט וואו איז דאס שטארקיים אונ דאס פארכטיקייט פון גאט ווען דיא ישראל זיינען אין גלות · אונ דיא אנשי כנסת הגדולה האבן יוא גיהייסין זאגין הגבור והנורא · דען זייא האבן גיזאגט דאס ועלבסט איז דאס שטארקייט אונ דאס פארכטיקייט פון גאט דאס די ישראל זיינען צווישן זיבעציג אומות אונ האבן איין קיום · דרום האט מען זייא גירופין אנשי כנסת הגדולה: הם אמרו שלשה דברים. דיא אנשי כנסת הגדולה זיינען גיוואונט גיוועזן צוא זאגין דיא דרייא זאכין: הוו

**בן יועזר איש צרדה אומר יהי ביתך בית ועד לחכמים והוי מתאבק בעפר רגליהם והוי שותה בצמא את דבריהם : ה יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך ואל תרבה שיחה עם האשה באשתו אמרו קל וחומר באשת חברו · מכאן אמרו**

מעשה אבות

מתונים בדין איר זאלט זיין גיווארינט אין משפט דאס מיינט מען ווען איין משפט קומט צו אייך זאלט איר ניט גיך פסקנען ביז איר ווערט אויס קלערין רעכט דעם משפט· רבי שמעון בר צמח שרייבט דאס מיינט מען איין מענטש זאל ניט פסקנען קיין שאלות ביז ער ווערט ראוי דער צוא· אונ דער תנא זאגט דאס חאטשע עס ווייזט אייך אוים אין אייערע אויגין דאס איר זייט גרויסע חכמים · אונ איר האט שוין גיגרייכט איר זאלט ראוי זיין צו פסקנען שאלות · פון דעסט וועגין זאלט איר זיין גיווארינט אונ זאלט ניט גיאיילט זיין צו פסקנען · אונ דאס מיינט דער פסוק (לבדו היטב דרשו משפט) לערינט פריער פיל אונ נאך דעם זאלט איר פארשטין צוא משפטין דאס הייסט שאלות פסקנען : רבי יצחק קארו שרייבט דאס דער תנא קומט לערנען · ווען מען וויל איין מענטשין פאר איין דיין אויף נעמן · זאל ער זיך ניט פרייען דרויף אונ זאל ניט איילין צוא ווערין איין דיין נאר ביז מען ווערט אים פיל בעטין · אדער עס גייט אויף די מענטשין וואס גייען איין דין תורה האבן צווישין זיך דאס זייא זאלין זיין גיווארינט איי זייא גייען צום דיין אונ זאל זיך בעסר זעלבסט אויס גלייכין איידר זייא זאלין בעטן איין גוטין פריינד דאס ער זאל צווישין זייא איין פשרה מאכין · דען ווען זייא גייען צום דיין אזוא באקומען זייא פיינדשאפט איינר מיט דעם אנדערין : והעמידו תלמידים הרבה · אונ איר זאלט שטעלין פיל תלמידים איר זאלט ניט זאגין עס איז שוין גינוג תלמידים וואס מען האט מיט זייא גילערינט תורה · דען מען קאן ניט וויסן ביי וועלכין תלמיד וועט די תורה בלייבן · רבי שמעון בר צמח שרייבט דאס דער תנא לערינט אונז דאס עס איז ניט אזו וויא דער תנא וואס האלט דאס מען זאל ניט לערנען קיין תורה נאר צוא אזו איין תלמיד וואס ער איז איין הגון כשר אונ איין פרומר · דען מען גיהער ניט צו אוועק שטויסין קיין מענטש וואס עם קומט צו לערנען תורה : ועשו סיג לתורה אונ איר זאלט מאכין איין צוים צו דער תורה · חאטשע מיר האבין דאך פריער גיזאגט דאס מען זאל לערנען תורה צו יעדער מענטש וואס קומט צו לערנען פון דעסט וועגין זאלט איר מאכין איין צוים · דאס איר זאלט ניט אנטפלעקין די סודות פון דער תורה · נאר צוא אזו איין תלמיד וואס ער איז ראוי דער צוא · אונ וויא ווייט איר וועט זעהען דאס פרומקייט פון דעם תלמיד אזוא פיל מענט איר אים אנטפלעקין די סודות פון דער תורה אונ אזו איין תלמיד וואס ער איז ניט אזו פרום זאלט איר אים מער ניט אנטפלעקין נאר ווערליג זיין פרומקייט גרייכט אבער אוועק צו שטויסין אים פון דעם בית המדרש ער זאל גאר ניט לערנען · דאס גיהערט איר ניט צוא טאן · נאר איר זאלט מאכין שטעלין פיל תלמידים אונ חאטשע איר וועט זעהען דאס ער קומט ניט צו לערנן די תורה פון נאמס וועגין · פון דעסט וועגין זאלט איר מיט אים לערנען דען פון דעם וועט קומען

דאס

חֲכָמִים כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם: ו יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה וְנִתַּאי הָאַרְבֵּלִי קִבְּלוּ מֵהֶם יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה אוֹמֵר עֲשֵׂה לְךָ רַב וּקְנֵה לְךָ חָבֵר וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת: ז נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי אוֹמֵר הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע וְאַל תִּתְיָאֵשׁ מִן הַפּוּרְעָנוּת: ח יְהוּדָה בֶּן טַבַּאי וְשִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח קִבְּלוּ

### מעשה אבות

דָאס עֶר וֶועט לֶערְנֶען פוּן גָאטֶס וֶועגִין · אַזוֹ וְויא מִיר גִיפִינֶען אַיין מַעֲשֶׂה אִין זוֹהַר רַבִּי אַבָּא וֶוען עֶר אִיז גִיקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · הָאט עֶר אוֹיס גִירוּפִין וֶוער עֶס וִויל עֲשִׁירוּת אוּנ לַאנְג לֶעבִּין זָאל קוּמֶען צוּ לֶערְנֶען הַתּוֹרָה · אַיין מָאל אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען אַיין בָּחוּר פוּן גַאס אוּנ זָאגְט צוּ רַבִּי אַבָּא מַיין לִיבֶּער רַבִּי אִיךְ וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה כְּדֵי אִיךְ זָאל עֲשִׁירוּת הָאבִּין · הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ אִים יוֹא עֶס וֶועט זַיין אַזוֹ הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט וְויא אִיז דַיין נָאמֶען הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט מַיין נָאמֶען אִיז יוֹסֵי · הָאט רַבִּי אַבָּא אִים אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים דָאשׁ זַייא זָאלִין מִיט אִים לֶערְנֶען אוּנ הָאט גִיהֵייסִין דָאס זַייא זָאלִין אִים רוּפִין יוֹסֵי דֶער הַאר פוּן גוּטְשׁ אוּנ רַייכְקַייט · אַיין מָאל אִיז יוֹסֵי גִישְׁטַאנֶען פַאר רַבִּי אַבָּא הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא אִים רַבִּי וְואוּ אִיז מַיין עֲשִׁירוּת וָואס דוּא הָאסְט מִיר צוּא גִיזָאגְט דָאס אִיךְ וֶועל הָאבִּין וֶוען אִיךְ וֶועל תּוֹרָה לֶערְנֶען · הָאט רַבִּי אַבָּא גִיזָאגְט עֶס וַוייזְט אוֹיס דָאס עֶר לֶערִינְט נִיט פוּן גָאטֶס וֶועגִין · אוּנ רַבִּי אַבָּא אִיז פוּן אִים אַוֶועק אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין זַיין חֶדֶר הָאט עֶר גִיהֶערְט אַיין קוֹל · דָאס עֶס זָאגְט שְׁטְרָאף אִים נִיט דֶען עֶר וֶועט אַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם זַיין · הָאט זִיךְ רַבִּי אַבָּא אוּם גִיקֶערְט צוּ אִים אוּנ הָאט גִיזָאגְט זִיץ מַיין זוּן זִיץ אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין עֲשִׁירוּת · דֶרִינֶען קוּמְט אָן אַיין מֶענְטְשׁ אוּנ אַיין גִין גָאלְדֶענֶע כֵּלִי אִיז אִין זַיין הַאנְט אוּנ זָאגְט צוּ רַבִּי אַבָּא רַבִּי אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט תּוֹרָה לֶערְנֶען קֶען אִיךְ נִיט · אִיצוּנְד וִויל אִיךְ דָאס אַיינֶער זָאל וֶועגִין מִיר לֶערְנֶען אוּנ אִיךְ וֶועל אִים פִיל גוּטְס גֶעבִּין · דֶען אִיךְ בִּין אַגְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר פוּן דֶעם וָואס מַיין פָאטֶער הָאט מִיר יְרוּשָׁה גִילָאזְט דֶען וֶוען מַיין פָאטֶער פְלֶעגְט זִיךְ זֶעצִין עֶסִין זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם טִישׁ צְוֶועלְף כֵּלִים פוּן גִין גָאלְד אַזֶעלְכֶע וְויא אִיךְ הָאבּ דָא מִיט זִיךְ · הָאט רַבִּי אַבָּא גִיזָאגְט צוּ יוֹסֵי לֶערִין דוּא תּוֹרָה · אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דִיר עֲשִׁירוּת גֶעבִּין אִיז אַזוֹ גִיוֶועןעֶר הָאט גִילֶערִינְט אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים פִיל גֶעלְט גִיגֶעבִּין · אַיין מָאל אִיז אִיבּ אִין זַיין הַארְץ אַיין גִילוּסְטוּנְג צוּ דֶער תּוֹרָה גִיקוּמֶען · אִיז עֶר גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיוַויינְט אוּנ רַבִּי אַבָּא הָאט אִים גִיטְרָאפִין דָאס עֶר וַויינְט הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ אִים וָוארוּם וַויינְסְטוּ הָאט יוֹסֵי גִיזָאגְט וָוארוּם זָאל אִיךְ נִיט וַויינֶען · דֶען אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גִילָאזְט דָאס אֵייבִּיג לֶעבִּין פוּן גֶעלְט וֶועגִין אוּנ אִיצוּנְד וִויל אִיךְ לֶערְנֶען פוּן מַיינְט וֶועגִין זֶעלְבְּסְט · הָאט רַבִּי אַבָּא גִיזָאגְט אִיצוּנְד וַוייזְט אוֹיס דָאס עֶר מַיינְט פוּן גָאטֶס וֶועגִין אַזוֹ הָאט עֶר צוּ דֶעם עוֹשֶׁר גִירוּפִין אוּנ זָאגְט צוּ אִים נֶעם דַיין גוּטְס וָואס דוּא פְלֶעגְסְט זוּ גֶעבִּין צוּ דֶעם · אוּנ גִיבּ עֶס צוּ יְתוֹמִים אוּנ צוּ אָרִימֶע לַייט אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר אַיין גְרוֹיסִין חֵלֶק גֶעבִּין פוּן דֶעם וָואס מִיר אַלֶע לֶערְנֶען הָאט רַבִּי יוֹסֵי אִים צוּרִיק גִיגֶעבִּין דִיא כֵּלִי פוּן

דיי

מֵהֶם · יְהוּדָה בֶּן טַבַּאי אוֹמֵר אַל תַּעַשׂ עַצְמְךָ כְּעוֹרְכֵי הַדַּיָּנִין וּכְשֶׁיִּהְיוּ בַּעֲלֵי הַדִּין עוֹמְדִים לְפָנֶיךָ יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּרְשָׁעִים וּכְשֶׁנִּפְטָרִים מִלְּפָנֶיךָ יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כְּזַכָּאִין כְּשֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין: ט שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח אוֹמֵר

מעשה אבות

גין גאלד וואס ער האט ביא אים גינומען אונ האט שוין גילערנט פון גאטס וועגין · אונ ער האט זוכה גיוועזן צו לערנען תורה ער אונ זיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ מען האט אים איין נאמען גיגעבין בן פזי · דאס איז טייטש דער מענטש פון גין גאלד · דאס איז גיוועזן דער תנא רבי יוסי בן פזי · רבי שם טוב שרייבט דאס מיינט דער תנא ועשו סיג לתורה איר זאלט מאכין איין צוים צו דער תורה · דען דיא טבע פון איין מענטשין איז צוא גלושטין צוא אזוא איין זאך וואש עס איז ביטער צוא דער נשמה אונ זים צום גוף אונ דיא זאכין וואש מען טאר ניט צוא טאן · חאטשע זייא זיינען מיאוס פון דעסט וועגן איז דער שטייגער פון דעם יצר הרע דאס ער זאל גילוסטין צוא זייא · דרום זאגט אן דער תנא דאש איר זאלט מאכין איין גדר צוא דער זאך וואש מען טאר ניט אונ מען זאל אויף זיך אסרן אזו איין זאך וואס מען מעג צו טאן נאר עס קען דער פון קומען מען זאל טאן דיא עבירה אונ דער וואס איז מקיים זייערע רייד איז זיין שכר זייער פיל :

שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה דער כהן גדול שמעון הצדיק ער איז איבר גיבליבן פון דיא הויך איין זאמלונג דאס איז דיא כנסת הגדולה הוא היה אומר ער פלעגט צוא זאגין על שלשה דברים העולם עומד אויף דרייא זאכין שטייט דיא וועלט על התורה מען זאל לערנען דיא תורה צוא האלטין ועל העבודה אונ אויף דיא קרבנות ועל גמילות חסדים אונ אויף דעם וואס איין מענטש איז גומל חסד מיט דעם אנדערין · דען דיא וועלט האט קיין קיום ניט נאר ווען דער מענטש איז גאנץ מיט לערנען אונ מיט טאן אונ אין טאן איז פאר האנדין צוויא טייל איינס וואס איין מענטש גיהער צו טאן צו גאט אונ דאס אנדערע וואס איין מענטש גיהער צו טאן מיט זיין חבר אונ אנטקעגין דעם ענין פון לערנען האט ער גיזאגט על התורה · דאס דורך דעם לערנען פון דער תורה האט דיא וועלט אקיום · אונ אנטקעגין דעם וואס דער מענטש גיהער צו טאן צו גאט האט ער גיזאגט על העבודה · דאס דורך דעם וואס דער מענטש איז גאנץ אין גאטס דינסט האט דיא וועלט אקיום · אונ אנטקעגין דעם וואס איין מענטש גיהער צו טאן מיט זיין חבר האט ער גיזאגט ועל גמילות חסדים · רבי מתתיה היצהרי שרייבט על התורה מיינט מען אויף דעם וואס דיא ישראל האלטין דיא תורה אזו וויא מיר גיפינען אין דער גמרא רבי שמעון בן לקיש זאגט איין תנאי האט גאט אוים גינומען מיט דער וועלט בשעת ער האט זיא באשאפין ווען דיא יודין וועלין מקבל זיין די תורה איז גוט אונ ווען ניט וועט ער זיא אום קערין צו וויסטעניש אזו וויא עס איז פריער

גיוועזן

**הֱוֵי מַרְבֶּה לַחֲקוֹר אֶת הָעֵדִים וֶהֱוֵי זָהִיר בִּדְבָרֶיךָ שֶׁמָּא מִתּוֹכָם יִלְמְדוּ לְשַׁקֵּר: י שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן קִבְּלוּ מֵהֶם שְׁמַעְיָה אוֹמֵר אֱהַב אֶת הַמְּלָאכָה וּשְׂנָא אֶת הָרַבָּנוּת וְאַל תִּתְוַדַּע לָרָשׁוּת*): יא אַבְטַלְיוֹן אוֹמֵר חֲכָמִים הִזָּהֲרוּ**

### מעשת אבות

גיוועזן · אדער דיא אלע דרייא זאכין וואס דער תנא זאגט גייט עס אלץ אויף דער תורה · דען דיא תורה איז אויף דרייא טייל צו טיילט · איין טייל איז דיא סודות וואס געפינען זיך אין איר · אונ דעם שכר מיט דעם. עונש וואס עס איז געשריבין אין איר שכר צו דיא וואס זיינען מקיים דיא תורה אונ עונש צו דיא וואס זיינען עובר אויף דער תורה אונ אויף דער טייל האט דער תנא גיזאגט על התורה אונ דיא אנדערע טייל פון דער תורה איז דיא מצות וואס גאט האט גיבאטין צו טאן דהיינו צו מקריב זיין קרבנות אונ הייליג האלטין שבת אונ ימים טובים אונ וועלכם מען טאר ניט עסין דרויף האט דער תנא גיזאגט ועל העבודה · אונ דיא דריטע טייל איז פון דער תורה וואש איין מענטש גיהער זיך צוא פירין מיט זיין חבר דרויף האט דער תנא גיזאגט ועל גמילות חסדים: אנטיגנוס איש סוכו אנטיגנוס דער הער פון דער שטאט סוכו קבל משמעון הצדיק. ער האט מקבל גיוועזן פון שמעון הצדיק הוא היה אומר ער פלעגט צו זאגין אל תהיו איר זאלט ניט זיין כעבדים המשמשין את הרב וויא דיא קנעכט וואש באדינען דעם הערין על מנת לקבל פרס פון דעסט וועגן ער זאל געמען ניצאלט אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב נאר איר זאלט זיין וויא דיא קנעכט וואש באדינען דעם הערין שלא על מנת לקבל פרס ניט פון ניצאלט וועגין · דוא זאלסט ניט זאגין איך וועל מקיים זיין די מצות פון נאט כדי ער זאל מיר געבין נאר מיין באדערפעניש · נאר דוא זאלשט טאן דיא מצות פון וועגין דעם ליבשאפט פון גאט · דער אברבנאל שרייבט דאס דער טעם פון דער זאך איז דען ווען איין מענטש וועט דינען זיין באשעפער וועגין ער זאל אים זיין באדערפעניש געבין וועט פון דעם אשלעכטע זאך ארויס קומען דען איין מאל וועט גאט ניט וועלין אים זיין באדערפעניש געבין דען ער וועט וועלין אים פרובין צי ער וועט נאך זיינע וועגין האטשע ער וועט אים זיין באדערפעניש ניט געבין אונ דער מענטש וועט ניט טראכטין דאס גאט פרובט אים אונ דרום וועט ער מורד זיין אין גאט דאס ער זעהעט ער איז מקיים זיינע מצות כדי ער זאל אים געבין זיין באדערפעניש אונ האט ניט זיין באדערפעניש אונ זיינע קינדער גייען אויש פון הונגער אזו וועט ער חרטה האבין אויף דיא ערשטע זאכין אונ וועט זאגין דאש עס איז חס ושלום גאר אום זיסט צוא דינען גאט · דרום האט אונז דער תנא אן גיזאגט דאס מען זאל פון פריער ניט אן הויבין צוא דינען פון וועגין דאס גאט זאל געבין דעם שכר אויף דער וועלט · אונ מיט דעם וועט דער מענטש תמיד גאנץ זיין צוא גאט ווען אפילו ער וועט מיט זיים ניט גוטש טאן אויף דער וועלט · רבי משה אלשיך שרייבט דאס אזו איז דער פשט איר זאלט ניט זיין אזו וויא דיא קנעכט וואס דינען צום הערין פון גיצאלט וועגין · דאס הייסט אזוא איין קנעכט וואש זיין האר קויפט אים פאר געלט דאש זיין מחשבה איז גאר

*) פי׳ [illegible] מרשות [illegible] מן המדינה :

בְּדִבְרֵיכֶם שֶׁמָּא תָחוּבוּ חוֹבַת גָּלוּת וְתִגְלוּ לִמְקוֹם מַיִם הָרָעִים וְיִשְׁתּוּ הַתַּלְמִידִים הַבָּאִים אַחֲרֵיכֶם וְיָמוּתוּ וְנִמְצָא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְחַלֵּל: יב הִלֵּל וְשַׁמַּאי קִבְּלוּ מֵהֶם· הִלֵּל אוֹמֵר הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן אוֹהֵב שָׁלוֹם

### מעשה אבות

צוא אנטלויפין פון דעם האר נאר איר זאלט זיין וויא דיא קנעכט וואש דינען ניט פון גיצאלט וועגין דאס הייסט אזוא איין קנעכט וואס ער איז גיבארין גיווארין ביי דעם האר אונ דער האר האט אים מגדל גיוועזן · אונ חאטשע דער האר מינערט פון איך עפיס גיהער ער פון דעסט וועגין צוא דינען אים וועגין דעם גינאד וואס דער האר האט מיט אים גיטאן · דאס ער האט אים מגדל גיוועזן : ויהי מורא שמים עליכם אונ עס זאל זיין דיא פארכט פון גאט אויף אייך · קום אונ זעה איין וואונדערליכע מעשה וואס עס האט זיך גיטראפין מיט החכם הרב רבי משה גלאנטי זצ״ל אונ דוא וועסט זעהען וויא ווייט עס גרייכט דאס איין מענטש גיהער זיך צו פארכטין פאר גאט :

הרב רבי משה גלאנטי זצ״ל איז גיזעסין אין דמשק ער איז גיוועזן איין גרויסער צדיק אונ איין פרומער מאן · ער איז גיוועזן בקי אין אלע זיבין חכמות וואש זיינען פאר האנדין אויף דער וועלט · אין זיין דור איז אזוא איין חכם וויא ער ניט גיוועזן נאר איין מענטש איז גיוועזן אין דמשק איין ישמעאל מען האט אים גירופין אויף ערבי לשון שעך · דאס הייסט איין גרויסער חכם אונ איין פילוסוף דאש ער איז אויך בקי גיוועזן אין אלע זיבין חכמות אונ נאך מער האט דער שעך גיהאט איין חכמה דאש ווען איין מענטש איז שלאף גיוועזן פלעגט מען קומען צוא אים דאס ער זאל גאט בעטין אויף אים אונ נאך זיין תפלה פלעגט ער זאגין וואס דער סוף פון דעם חולה וועט זיין ציא ער וועט לעבין אדער ער וועט שטארבין אונ עש איז אזוא גיוועזן וויא ער האט גיזאגט · אז הרב רבי משה גלאנטי האט דיא זאך גיהערט · האט ער זיך זייער גיוואונדערט אונ האט גיזאגט ווא עס ווייזט אוים דאס דער שעך איז היילינער פון מיר פאר וואר איך דין דאך גאט אונ לערין זיין תורה אונ האלט זיינע מצות גאר מיינע טעג ווארום זאל איך ניט זיין וויא דער שעך · האט ער זיך מישב גיוועזן אונ האט גירופין דעם פרנס חורש פון דמשק אונ זאגט צוא אים גייא צוא דעם שעך אונ זאג אים דאש דער רבי פון דיא יודין באגערט צוא זעהען זיך מיט דיר האט ער אזוא גיטאן אונ איז צוא דעם שעך גיגאנגען אונ האט עש אים גיזאגט · אזו האט דער שעך גיזאגט פאר וואר איך האב אויך דעם גוטין נאמען פון אייער רבי גיהערט אונ איך באגער צו זעהן אים דען ער איז אקלוגער מאן · איז גיקומען דער פרנס חורש אונ האט צו הרב רבי משה גיזאגט · אזו איז ער באלד גיגאנגען צו אים · אונ דער שעך האט אים צו גינומען מיט גרוים כבוד אונ האט מיט אים גישמועסט · אזו וויא זייא שמועסין פרעגט אים דער שעך ביסטו עפעס בקי אין דער אונ אין דער חכמה · האט הרב רבי משה גיזאגט מיין האר גאט האט מיך גילייטוועלינט צו וויסין אין דער חכמה אזו האט אים דער שעך פיל שאלות גיפרעגט אין דער חכמה אונ הרב רבי משה האט אים יעדער זאך גיענטפערט אונ ער האט גיזעהען

דאס

וְרוֹדֵף שָׁלוֹם אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה: יג הוּא הָיָה אוֹמֵר נְגִיד שְׁמָא אֲבַד שְׁמֵהּ וּדְלָא מוֹסִיף יָסֵף וּדְלָא יַלִּיף קְטָלָא חַיָּב וּדְאִשְׁתַּמַּשׁ בְּתָגָא חֳלָף: יד הוּא הָיָה אוֹמֵר אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי וּכְשֶׁאֲנִי לְעַצְמִי מָה

**מעשה אבות**

דָאס ער איז בָּקִי אין דֶער חָכְמָה אַזוֹ וויא ער אונ דורך דֶעם האט דֶער שֶׁעךְ זַייעֶר ליב גיקְרִיגִין צו הָרַב רַבִּי משֶׁה אונ האט אים גיבִּיטִין דָאס ער זָאל קוּמֶען צו אים · איין מָאל אין דֶער וָואךְ · דֶעם אַנְדֶערִין טָאג נָאךְ דֶעם האט זִיךְ דֶער שֶׁעךְ נִיט גיקָאנְט אויף הַאלְטִין אונ האט גישִׁיקְט צְווייא קְנֶעכְט מִיט איין פֶערְד דָאס הָרַב רַבִּי משֶׁה זָאל קוּמֶען צו אִים · ווען ער איז צו דֶעם שֶׁעךְ גיקוּמֶען האט ער אִים אָן גיהוֹיבִּין זֵיין קוּשִׁין אונ הַאלְזִין אונ זָאגְט צו אִים מַיין פְרֵיינְד פון דֶער צַייט וָואס דוא בִּיסְט פון מִיר אַוֶועק איז מַיין זַייל גיבּוּנְדִין גיוָוארִין צו דִיר אונ אִיךְ האבּ מִיךְ שׁוֹין נִיט גיקֶענְט אויף הַאלְטִין צו וַוארְטִין אַז דוא זָאלְסְט זֶעלְבְּסְט קוּמֶען צו מִיר אונ זַיינֶען ווידֶער גיזֶעסִין אונ האבִּין גישְׁמוּעֶסְט אונ דֶער שֶׁעךְ האט אים גיפְרֶעגְט פון איין אַנְדֶער חָכְמָה האט אִים הָרַב רַבִּי משֶׁה ווידֶער גיעֶנְטְפֶערְט אויף יֶעדֶער זַאךְ אונ אַלֶע צְווייא טֶעג פְלֶעגְט הָרַב רַבִּי משֶׁה קוּמֶען צו דֶעם שֶׁעךְ אונ האבִּין בַּאנַאנְד גישְׁפְּרָאכִין פון דִבְרֵי חָכְמָה אונ דֶר שֶׁעךְ האט גיזֶעהֶען דָאס ער איז בָּקִי אין אַלֶע זִיבֶּן חָכְמוֹת · איין זַאךְ איז גיוֶועֶן פון דֶער זִיבֶּעטֶער חָכְמָה דָאס דֶער שֶׁעךְ האט עֶס נִיט גיווָאוּסְט האט ער גיפְרֶעגְט צו הָרַב רַבִּי משֶׁה אויבּ ער ווייס דִיא זַאךְ האט ער אים גיזָאגְט דָאס ער ווייס עֶס · אַזוֹ איז דֶער שֶׁעךְ גיפַאלִין פַאר זַיינֶע פִיס אונ זָאגְט צו אִים אִיךְ בֶּעט דִיךְ לֶערִין עֶס מִיךְ דֶען דִיא זַאךְ איז פון מִיר פַאר מִיטִין · אַזוֹ זָאגְט הָרַב רַבִּי משֶׁה דִיא חָכְמוֹת וָואס אִיךְ קֶען זַיינֶען מִיר שְׁווֶער אָן גיקוּמֶען אונ אִיךְ האבּ זֵייא נִיט בַּאקוּמֶען אוּם זִיסְט · דְרוּם וֶועל אִיךְ דִיךְ אויךְ נִיט לֶערְנֶען אוּם זִיסְט · האט דֶער שֶׁעךְ גיזָאגְט זָאג מִיר וָואס דַיין הַארְץ גילוּסְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין · האט הָרַב רַבִּי משֶׁה גיזָאגְט אִיךְ מַיין נִיט קַיין גֶעלְט צו נֶעמֶען נָאר דוא זָאלְסְט מִיךְ פַאר דֶעם איין אַנְדֶער חָכְמָה לֶערְנֶען זָאגְט דֶער שֶׁעךְ וָואס פַאר איין חָכְמָה זָאל אִיךְ דִיךְ לֶערְנֶען וָוען דוא בִּיסְט בָּקִי אין אַלֶע חָכְמוֹת אונ עֶס איז נִיטָא אַזוֹ איין חָכְמָה וָואס אִיךְ ווייס אונ דוא ווייסְט נִיט · האט הָרַב רַבִּי משֶׁה גיזָאגְט · דוא האסְט איין וואוּנְדֶערְלִיכֶע חָכְמָה וָואס אִיךְ ווייס איר נִיט · דָאס וָוען דוא טוּסְט מִתְפַּלֵל זַיין אויף איין שְׁלַאפִין איז פַאר דִיר אַנְטְפְּלֶעקְט צִיא ער וֶועט לֶעבִּין בְּלַייבִּין צִיא ער וֶועט שְׁטַארְבִּין · זָאגְט דֶער שֶׁעךְ דִיא חָכְמָה קֶען אִיךְ נִיט אַנְטְפְּלֶעקִין צו קַיין שׁוּם בַּשֶׁעפֶענֶעשׁ אויף דֶער וֶועלְט · האט הָרַב רַבִּי משֶׁה גיזָאגְט מַיין חָכְמָה קֶען אִיךְ אויךְ נִיט זָאגִין צו קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ · זָאגְט דֶער שֶׁעךְ ווייס מַיין פְרֵיינְד דָאס אִיךְ בִּין בַּשְׁווָארִין פון מַיינֶע עֶלְטֶערִין דָאס אִיךְ זָאל נִיט זָאגִין דִיא זַאךְ צו קֵיינֶעם · האט הָרַב רַבִּי משֶׁה גיזָאגְט אִיךְ בִּין אויךְ בַּשְׁווָארִין נִיט צו לֶערְנֶען מַיין חָכְמָה צו קֵיינֶעם אָבֶּער אִיךְ הַאלְט עֶס איז דָאךְ פון מַיין טוֹבָה וֶועגִין דָאס אִיךְ זָאל איין אַנְדֶער חָכְמָה בַּקוּמֶען דוּרךְ דֶעם · אַזוֹ מֶעג אִיךְ דִיא זַאךְ אַנְטְפְּלֶעקִין דְרוּם וֶעגֶנְסְט

אויך

אֲנִי וְאִם לֹא עַכְשָׁו אֵימָתָי: טו שַׁמַּאי אוֹמֵר עֲשֵׂה תוֹרָתְךָ קֶבַע אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת: טז רַבָּן

מעשה אבות

אויך מיר זאגין דיין חכמה כדי דוא זאלסט קענען מיין חכמה · זאגט דער שעך ווען עס איז אזו · וועל איך דיר זאגין אונ נון שטייא אויף אונ גייא אהיים אונ גרייט זיך אן דוא זאלסט פאסטין צווייא טעג איינס נאך דעם אנדערין · אונ זאלסט איצונד אויך ניט עסין קיין פלייש אונ ניט טרינקען קיין ויין אונ ווען דוא וועסט היינט אפ עסין זאלסטו גיין זיך טובל זיין אונ זאלסט אנדערע קליידער אן טאן אונ דיא צווייא טעג וואס דוא וועסט פאסטין זאלסטו דיך טובל זיין פריא אונ אבינט אונ זאלסט נאך יקלערן נאך דיינע מעשים דען עס איז ניט פאר האנדין קיין מענטש אויף דער וועלט דאס ער זאל ניט זינדיגן · אונ הרב רבי משה האט אזו גיטאן · אונ נאך דיא צווייא טעג איז ער צו דעם שעך גיקומען אזו האט דער שעך גיזאגט צו אים איצונד קום וועל איך דיר ווייזין דעם סוד האט ער אים גינומען אונ האט אים גיפירט אין איין חדר אונ האט דיא טיר פאר שלאסין דאס קיינער זאל ניט ארין גיין אונ פון דעם חדר זיינען זייא ארויס גיקומען צו איין ווייז גארטין אונ אין דעם ווייז גארטין איז גיגאנגען איין שאזיפקי אונ לעבין דעם איז גיוועזען איין באנק אונ אויף איר איז גילעגין צווייא פאר ווייסע קליידער האט דער שעך גיזאגט איידער מיר קומען צו דעם הייליגין ארט לאמיר זיך טובל זיין האבין זייא זיך טובל גיוועזען אונ האבין אן גיטאן דיא ווייסע קליידר אונ גייען ווייטער בנאנד · הרב רבי משה הויבט אויף זיינע אויגן זעהט ער איין פאליטש דאס ער האט זיין גלייכין ניט גיזעהען ער איז זייער שיין גיבויט אונ זיינע טירין זיינען פון גילייטערטע זילבער אונ גימאלט מיט אלערלייא גימעלין דאס זיין גלייכין איז בייא איין קיסר ניט פאר האנדין · בשעת דער שעך האט גינעהענט צו דער טיר פון דעם פאליטש האט ער גיזאגט צו הרב רבי משה זייא גיהיט דאס דו זאלסט אהער ארין קומען מיט גרויס פארכט אונ ציטערניש אונ וואס איך וועל טאן זאלסטו אויך טאן · וויא זייא זיינען אין דעם פאליטש גיקומען איז גיפאלין אויף דעם שעך איין גרויס ציטערניש אונ האט זיך גיבוקט זיבן מאל אנטקעגין אחדר וואס איז אין דעם פאליטש גיוועזען אונ ער איז גיוועזען פאר האנגען מיט איין פיר האנג אויס גיוועבט מיט טייערע דימאנטין גאר אן איין שיעור · אזו האט זיך הרב רבי משה זייער דער שראקין דען ער האט זיך גיטראכט טאמער שטייט דארטין איין בילד · האט ער פאר מאכט דיא אויגין אונ האט גיזאגט שויתי ה' לנגדי תמיד אונ האט זיך גיבוקט זיבן מאל אזו וויא דער שעך האט אים גיבאטין · האט דער שעך גיזאגט צו הרב רבי משה מיט איין נידעריגע שטים אונ איין צו בראכין הארץ · גייא צו דעם חדר אונ מאך אויף דיא טירן וועסטו דארטין גיפינען דיין בגער · האט ער אזו גיטאן אונ האט גיזעהן דאס עס איז דארטין פאר האנדין איין טאוויל וואס אויף אים איז גימאלט דאס גישטאלט פון דער מנורה אונ אויבין איז גישריבן דער פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד אונ דיא אותיות פון

דעם

גַמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר עֲשֵׂה לְךָ רַב וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק וְאַל תַּרְבֶּה לְעַשֵּׂר אֳמָדוֹת: יז שִׁמְעוֹן בְּנוֹ אוֹמֵר כָּל יָמַי גָּדַלְתִּי בֵּין הַחֲכָמִים וְלֹא מָצָאתִי

### מעשה אבות

דעם שם זיינן געוועזן גרוים · האט ער זיך זייער גיפרייעט דאס ער האט זיך ניט ניבוקט אום זיסט אין זיינן ביידע · צוריק גיגאנגען האט הרב רבי משה גיזאגט צו דעם שעך נוא דוא האסט מיר גיזאגט דאס איך וועל דא מיין בגער ווישן אונ איך ווייס דאך מער ניט ניירט וואס איך האב גיזעהן האט דער שעך גיזאגט דוא זאלסט וויסן דאס דיא גרויסע אותיות וואס דוא האסט גיזעהן דאס איז דער נאמען פון דעם וואס האט דיא וועלט בשאפין אונ ווען איין מענטש קומט צו מיר דאס איך זאל בעטן אויף איין שלאפין נייא איך אונ בין מיך טובל אונ נייא אריין אין דעם פאלימש מיט גרויס פארכט אונ ציטערניש אונ בין מתפלל ביא דעם פיר האנג וואס דוא האסט גיזעזען אונ נאך דעם מאך איך אויף דיא טירן אונ ווען איך זעה דיא אותיות פון דעם הייליגן נאמען לייכטין אונ שיינען אזו ווייס איך דאס דער שלאפער וועט לעבין אונ ווען איך זעה איין וואלקין אויף דיא אותיות אזו ווייס איך דאס ער וועט שטארבין אונ דער שעך האט גימיינט דאס קיינער ווייס ניט דיא זאך וויא אזו דער נאמען פון גאט איז אונ הרב רבי משה איז אהיים גיקומען אונ האט איין גרויס גיוויין גיוויינט אונ האט גיזאגט וויא איז צו אונז פון דעם יום הדין דען ומה דאך דער שעך דאס דורך דעם וואס ער ווייס דאס דאש איז דער נאמען פון גאט טוט ער אים אזו איין כבוד אונ איין פארכט אונ איין ציטערניש בגריפט אים ווען ער קומט צו דעם חדר · וואס זאלין מיר שוין זאגין מיר וואלטין דאך גיקערט מער צו טאן אונ בפרט ווען מיר דער מאנען דעם נאמען פון גאט גיהער אונז אן נעמן איין גרויס ציטערניש :

יוסי בן יועזר איש צרדה דער הער פון דער שטאט צרדה ויוסי בן יוחנן איש ירושלים דער הער פון ירושלים קבלו מהם זייא האבין פון זייא מקבל גיוועזן דיא תורה יוסי בן יועזר אומר יוסי בן יועזר זאגט יהי ביתך בית ועד לחכמים דיין הויז זאל זיין איין הויז פון איין זאמלונג צו דיא חכמים דאס זייא זאלין קומען מפלפל זיין אין דער תורה אדר תקנות מאכין · כדי דוא זאלסט פון זייא מקבל זיין דברי חכמה ומוסר: והוי מתאבק בעפר רגליהם אונ דוא זאלסט זיך שטויבין אין דער ערד פון זייערע פיס כלומר דוא זאלסט נאך גיין נאך דיא חכמים דוא זאלסט הערין זייערע רייד אונ ווען איינער גייט הינטער זיין חבר אזו פאלט אויף אים דער שטויב פון דער ערד וואס זיין חבר מאכט מיט זיין גאנג · והוי שותה בצמא את דבריהם אונ דוא זאלסט טרינקען אין דארשט זייערע רייד כלומר אזו וויא איין מענטש וואס איז דארשטיג ניט אזוא וויא איינער וואס איז זאט · רבי יוסף יעבץ שרייבט דרויף דוא זאלסט ניט זאגין איך האב שוין פון דיא מענטשין פיל מאל גיהערט זייערע רייד אונ איך דארף שוין ניט נאך קלערין נאך זייא נאר איך זאל זייא מקבל זיין אונ גלויבין דריגען דרום זאגט דער תנא דאס דוא זאלסט טרינקען זייערע רייד אזוא וויא איין דארשטיגער כלומר גלייך אז דוא האסט זייערע רייד ניט

ניהערט

לְגוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה · וְלֹא הַמִּדְרָשׁ עִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה · וְכָל הַמַּרְבֶּה דְבָרִים מֵבִיא חֵטְא : יח רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל אוֹמֵר עַל שְׁלשָׁה דְבָרִים

**מעשה אבות**

גיהערט קיין מאל אונ דוא זאלסט אין זייא נאך קלערין · יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר יוסי בן יוחנן דער הער פון ירושלים זאגט יהי ביתך פתוח לרוחה דיין הויז זאל זיין אפין צוא דער ברייטען צוא געבין צדקה צוא ארימע לייט ויהיו עניים בני ביתך אונ ארימע לייט זאלין זיין דיין הויז גיזינד כלומר דיינע הויז לייט וואש דוא דארפשט זייז דיך צוא באדינען זאלסטו בייא דיר האלטין עניים דיך באדינען זייא זאלין בייא דיר פרנסה האבין · אדער אזוא אין דר פשט דיא עניים וואס קומען צוא דיר צדקה נעמען זאלין זיין גלייך אז דיין הויז גיזינד אזו וויא ווען דוא גיסט צו דיינע קינדער גיסטו דאך מיט איין פריילך הארץ אזו גלייך זאלסטו מיט איין פריילך הארץ זיין ווען דוא גיסט צדקה צו איין עני דען דער מענטש וואס ער גיט צדקה טוט ער מיט זיך זעלבסט גמילות חסד דען זיין שכר איז זייער פיל · אדער אזו איז דער פשט · יהי ביתך פתוח לרוחה דיין הויז זאל זיין אפין צו דער ברייטערן צו געבין צדקה ווארום דער סוף וועט דאך זיין ויהיו עניים בני ביתך דאס דיין הויז גיזינד וועלין עניים זיין דען דאש ארומקייט איז גלייך אז איין ראד וואש עס דרייט זיך אפילו ווען דוא וועסט בייא דיין לעבין ניט קומען דר צו וועט פאר גיוויס קומען דיין קינד אדער דיין קינדס קינד אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה אין דער גמרא דאש רבי חייא האט גיזאגט צו זיין ווייב ווען איין ארומאן וועט קומען צו דיר ברויט בעטין זאלסטו פעדערין אים צוא געבין כדי דאס מען זאל פעדערין ברויט צוא דיינע קינדער ווען זייא וועלין ברויט בעטין האט זיא גיזאגט צו רבי חייא ווארום פלוכסטו מיך דאס מיינע קינדער וועלין ברויט בעטין האט ער גיזאגט צו איר עס שטייט אזו אין דער תורה כי בגלל הדבר הזה בגלל איז דיא טייטש ראד כלומר עס איז גלייך אז איין ראד וואש דרייט זיך · ואל תרבה שיחה עם האשה אונ זאלסט ניט פיל שמועסין מיט דער אשה · דען אמאל פאר מייד זיך איין מענטש צו נעמען אורחים אין שטוב דען ער וויל צוא שמועסין מיט זיין ווייב אונ ווען דיא אורחים וועלין זיין וועט ער עס ניט קענען טאן דאס ער זאל מיט איר פיל שמועסין דרום זאגט דער תנא דאש דוא זאלסט ניט פיל שמועסין מיט דער אשה כדי דוא זאלסט קענען אורחים אריין ברייננגען צו זיך · דער אברבנאל שרייבט דען דיא טבע פון ווייבער איז דאס זייא זיינען קארג אונ עס איבעלט אין זייערע אויגין ווען דער מאן גיט עפעס צו ארעמע לייט דרום האט דער תנא אן גיזאגט דאס אין דעם ענין פון צדקה זאלסטו ניט מערין צוא שמועסין מיט דיין ווייב אונ זאלסט פון איר קיין עצה דרינען ניט נעמען דען זיא וועט דיך ראטין דאש דוא זאלסט ניט געבין · באשתו אמרו דאס וואס דיא חכמים האבין גיזאגט מען זאל ניט פיל שמועסין מיט דער אשה מיינען דיא חכמים מיט זיין ווייב זאל מען ניט פיל ריידין ק"ו מכל שכן באשת חבירו מיט איין פרעמדע אשה דאש מען זאל מיט איר ניט ריידין

וואס

הָעוֹלָם קַיָּם עַל הָאֱמֶת וְעַל הַדִּין וְעַל הַשָּׁלוֹם שֶׁנֶּאֱמַר אֱמֶת וּמִשְׁפַּט שָׁלוֹם שִׁפְטוּ בְּשַׁעֲרֵיכֶם:

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁנֶּאֱמַר יְיָ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר: עלינו · קדיש יתום

### מעשה אבות

וואס מען דארף ניט מכאן אמרו פון דעם וואס אויבען איז געשטאנען האבין די חכמים גיזאגט כל המרבה שיחה עם האשה ווער עס מערט צוא שמועסין איבעריגע ווייטער מיט איין אשה גורם רעה לעצמו איז ער זיך גורם שלעכטס דען ווען איין מענטש איז גיוואוינט צוא דער צייל צוא זיין ווייב יעדער זאך אזו ווען ער דער ציילט איר וויא עס האט זיך אים גיטראפין מיט זיין חבר לערינט זיא אים דאס ער זאל מאכין איין קריג אזו וויא מיר גיפינען בייא קרח דאס ער האט דער ציילט צו זיין ווייב דאש משה רבינו האט אויף גיהויבין צו דיא לוים האט זיא אים גיבראכט צו קריג · אדער ווען ער דער ציילט איר וויא אזו זיין חבר האט אים מבזה גיוועזן אזו איז זיא אים אויך מבזה בייא זיך אין הארץ נוא איז ער דאך גורם זיך זעלבסט שלעכטס ובוטל מדברי תורה אונ אויך קומט פון דעם דאס ער איז זיך מבטל דיא צייט פון צוא לערנען וסופו יורש גיהנם אונ זיין סוף ווערט זיין דאס ער וועט ירשנען דעם גיהנם:

יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי קבלו מהם זייא האבין מקבל גיוועזן פון דיא צווייא וואס זיינען פריער גישטאנען דא יהושע בן פרחיה אומר יהושע בן פרחיה זאגט עשה לך רב זייא מקבל אויף דיר איין רבי דאש דוא זאלסט בייא אים תורה לערנען אונ זאלסט ניט לערנען פון עטליכע רביים דען טאמער וועלין זיך זייערע סברות ניט אויס גלייכין דער ווט דיר זאגין אזו דיא סברא אונ דער אנדערער וועט דיר זאגין דריגען איין אנדער סברא אונ דוא ווערסט פון דעם מבולבל ווערין וקנה לך חבר אונ קויף דיר איין חבר ווען דוא וועסט ניט גיפינען קיין רבי דאס ער זאל מיט דיר לערנען פון דעסט וועגין זאלסטו אליין ניט לערנען נאר אזו זאלסטו טאן דוא זאלסט דיר איין חבר נעמען אונ זאלסט אים געבין גאר זיין גינוגען דאס וועגין דעם זאל ער בווילינט ווערין צו זיין דיין חבר והוי דן את כל האדם לכף זכות אונ זאלסט משפטין איטליכין מענטשין צו גוטין דהיינו ווען דיין חבר וואס דוא וועסט זיך קויפין וועט עפעס ריידין אנטקעגין דיר זאלסטו אים ניט דן זיין צוא שלעכטין דען דורך דעם ווערט אייער חברותה קיין קיום ניט האבין · אונ ווען דוא וועסט אים דן זיין צו גוטין אזו וועט איר קענען זיין איין חברותה אונ איר וועט זיך ניט אפ שיידין איינער פון דעם אנדערין: נתאי הארבלי אומר נתאי הארבלי זאגט הרחק משכן רע דוא זאלסט זיך דער ווייטערין צו וואוינען מיט איין שלעכטין מענטשין אדער אזו איז דער פשט ווען דוא וועסט זעהען איין מענטש דאס ער איז איין רעכטער צדיק נאר אין דעם ענין פון שכינות איז ער שלעכט דהיינו ער איז גיוואוינט צו מאכין קריג אונ זיין אויג איז גיאיבילט

אִין זַיין חֲבֵרְשׁ זַאכִין אוּנ זַיין הַארְץ בְּרֶענְט אִין אִים אַזוֹ וְויא פַייעֶר מַהֲמַת גְרוֹישׁ קִנְאָה אוּנ אִין אַנְדֶערֶע זַאכִין אִיז עֶר עֶרְלִיךְ פוּן דֶעסְט וֶועגִין זָאלְסְטוּ דִיךְ דֶער וַייטֶערִין פוּן אִים וַוייל עֶר אִיז אַיין שָׁכֵן רָע ׳ ואל תתחבר לרשע אוּנ וֶוען דוּא וֶועסְט זִיךְ דֶער וַייטֶערְן פוּן דֶעם שָׁכֵן רָע אוּנ דוּא וֶועסְט זֶעהֶען אַיין מֶענְטְשׁ דָאשׁ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁכֵינוּת אִיז עֶר זֵייעֶר גוּט דֶען זַיין אוֹיג אִיז זַאט פוּן זַיין פִיל גֶאלְר אוּנ זִילְבֶּער וָואס עֶר הָאט אוּנ עֶר אִיז נִיט גִיוואוּנְט צוּ מַאכִין קְרִיג אוּנ אִיז נִיט מְקַנֵּא צוּא קֵיינֶעם נָאר עֶר אִיז אָבֶער אַיין רָשָׁע אוּנ עֶר טוּט פִיל עֲבֵירוֹת וֶועשְׁטוּ וֶועלִין זָאגִין וָואשׁ גֵייט מִיךְ אָן וָואס עֶר אִיז אַיין רָשָׁע זַיין רִשְׁעוּת וֶועט זִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטִין צוּ מִיר זַיינֶע עֲבֵירוֹת זַיינֶען פַאר בּוּנְדִין בַּייא אִים אוֹיף זַיין אַקְסִיל אוּנ אִין זַיין שׁוּים וֶועט עֶר זַיין זִינְד טְרָאגִין אוּנ אִיךְ וֶועל גֵיין זִיךְ בַּאהֶעפְטִין מִיט אִים דֶען עֶר אִיז אַיין גוּטֶער שָׁכֵן דְרוּם זָאגְט דֶר תַּנָּא וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע רוּא זָאלְסְט דִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטִין צוּ אַיין רָשָׁע דֶען דוּא וֶועסְט זִיךְ גִיוִוים פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים אָפּ לֶערְנֶען ואל תתיאש מן הפורענות אוּנ זָאלְסְט דִיךְ נִיט מְיָאֵשׁ זַיין פוּן שְׁטְרָאף דְרוּם זָאלְסְטוּ דִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטִין צוּ אִים׳ אָדֶער אַזוֹ אִיז דֶער׳ פְּשַׁט דֶען עֶס אִיז גִיוִוים דָאס עֶס אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין קֵיין עֶרְגֶערֶער שָׁכֵן רָע וְויא דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר וואוּנְט אִין דִיא גִידֶערִים פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנ אִין זַיין שׁוּים טוּט עֶר לִיגִין אוּנ אוֹיךְ אִים הָאט דָא דֶער תַּנָּא אָן גִיזָאגְט דָאס אַיין מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶער וַייטֶערִין פוּן אִים דְהַיְינוּ וֶוען זַיין יֵצֶר הָרָע וֶועט אִים אָן רֵיידִין צוּ טָאן אַיין דְבַר עֲבֵירָה זָאל עֶר זִיךְ פוּן אִים דֶער וַייטֶערִין אַיין גְרוֹיס דֶער וַייטֶערוּנְג אוּנ מִיט דֶעם אִיז רֶעכְט וָואס דֶער תַּנָּא זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן הרחק דֶער וַייטֶערִין דֶען דָאס שִׁיקְט זִיךְ צוּ זָאגִין אוֹיף אַזוֹ אַיין זַאךְ וָואס עֶס אִיז נָאהֶענְט אוּנ מֶען דֶער וַייטֶערְט זִיךְ פוּן דֶעם ׳ דָאס הֵייסְט וֶוען דִיא זַאךְ פוּן דֶער עֲבֵירָה אִיז נָאהֶענְט צוּ דִיר צוּ טָאן זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶער וַייטֶערִין פוּן צוּ טָאן ׳ אוּנ נָאךְ דֶעם זָאגְט עֶר ואל תתחבר לרשע דוּא זָאלְסְט זִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטִין צוּ דֶעם רָשָׁע דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע כְּלוֹמַר וֶוען עֶר רֶעט דִיךְ אָן דָאס דוּא זָאלְסְט נָאךְ גֵיין נָאךְ דֶער עֲבֵירָה צוּ בַּאהֶעפְטִין זִיךְ מִיט אִים אוּנ צוּ נָאךְ זוּכִין דִיא עֲבֵירָה חָאטְשֶׁע זִיא אִיז וַוייט פוּן דִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט בַּאהֶעפְטִין צוּ אִים ׳ אוּנ נָאךְ דֶעם זָאגְט עֶר ואל תתיאש מן הפורענות דְהַיְינוּ וֶוען דוּא בִּיסְט שׁוֹין גִישְׁטְרוֹיכְלְט גִיוָוארִין מִיט דַיינֶע זִינְד אוּנ דוּא בִּיסְט אִיבֶּער גִיעֶרְט גִיוָוארִין צוּ דֶער רָאט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ הָאסְט גִימֶערְט צוּ זִינְדִיגִין זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט מְיָאֵשׁ זַיין צוּ זָאגִין דָאס מֶען וֶועט שׁוֹין דַיין תְּשׁוּבָה נִיט אָן נֶעמֶען אוּנ דְרוּם וֶועסְטוּ נִיט וֶועלִין תְּשׁוּבָה טָאן נָאר דוּא זָאלְסְט יוֹא תְּשׁוּבָה טָאן דֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז אַיין פִיל דֶער בַּארֶעמִיגֶער אוּנ נָאךְ דֶעם פְּשַׁט נָאךְ מֵיינְט מֶען מִן הַפּוּרְעָנִיּוֹת פוּן דִיא עֲבֵירוֹת וָואס דוּא הָאסְט גִיטָאן :

יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח קבלו מהם יְהוּדָה בֶּן טַבַּאי אוּנ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח הָאבִין מְקַבֵּל גִיוֶועֶן פוּן דִיא צְווייא וָואס זַיינֶען פְרִיעֶר גִישְׁטַאנֶען יהודה בן טבאי אומר

יְהוּדָה בֶּן טַבַּאי זָאגְט אל תעש עצמך כעורכי הדיינין דוּא זָאלְשְׁט זִיךְ נִיט מַאכִין אַזוֹ וְויא

דיא וואס גרייטין אז דיא טענות צוא דיא בעלי דינים וואס קומען זיך לאדין · אדער אזוא איז דער פשט ווען עס קומען זיך צוא דיר לאדין דער עושר וואס האט דיך פאר איין דיין גימאכט אין דער שטאט מיט איין אנדער מענטשין זאלסטו דיך ניט מאכין גלייך אז דער וואס האט דיך אן גירוכט אין דער שטאט אונ זאלסט זיך ניט פלייסין צו מאכין אים גירעכט וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך ווען דיא בעלי דינים וואס לאדין זיך שטייען פאר דיר אונ טענען יהיו בעיניך כרשעים זאלין זייא ביידע זיין פאר דיר אזוא וויא רשעים · דער רבינו יונה שרייבט כאטשע ער האט ניט ליב איינעם פון דיא בעלי דינים מער פון דעם אנדערין זאל ער גיט נייגין זיין הארץ צוא איינעם אונ זאל זאגין עס ווייזט מיר דאס ער איז גירעכט אין זיין דין · אונ זיין חבר איז איין רמאי דען ווען דוא וועסט אזו טראכטין וועסטו ניט קענען דעם דין אמת פסקנן דען דיין הארץ האט שוין גינייגט צו דעם וואס דוא האלסט אז ער איז גירעכט אונ ווא וועסט ניט קענען זעהען אנטקעגין אים קיין שלעכטיקייט · נאר זייא זאלין ביידע זיין גלייך אין דיינע אויגין אזו וויא רשעים דאס זייא טענן ביידע פאלש ביז דוא וועסט דעם דין פסקנן: וכשנפטרים מלפניך אונ ווען זייא גייען אוועק פון דיר יהיו בעיניך כזכאין זאלין זייא זיין אין דיינע אויגין גלייך אז זייא זיינען ביידע גירעכט כשקבלו עליהם את הדין אז זייא האבין אויף זיך מקבל גיוועזן דעם משפט וואס מען האט זייא גיפסקנט · רבי משה אלשקר שרייבט דאס אזו איז דער פשט פון דער משנה אל תעש עצמך כעורכי הדיינין דאס הייסט דוא זאלסט ניט אן ריכטין קיין טענות אנטקעגן גאט ב"ה צו זאגין ווארום איז פאר האנדין איין צדיק דאס עס גייט אים שלעכט אויף דער וועלט אונ עס איז פאר האנדין איין רשע עס גייט אים גוט אויף דער וועלט וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך כלומר ווען דיא צדיקים וואס עס גייט זייא שלעכט אויף דיזר וועלט וועלין שטיין פאר דיינע אויגין · כלומר דוא וועסט דיא זאך אין זין נעמען צו פרעגין איין קשיא אויף גאט יהיו בעיניך כרשעים כלומר זאלסטו וויסין אז דאס איז ווייל זייא קומן אפ אויף דער וועלט אויף דיא חטאים וואס זייא האבין גיטאן דען עס איז ניט פאר האנדין קיין מענטש אויף דער וועלט דאס ער זינדיגט גיט אונ דרום קומט זאויף זייא יסורים וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאין אונ ווען זייא גייען אוועק פון דער וועלט זאלין זייא זיין בייא דיר אזו וויא צדיקים דען זייא זיינען שוין אפ גיקומען מיט דיא יסורים פאר זייערע חטאים כשקבלו עליהם את הדין זייא האבין שוין זייער משפט אפ גינומען: שמעון בן שטח אומר שמעון בן שטח זאגט הוי מרבה לחקור את העדים דיא זאלסט מערין צו פארשטין דיא עדות והוי זהיר בדבריך אונ זאלסט זיין גיהיט אין דיינע רייד · רבי יוסף יעבץ שרייבט דאס מען מיינט ווען דער דיין פסקנט דעם דין זאל ער זייא ניט זאגין דרום האב איך אזו גיפסקנט · דען ער האט אביסיל מודה גיוועזן אדער נאך אזו איין גלייכין צו זאגין דעם בעל דין דעם טעם · פאר וואס ער האט דעם גירעכט גימאכט אונ דעם שולדיג גימאכט שמא מתוכם ילמדו לשקר טאמער וועלין זייא זיך פון דעם אפ לערנען אויף דעם צווייטין מאל צו זאגין ליגין אונ צו טענן פאלש מיט אזו איין אופן

וואס

וואס דער דין האט זייא פריער גירעכט גימאכט: שמעיה ואבטליון קבלו מהם שמעיה אונ אבטליון האבין מקבל גיוועזן פון דיא צווייא וואס זיינען פריער גישטאנען שמעיה אומר שמעיה זאגט אהב את המלאכה האב ליב צו טאן איין מלאכה פון דיין פרנסה וועגן: רבי משה אלשקר שרייבט דאס עס גייט אויף דיא ריייר וואס זיינע רביים האבן גיזאגט · דען יהודה בן טבאי מיט שמעון בן שטח האבין גישמועסט פון דעם ענין פון דיינות · דרויף האט שמעיה גיזאגט וויא שיין איז צוא דעם מענטשין דאס ער זאל זיך דער ווייטערן פון צו זיין איין דיין · דען חאטשע זייא האבן גילערינט דעם מענטשן וויא אזו ער זאל ניצול ווערן פון איין עבירה פון דר מלאכה פון דיינות אבער עס איז פארט איין גרויסע סכנה דרום גיהער איין מענטש בעסער זיך מפרנס זיין פון איין מלאכה האמושע זיא איז איין שענדליכע איי ער זאל איין דיין זיין חאטשע ער וועט מיט דעם האבין הערשאפט · ושנא את הרבנות אונ האב פיינד דאש רבנות ואל תתודע לרשות דאש ווארט רשות בטייט דער יצר הרע · דען ער ווייזט צו דעם מענטשין דאש עס איז בייא אים דער רשות צו טאן זיינע אלע תאוות אונ נאר דיא ראט פון דעם יצר הרע איז צו זאגין דעם מענטשין וואס דוא קענסט טאן טוא · אונ דאס זאגט דער תנא דוא זאלסט דיך ניט מאכין דעם יצר הרע פאר איין גוטין פריינד צוא טאן וואס ער רעט דיך אן: אבטליון אומר אבטליון זאגט חכמים הזהרו בדבריכם איר חכמים איר זאלט זיין גיווארינט אין אייערע רייד · כלומר אלע זאכין וואס איר שטראפט דעם המון עם דאש זייא זאלן זיך פון דעם אפ היטען זאלט איר אליין אויך זיין גיווארינט צו היטין זייא · דען ווען דער המון עם וועט זעהען דאס איר זייט זייא ניט מקיים וועלין זייא אויך אזו טאן וועט דער פון קומען שמא תחובו חובת גלות דיא זינד פון זייא וואס זייא זיינען דרויף חייב גלות · וועט אויף אייך גירעכינט ווערין · דען איר האט עס גורם גיוועזן דאס זייא זאלין דיא זאכין טאן אונ פון אייך האבין זייא זיך אפ גילערינט ותגלו למקום מים הרעים אונ איר וועט פאר טריבין ווערין צו אזו איין ארט פון שלעכטע וואסער כלומר מען וועט אויף אייך קיין רחמנות ניט האבין אונ ניט נאר אויף אייך וועט איר עס ברייגגן וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו דען דיא תלמידים וואס האבין זיך פון אייך אפ גילערינט צוא שטראפין יענעם אונ אליין וועלין זייא ניט מקיים זיין · וועלין אויך טרינקען פון דעם ביטערע וואסער אונ וועלין שטארבין ונמצא שם שמים מתחלל וועט זיין איין חילול השם: הלל ושמאי קבלו מהם הלל אונ שמאי האבין מקבל גיוועזן פון דיא צווייא וואס זיינען פריער גישטאנען · הלל אומר הלל זאגט הוי מתלמידיו של אהרן דוא זאלסט זיין גלייך אז דוא ביסט בייא אהרן הכהן איין תלמיד צוא גיין אין זיינע גוטע וועגין דאס ער איז גיוואוינט גיוועזן צו טאן אוהב שלום ורודף שלום דוא זאלסט זיין איין ליב האבער פון שלום אונ נאך יאגין צו מאכין שלום אזו וויא אהרן הכהן האט גיטאן · דען אזו איז גיוועזן דער שטייגער פון אהרן ווען ער האט גיזעהען דאס צווייא מענטשין האבין זיך גיקריגט אזוא איז ער נאך דעם גיקומען צו איינעם פון זייא אונ האט גיזאגט צו אים זעה ווארום קריגסטו דיך מיט יענעם פאר וואר ער איז דאך גיקומען

צוא מיר אונ איז פאר מיינע פיס גיפאלין אונ האט מיך גיבעטין דאס איך זאל גיין צוא דיר אונ ריידין מיט דיר דאש דוא זאלסט זיך מיט אים איבער בעטין אונ אזוא האט ער גיזאגט צום אנדערין אויך אונ פון דעם איז גיווארין שלום צווישין זייא · אמאל האט איינער גיזאגט צו זיין וויב דא טוא איך איין נדר דאס דוא זאלסט פון מיר קיין הנאה נית האבין · ביז דוא וועסט שפייען אין דעם אויג פון דעם כהן גדול · ווען אהרן הכהן האט דאס גיהערט אזו איז ער צוא דער אשה גיגאנגן אונ האט גיזאגט צוא איר איך האב איין ווייטאג אין מיינע אויגין אונ מען האט מיר גיזאגט דאס דיין שפייעכץ היילט דרום בין איך גיקומען צו דיר דאס דוא זאלסט מיר שפייען אין מיינע אויגין האט זיא אזו גיטאן אונ וועגין דעם איז זיא מיט איר מאן שלום גיווארין דען זיא האט דאך מקיים גיוועזן וואס ער האט אויף איר גיבאטין : אוהב את הבריות דוא זאלסט זיין איין ליב האבער צו לייטין ומקרבן לתורה אונ זאלסט זייא גינענדיגן צו דער תורה : הוא היה אומר עס איז גיוואונט גיוועזן צו זאגין נגיד שמא אבד שמיה אז זיין נאמען ציט זיך עס הייסט ער האט איין שם ער מאכט זיך גרויש איז זיין נאמען פאר לארין ער וועט נית לאנג גיווערין אויף דער וועלט ודלא מוסיף וועד עס מערט נית זיי תורין וואס ער האט גילערינט יסף וועט איין גיטאן ווערין זיין לערנען אונ עד וועט מיר נעסין ודלא יליף אונ דער וואס לערינט גאר נית קטלא חייב איז ער זיך אליין שולדיג דעם טויט ודאשתמש בתגא אונ ווער עס ניצט מיט דער קרוין פון דער תורה חלף ווערט ער פאר ביטין פון עולם הבא ער בייט דעם עולם מיט יענעם ער גיצט זיך דיא תורה אויף דער וועלט : הוא היה אומר ער איז גיוואונט גיוועזן צוא זאגין אם אין אני לי ווען איך אליין וועל מיר נית העלפין איך זאל קונה זיין תורה אונ מעשים טובים מי לי ווער וועט מיר העלפין · אדעד אזו איז דער פשט דען דער עיקר פון גאטש דינשט איז בייא דער יוגינט דאס דענמאלט שטארקט זיך דער יצר הרע אויף דעם מענטשין אונ דרויף זאגט דר פסוק אשרי איש ירא את יי וואול איז צו איין מענטש וואס האט מורא פאר גאט כלומר ווען ער איז נאך איין מענטש דאס הייסט אין דער יוגינט דען דענמאלט איז ער אין זיין רשות צו טאן וואס ער וויל אבער אויף דער עלטער האט ער שוין קיין כח נית צו טאן איין עבירה דרויף זאגט דער תנא אם אין אני לי ווען איך בין נית צו מיר · דאס הייסט בייא מיין עלטער · ווען איך האב שוין קיין כח נית צו טאן איין עבירה · וועל איך דענמאלט ערשט תשובה טאן · מי לי ווער וועט זיין צוא מיר פאר איין מליץ טוב צו זאגין זכות פאר גאט ברוך הוא · דען אלע וועלין זאגין דרום וואס איך האב שוין קיין כח נית צו זינדיגין בין איך גיקומען תשובה צוא טאן וכשאני לעצמי אבער אז איך בין נאך צו מיר כלומר איך בין נאך גידעכינט איין מענטש דאס הייסט בייא מיין יוגענט · אונ איך דין צו מיין באשעפער מה אני וויא פיל גירעכינט בין איך מיט דעם · אונ ווען עס איז אזו גיהער איך דאך צו דינען מיין באשעפער בייא מיין יוגענט · דען אם לא עכשיו אימתי ווען נית היינט בייא מיין יוגענט · ווען וועל איך קענען דינען גאט ברוך הוא · דען בייא מיין עלטער וועט מיין דינשט נית אזוא

תשוב

חשוב זיין · דען מען וועט זאגן דרום דין איך גאט ווייל איך האב שוין קיין כח ניט צו איין עבירה טאן · אדער אזוא איז דער פשט דאש דער תנא לערינט צוא דעם מענטשין דאס ער זאל זיך ניט גרוים האלטין מיט זיין רייכקייט אונ פיל קינדער · דען היינט אדער מארגין וועט ער דאך שטארבין אונ וועט אוועק לאזין גאר זיין פאר מעג אונ דאס זאגט דער תנא אם אין אני לי ומה דאך איך זעלבסט בין ניט צו מיר דען אלע צייט אונ אלע רגע בין איך אן גיברייט צו שטארבין אונ פלוצלונג וועט קומען מיין בראך אונ וועל אין קבר גיפירט ווערין מי לי וואס פאר איין זאך קען איך זאגין דאס עס איז מיינס איך זאל מיך מיט דעם גרוים האלטין ובשאני לעצמי כלומר אונ ווען עס וועט אויף גיין אויף מיין דעה דאס איך בין נאך יונג · אונ על פי דרך הטבע איז נאך ניט גיקומען מיין צייט צו שטארבין מה אני וואס בין איך אפילו ווען איך בין יונג קען דאך אויך זיין דאס איך וועל שטארבין אונ וועל לאזין צוא אנדערע מיין גוטש · אונ ווען איך זעה דאס איין יונגער קען אויך שטארבין אם לא עכשיו אימתי ווען איך וועל איצונד ניט גאט דינען ווען וועל איך אים קענען דינען · דען עס קען דאך זיין דאס איך וועל שטארבין אונ איך וועל שוין ניט האבין קיין צייט צוא דינען אים · רבי יוסף בן שושן שרייבט ואם לא עכשיו ווען איך וועל איצונד ניט טאן אונ וועל מיט איין רגע מבטל זיין פון גאטש דינשט אימתי ווען קען איך דיא רגע משלים זיין דאס וואס איך האב אין איר גימינערט דען דאס וואס איך וועל שפעטער טאן גיהער איך דאך דענטמאלט אויך צו טאן אונ עס קען ניט גירעכינט ווערן אויף דר רגע וואס איך האב פריער גימינערט פון גאטס דינסט : שמאי אומר שמאי זאגט עשה תורתך קבע מאך דיין תורה איין גיזעטץ דוא זאלסט אויף זיך נעמען דאס דוא מוזט יעדער טאג לערנען עטליכע פרקים אדער נאך אזוא איין גלייכין אמור מעט ועשה הרבה זאג ווינציגער צוא דאס דוא וועסט געבין צדקה אונ גיב מער איידער דוא זאגסט צו · אדער דער תנא קומט צוא לערנען דעם מענטשין ווען ער וויל איין מצוה טאן זאל ער פריער ניט ארוים זאגין פון זיין מויל דאס ער וועט דיא מצוה טאן · דען ווען דר מענטש ברייגגט אויף זיין מויל דיא מצוה וואס ער וויל צוא טאן · אזוא שיקין זאויף אים דיא מקטרגים אן פיל סבות צוא מבטל זיין אים פון דער מצוה · אבער ווען ער וועט ווינציגער זאגין אזוא וועט ער קענען מער טאן והוי מקבל את כל האדם דוא זאלסט צוא נעמען יעדער מענטש בסבר פנים יפות מיט איין גוט פנים : רבי יהודה ליוומא שרייבט עשה תורתך קבע מאך דיין תורה איין גיזעץ דאס הייסט דוא זאלסט פיל לערנן נאר דוא זאלסט ניט זאגין איך האב שוין פיל גילערינט אונ פון איצונד גיהער איך מיך שוין מער ניט מיען צו דער תורה דרויף זאגט דער תנא אמור מעט טראכט זיך וואס דוא האסט ווינציג גילערינט ועשה הרבה אונ מאך דיר נאך מער איין גיזעץ צום לערנן נאר וועגין דעם זאלסטו דיך ניט טראכטין ווען איין מענטש קומט צו דיר דאס דוא וועסט אים ניט צו נעמען מיט איין גוט פנים · דען דוא וועסט דיך ניט מבטל זיין פון לערנען דרויף זאגט דער תנא והוי מקבל כו׳ פון דעסט וועגין ווען איין מענטש קומט צו

דיר זאלסטו אים כבוד געבין אונ זאלסט אים מיט איין גוט פנים צו נעמען: רבן גמליאל אומר רבן גמליאל זאגט עשה לך רב מאך דיר איין רבי דאס דוא זאלסט נאר לערנען ביא איין רבי ועסטו מיט דעם געווינען והסתלק מן הספק דאס דוא וועסט אפ גיטאן ווערין פון איין ספק אבער ווען דוא וועסט לערנען פון עטליכע רביים אזו וויזט ער דיר זאגין דאס אזו איז דיא סברא אונ דער אנדערער וועט דיר זאגין דיא סברא אנדערש וועט דיר איין ספק זיין וויא אזו דוא זאלסט טאן ואל תרבה לעשר אומדות אונ דוא זאלסט נים מערין געבין מעשר מיט שאצונג נאר זאלסט איבער מעסטין צו געבין מעשר איינם פון צעהן שמעון בנו אומר שמעון זיין זון זאגט כל ימי גדלתי בין החכמים אלע מיינע טעג בין איך גיוואקסין גיווארין צווישין חכמים ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה אונ איך האב נים גיפונען אז צום גוף זאל אויך גוט זיין נאר דאס שווייגין · דער רמב״ם שרייבט עס איז גיוועזן איין חכם דאס ער האט ווינציג גירעדט אונ מען האט אים גיפרעגט וואס איז דיא סבה וואס דוא שווייגסט אזו פיל האט דער חכם גיזאגט איך האב גיקלערט אין דעם ענין פון רייד האב איך גיפונען דאס עס איז אויף פיר טייל גיטיילט· דיא ערשטע טייל איז אזעלכע רייד וואס זיינן נאר שלעכט דהיינו צו שילטין איין מענטשין אדער ריידין שענדליכע רייד אדער נאך אזוא איין גלייכן דאס עס איז גאר נארישקייט · דיא אנדערע טייל איז אין איר פארנאן איין אופן וואס עס איז שלעכט אונ איין אופן וואס עס איז גוט · דהיינו ווען איין מענטש לויבט זיין חבר כדי ער זאל פון אים מקבל טובה זיין אבער ער דער צערינט מיט דעם דעם מענטשינס שונא אונ דער שונא וועט דרום שאדין טאן צוא דעם מענטש וואס ער האט אים גילויבט אונ ווענין דעם גיהער מען דיא טייל רייד אויך נים ריידין · דיא דריטע טייל איז דאס עס איז דרינען נים פאר האנדין קיין גוטס אונ קיין שלעכטס · דהיינו וואס לייט שמועסין וויא אזוא יענער מויער איז גיבוים · אדער דיא פרוכט וואס גיפינען זיך אין יענער מדינה אדער נאך אזוא איין גלייכין אונ דיא רייד זיינען דאך איבעריג אונ עס קומט פון זייא גאר נים צוא ניץ · דרום גיהער מען דיא טייל רייד אויך נים צוא ריידין · דיא פערטע טייל פון רייד איז צוא ריידין דברי חכמה אדער דיא זאכין וואס איין מענטש איז גיאיינציגט מיט דעם אונ זיין לעבין הייגנט דרינען דיא טייל גיהער איין מענטש צוא ריידין אונ ווען איך הער רייד אזוא קלער איך זייא אויש ווען זייא זיינען פון דיא ערשטע דרייא טייל פאר מייד איך מיך פון צוא ריידין אונ ווען זייא זיינען פון דער פערטער טייל רייד איך זייא: ולא המדרש עיקר אלא המעשה אונ אפילו אין דברי תורה איז נים דאס דרשנן דער עיקר נאר צוא טאן איז דער עיקר אבעני ווען ער האלט נים דאס וואס ער דרשת איז בעסער אז ער וואלט גישוויגען וכל המרבה דברים מביא חטא אונ ווער עס מערט צוא ריידין ברייננט ער אויף זיך פיל עבירות אזוא וויא אין פסוק שטיט מות וחיים ביד הלשון דער טויט מיט דעם לעבין איז אין דער האנט פון דעם צונג · בלומר דען דורך דעם וואס מען רעט גוטע רייד קויפט מען דאס אייביג לעבין דהיינו עולם הבא · אונ דורך דעם וואס מען רעט שלעכטע רייד קויפט

מען

מען דעם טויט · אונ דאס איז אלץ אין דעם רשות פון דעם צונג · אזו וויא מיר געפינען איין מעשה איין מלך איז אמאל שלאף געווארין האבין זיינע רופאים אים גיזאגט דאס זיין רפואה איז ער זאל טרינקען מילך פון איין לביאה דאס הייסט איין לייב זיין נקבה · איז גיקומען איין מענטש אונ האט גיזאגט צוא דעם מלך איך וועל דיר זייא מילך באקומען אונ דאס האט ער שוין גיוואוסט דאס דער מלך וועט אים פאר דעם פיל גוטס געבין אונ האט גיזאגט צוא דעם מלך דאס ער זאל אים געבין איין צאל שאף אונ ער האט זייא גינומען אונ איז גיגאנגען צוא דעם ארט וואס ער האט גיוואוסט דאס דיא לייבין וואונען · אונ האט פון ווייטין צוא זייא איין שאף גישליידערט אונ אזוא האט ער גיטאן אונ האט אלע מאל גינעהענט צוא זייער ארט · אונ זייא האבין אים ניט גיטאן קיין שאדין דען ער האט זייא פיל שאף גיגעבין צוא עסין · ביז ער האט אויס גימאלקין דיא לביאה אונ איז מיט דיא מילך צום מלך גיגאנגען איי ער איז גיקומען צום מלך איז ער אנטשלאפין גיווארין האט ער גיהערט דאס זיינע אברים קריגען זיך באנאנד · דיא פיס זאגין דורך אונז איז דיא זאך גישעהען · דען מיר זיינען צוא דעם ארט גיגאנגען · דיא הענט זאגין דורך אונז איז דיא זאך גיקומען דען מיר האבין גימאלקין · דיא נירין זאגין דורך אונז איז דיא זאך גיקומען · דען מיר האבין דיא זאך צוא דעם מענטשין גיראטין · זאגט דער צונג קרינט אייך ניט דען דיא זאך איז גאר דורך מיר גיקומען דאס איך האב דיא זאך צוא דעם מלך גיזאגט האבין דיא אברים גיזאגט שעם דיך דאס דוא זאלסט אזוא איין זאך זאגין · דען דוא ביסט איין קליינער אבר אונ איין שענדליכער דאס דוא ווערסט ניט גיוויזין זאלסטו האלטין דאס דוא האסט עס גיטאן מער פין אונז אזוא זאגט דער צונג ווען איר ווילט מיר ניט מודה זיין איצונד וועט איר מיר שפעטער מוזין מודה זיין · דער מענטש שטייט אויף אונ קומט צו דעם מלך מיט דיא מילך אונ זאגט אדוני קיניג נעם דיא מילך וואס איך האב פון איין הונט אויס גימאלקין אזו האט דער מלך גיבאטין דאס מען זאל דעם מענטשין הייגען דען ער האט דעם מלך מבזה גיוועזן אזו וויא מען האט אים גיפירט צו דער תליה זאגט דער צונג איצונד זעהעט איר דאס איך קען מאכין אלץ האבין זייא גיזאגט צוא אים · נוא מיר וועלין דיך פאר איין קיניג איבער אונז מאכין אונ זייא אונז מציל פון דעם טויט האט דער צונג גיזאגט איך וועל עס טאן אזוא האט דער מענטש גיזאגט צוא דיא וואס האבין אים גיפירט קערטז מיך צוריק צוא דעם מלך דען איך האב אים עפיס צו זאגין האבין זייא אזו גיטאן אונ ער האט גיזאגט צוא דעם מלך אדוני קיניג אבער איך ווייס דאך דאס דוא וועסט פון דער מילך איין רפואה האבין · עס מעג זיין וואשערע מילך עס איז האט דער מלך דיא מילך גיטרונקען · אונ האט זיין רפואה גיהאט אונ דאס זאגט דער פסוק מות וחיים ביד הלשון דער נזיט מיט דעם לעבין זיינען בייא דעם צונג אין דער האנט : רבן שמעון בן גמליאל אומר רבן שמעון בן גמליאל זאגט על שלשה דברים העולם קיים אויף דרייא זאכין האט דיא וועלט אקיום על הדין מען זאל טאן איין משפט ווען איינער טוט ניט רעכט אנטקעגין אנדערין

ועל

כל ישראל וכו'

א רַבִּי אוֹמֵר אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם כָּל שֶׁהִיא תִּפְאֶרֶת לְעֹשֶׂהָ וְתִפְאֶרֶת לוֹ מִן הָאָדָם · וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה

### מעשה אבות

ועל האמת אונ אויף אמת מען זאל איינער דעם אנדערין ניט לייקענען ועל השלום עס זאל זיין שלום איינער מיט דעם אנדערין עס זאל ניט זיין קיין מחלוקת · ורבי מתתיה היצהרי שרייבט דאס עס גייט אויף דעם דיין דאס איין מאל מוז ער פסקנן אזו וויא דער דין איז חאטשע ער וייס דעם אמת אז עס איז ניט אזו · דהיינו אזו וויא דיא גמרא זאגט שמעון בן שטח האט איין מאל גיזאגט אמאל האב איך גיזעהען דאס איינר איז נאך גילאפין זיין חבר אונ זייא זיינען אריין אין איין חורבה הויז בין איך אהין אריין גיקומען האב איך גיזעהען דאס ער האלט איין שווערד אונ זיא איז פול מיט בלוט אונ דער הרוג וואַרפט זיך אויף דער ערד האב איך גיזאגט צו אים רשע ווער האט דעם מענטשין גיהרגת איך צו דוא נאר וואס זאל איך טאן דאס דיא תורה האט גיזאגט אז איין עדות איז ניט בגלייבט · נוא זעהען מיר דאך דאס חאטשוע עס איז דאך גיווים דאס דער מענטש האט אים גיהרגת פון דעסט וועגין האט מען גימוזט נאך גיין נאך דעם דין דאס איין עדות איז ניט בגלייבט · אונ אמאל מוז מען נאך גיין נאך דעם אמת חאטשע דער דין איז ניט אזו · אזו וויא מיר גיפינען טאקע ביא שמעון בן שטח אליין דאס ער האט אכציג ווייבער גיהאנגען אין דער שטאט אשקלון אין איין טאג · חאטשע דער דין איז דאס קיין אשה משפט מען ניט קיין תליה · אונ אמאל מוז מען פון שלום וועגין פאר הוילין דאס אויג פון דין אונ פון אמת ווען מען פאר שטייט דאס דורך דעם וועט זיין אקיום צו דער תורה אונ צו דער אמונה · אונ דרו"ף האבין דיא חכמים גיזאגט דאס איין מלך ישראל גיהער ניט צו משפטן אונ מען גיהער אים אויך ניט צו משפטין אונ מען זאגט אויף אים קיין עדות ניט · דען דער שלום איז זייער גרויס אונ עס איז גלייך אז איין כלי צו האלטין אלע ברכות אזו וויא אין פסוק שטייט ה' יברך את עמו בשלום נאט טוט בענטשין זיין פאלק מיט שלום :

פרק ב רבי אומר רבי זאגט איזו היא דרך ישרה וועלכעס איז דיא רעכט פארטיגע וועג שיבור לו האדם וואס דר מענטש זאל זיך אויס קלייבין · כלומר ניט ער מיינט דאס עס איז גיגעבין צו דעם מענטשין רשות דאס ער זאל מיט זיין שכל איין רעכט פארטיג וועג אויס קלייבין דען דיא תורה האט דאך אונז שוין גיוויזן איין רעכט פארטיג וועג וויא אזו דער מענטש זאל זיך פירן נאר ער מיינט אזו דען אין דיא תרי"ג מצות איז דא צווייא טייל · איין טייל איז דיא מצות וואס דער מענטש איז שולדיג צו טאן צו גאט דהיינו תפילין מזוזה לולב סוכה אונ נאך אזו איין גלייכין אונ דיא אנדערע טייל איז וואס עס קער זיך אן איין מענטש מיט דעם אנדערין דהיינו צדקה אונ גמילות חסדים אונ ביקור חולים אונ הכנסת אורחים אונ נאך אזו איין גלייכין נוא ווערין דיא צווייא טייל אן גירופין צווייא רעכט פארטיגע וועגין אונ דרויף זאגט דער תנא ווען איין

מענטש

שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל מִצְוֹת · וֶהֱוֵי מְחַשֵּׁב הֶפְסֵד מִצְוָה כְּנֶגֶד שְׂכָרָהּ וּשְׂכַר עֲבֵרָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ · הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה · דַּע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ עַיִן רוֹאָה וְאֹזֶן שׁוֹמַעַת וְכָל מַעֲשֶׂיךָ בַּסֵּפֶר נִכְתָּבִים : ב רַבָּן גַּמְלִיאֵל בְּנוֹ שֶׁל רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוֹמֵר

מעשה אבות

מענטש וויל אויס צו קלייבין אין איין טייל פון דיא רעכט פארטיגע וועגין פון מצות מער איי אין דער אנדערר אזו זאל ער זיך אויס קלייבין דעם וועג כל שהיא תפארת לעושה וואס עס איז שיין צו דיא וואס טוען עס ותפארת לו מן האדם אונ מענטשין ווילן אים אויך באשיינען דהיינו ער זאל אויס קלייבין מער אין דיא מצות וואס גאט האט גיבאטין אונ זייא קערין זיך אן צווישין איין מענטש מיט דעם אנדערין דהיינו צדקה אונ גמילות חסדים ווען איין מענטש טוט עס איז עס שיין פאר אים אונ דיא עניים וואס נעמען ביי אים דיא צדקה באשיינען אים אויך אונ דאס איז נאר גיזאגט גיווארין צו אזו איין מענטש וואס קומט אויש צוא קלייבין איינע פון דיא וועגין אבער ניט ער זאגט אן דאס מען זאל בעסער דעם וועג גיין אונ יענעם ניט דען איין מענטש גיהער צוא מקיים זיין אלע תרי"ג מצות פון דער תורה גלייך ניט ער זאל אויש קלייבין וועלכעש צוא טאן אונ וועלכע מצות ניט צו טאן · רבי יוסף בן שושן שרייבט דאס דער תנא זאגט דעם מענטשין ער זאל מיט זיינע מדות אין אמיטיל וועג גיין דהיינו ווען ער איז אקמצן אזוא איז פאר אים זעלבשט גוט אבער פון קיין מענטשין האט ער ניט קיין לויב פון דעם · אדער ווען ער איז איין פזרן אזוא איז דיא זאך פאר קערט פון מענטשין האט ער ליב אבער צוא אים זעלבשט איז עס ניט גוט דרום זאגט דער תנא זאס איין מענטש גיהער צוא גיין אין איין מיטיל וועג דאס עס זאל זיין פאר אים גוט אונ מענטשין זאלין אים לויבין דער מיט אונ אזוא אויך אין אנדערע מדות גיהער אמענטש צוא גיין אין מיטיל וועג · אזוא וויא מיר גיפינען אין דעם ספר נשמת חכמים איין מעשה · אין דער מדינה פאס איז גיוועזן איין מלך דאס ער איז זייער שיין גיוועזן אונ יעדר טאג האט ער גינומן אשפיגיל אונ האט גיקוקט אין אים זיין שיין גישטאלט אונ האט זיך גיפרייט מיט זיין שיינקייט אונ האט זיך גרויס גיהאלטן אונ אלע זיינע שרים זיינן ביי אים גאר ניט גירעכינט גיווארן אונ ווען זייא האבן אים גיזאגט אזעלכע זאכין וואס גיהער צו דר מלוכה האט ער זייא ניט גיהערט אונ האט זייא ניט גיענטפערט קיין ווארט דען זייא זיינן אלע ביי אים מבוזה גיוועזן אונ ער האט מיט קיין שום מענטש ניט גישמועסט וועגין דעם וואס ער האט זיך זייער גרויס גיהאלטין נאר עס איז גיוועזן איין חכם איין יהודי דאס מיט אים פלעגט דער מלך יוא ריידין אונ ער האט אים זייער ליב גיהאט נאר אן איין שיעור ווען דיא שרים האבין גיזעהען דאס דער מלך האט אים ליב אונ רעט מיט אים גאר זיין באדערפעניש אזוא האבין זיך צוא נויף גיזאמילט אלע שרים צו דעם חכם אונ האבין גיזאגט צו אים ווייל מיר זעהען דאס דוא האסט חן ביי דעם מלך נוא איז אויף דיר מוטל דאס דוא זאלסט דער ווייטערין דעם

מלך

יָפֶה תַלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן וְכָל תּוֹרָה שֶׁאֵין עִמָּהּ מְלָאכָה סוֹפָהּ בְּטֵלָה וְגוֹרֶרֶת עָוֹן וְכָל הָעוֹסְקִים עִם הַצִּבּוּר יִהְיוּ עוֹסְקִים עִמָּהֶם לְשֵׁם שָׁמַיִם שֶׁזְּכוּת אֲבוֹתָם מְסַיַּעְתָּם וְצִדְקָתָם עוֹמֶדֶת לָעַד וְאַתֶּם מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם שָׂכָר הַרְבֵּה כְּאִלּוּ עֲשִׂיתֶם׃

מעשת אבות

מֶלֶךְ פון דער מדה פון גאוה דען עס איז ניט שוין דאס איין מלך זאל זיך פירין מיט דער שלעכטער מדה דען עס איז דער מיט שאדין צו אים אונ צו זיין מלוכה. האט דער חכם גיזאגט צוא דיא איך וועל טאן אזוא וויא אייערע רייד אונ הלואי זאלין מיינע רייד עפיס פועל זיין · עס איז גיקומען אויף מארגין איז דער חכם גגאנגען צום מלך אונ ווען דער מלך האט דער זעהען צום חכם אזוא האט ער גיפונען חן אין זיינע אויגין אונ האט גיזאגט צוא אים קום אריין דוא גיבענטשטער פון גאט אונ זייא לעבין מיר דען דוא האסט גיפונען חן אין מיינע אויגין האט דער חכם גיזאגט אדוני קיניג איך וועל פון דיר אקליינע זאך בעטין ווען דוא וועסט עס מיר טאן אזוא וועל איך וויסין דאס איך האב חן גיפונען אין דיינע אויגין האט דער מלך גיזאגט בעט דען איך וועל דיר בודאי טאן האט ער גיזאגט אדוני קיניג איך באגער דאס איך זאל גיין מיט דיר זעלבכט אין פעלד האט דער מלך גיזאגט איך וועל טאן אזוא וויא דיינע רייד איז אויף גישטאנען דער מלך מיט דעם חכם אונ זיינען גיגאנגען צוא איין פעלד · אונ דער חכם האט אום גימינגע גיפירט דעם מלך אויף אזו איין ארט וואס עס איז דארט גיוועזן איין אפ לויף פון איין בית הכסא אונ אז זייא זיינען גיקומען צו דעם ארט האבין זייא גיטאן זייער האנט צום נאז דען זייא האבין ניט גיקענט ליידין דעם מיאוסן ריח פון דארט אונ דער חכם האט איין שפייא גיטאן אויף דעם טינופת וואס דארט איז גיוועזן האט דער מלך גיזאגט צו אים וואס האסטו דאס מיר גיטאן צו פירין מיך אויף אזו איין ארט האסטו דען ניט גיהאט קיין אנדער וועג האט דער חכם גיזאגט עס איז איין קורץ וועג צו קומען צום פעלד · אזו וויא זייא זיינען אוועק פון דעם ארט צוואנציג איילין האט דער חכם גימאכט גלייך אז איינער רופט אים אונ האט זיך אום גיקערט צו דעם ארט פון טינופת אונ האט גימאכט מיט דער האנט גליין אז מען פרעגט אים עפעס אונ ער ענטפערט אונ דער מלך האט גיהאלטין דעם חכם פאר איין שוטה דען ער האט גיזעהען דאס קיינער רעט מיט אים ניט אונ ער ווינקט אום זיסט · אז דער חכם האט זיך אום גיקערט צום מלך האט ער גיזאגט צו אים ווער האט דיך גירופין וואס דוא ביסט גיגאנגען צו אים אונ איר האט בגאוה גירעט האט דער חכם גיזאגט איך האב היינט גיהערט אזו איין לעכטערונג וואס איך האב נאך פון קיין מענטש ניט גיהערט האט דער מלך גיזאגט ווער האט עס אזו גיטאן צו ריידין אויף דיר שלעכטץ זאג מיר אונ איך וועל אים זיין קאפ אפ שניידין האט דער חכם גיזאגט אדוני קיניג ניט קיין מענטש האט עס מיר גיטאן נאר דער טינופת וואש איך האב אויף אים גישפייגין האט אויף מיר גיצארינט אונ האט מיך גירופין

און

ג הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת*) שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לְאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ: ד הוּא הָיָה אוֹמֵר עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנְךָ כְּדֵי שֶׁיַּעֲשֶׂה רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנוֹ בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ: ה הִלֵּל אוֹמֵר אַל תִּפְרוֹשׁ

מעשה אבות

אונ האט גיזאגט צוא מיר דוא בן אדם וואס דוא האלסט זיך גרויס קום צוא מיר אונ איך וועל דיך שטראפין דוא ווייסט דאך וואול מיין אן הויב וואס איך בין גיוועזן איין גוטער מאכל דאס איך בין אויף גינאנגען אויף דעם טיש פון מלכים אונ איך בין גיוועזן פיל פרוכט אונ זיסע שפייז וואס ווער עס האט זייא גישמעקט האט זיין לייב דער קוויקט אונ אין דיין בויך בין איך אזו איין אום ריינקייט גיווארין אונ דוא זעלגסט האסט מיך פאר ביטין פון זיס צו ביטער נוא ווארום האסטו אויף מיר איצונד גישפיגן דוא וואלסט דאך גיהערט אויף זיך זעלבסט צו שפייען דען אין דיינע גידערים בין איך פאר קערט גיווארין פון גוט צו שלעכט דוא גיהערסט דיך צו שעמען אונ ווארום זאלסטו ניט קענען דיין שאץ אונ וויא אזו מאכסט דוא דיך גרויס אויף מיר אונ אדרבה ווען דוא קוקסט אויף מיר וואלסט דוא גיהערט אריין צו גיין מיט איין צו בראכין הארץ · דיא אלע רייד האט מיר דער טינופת גיזאגט אונ ווען איך האב עס גיהערט אזו האט מיך איין ציטערנעש בגריפין אונ עס איז אין מיר קיין נשמה ניט גיבליבין דען איך ווייס דאך דאס דיא רייד זיינען אייטיל וואר · ווען דער מלך האט דיא רייד גיהערט אזו איז אים זיין הארץ צוא גאנגען וויא וואסער אונ פון דער צייט אן האט ער אנטפאנגען צו פירין זיך מיט שפלות אונ נידעריקייט גאר אן שיעור · אונ אז דיא הערין פון דעם מלך האבין גיזעהען זיין גרויס שפלות ואס כמעט ער איז בייא זיך גאר ניט גירעכינט גיוועזן האבין זייא גיזאגט אזו איין וועג איז אויך ניט רעכט צו איין מלך דען זיין פארכט גיהער צו גיווארפין זיין אויף לייט · זיינען דיא הארין ווידער גיגאנגען צום חכם אונ האבין גיזאגט צו אים מיר דאנקען דיר דרויף וואס דוא האסט צו בראכין דאס גרויסקייט פון דעם מלך אבער עס איז ניט רעכט דאס איין מלך זאל זיך מיט אזו איין נידעריקייט פירין דרום אזו וויא דוא האסט אים פאר ריכט אין דער מדה פון גאוה אזו גיהערסטו צו גיפינען איין מיטיל צו פאר ריכטין אים איצונד פון דער מדה פון שפלות האט דער חכם גיזאגט איך וועל אזו טאן · אויף מארגין איז דער חכם צום מלך גיגאנגען האט אים דער מלך צו גינומען מיט גרויס כבוד אונ דער חכם האט גיזאגט צו אים אדוני קיניג מיין לייב גילוסט צו גיין מיט דיר אין ויין גארטין אריין זיינען זייא ביידע גיגאנגען אונ דער חכם האט אים ווידער גיפירט אויף דעם ארט וואס זייא זיינען דעמאלט גיגאנגען אונ זיינען צו דעם טינופת גיקומען אזו האט דער חכם ווידער גיטאן ווינקען אזו וויא פריער האט דער מלך גיזאגט צו אים וואס טוסטו איצונד האב איך דען ניט גיבראכן מיין מדה פון גאוה אזו האט דער חכם גיזאגט איצונד האט מיר דער טינופת אזו

*) פי' ברשות העומדת מרשות עליהם נגד חק המדינה

מִן הַצִּבּוּר וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ וְאַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ וְאַל תֹּאמַר דָּבָר שֶׁאִי אֶפְשַׁר לִשְׁמוֹעַ שֶׁסּוֹפוֹ לְהִשָּׁמַע וְאַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה: ו הוּא הָיָה אוֹמֵר אֵין בּוּר יְרֵא חֵטְא וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד

מעשה אבות

ניזאגט דוא בן אדם וואס דוא ביסט דער אויס דער וויילטער פון אלע בשעפעניש אונ דוא האסט קלוגשאפט אונ פאר שטאנד צו פאר שטיין פון שלעכטס צו גוטס אונ אויך צו וויסן דאס דיא מדה פון גאוה איז זייער מיאוס אבער עס איז ניט שיין אונ ניט רעכט דאס דוא זאלסט דיך נידעריג האלטין ביז אין אונטערשטין עק אונ חאטשע דער טינופת וואס איז פון דיינע נידעריגקייט ארויס האט דיר דאס נידעריקייט גימאכט ניהערסטו צו וויסן דאס דורך דעם טינופת ווערין דיא פירות בנייעט דורך דעם וואס מען מיסטיגט דיא פעלדער דרום ניהערסטו צו גיין אין איין מיטעל וועג אונ פון דעם טאג אן האט דער מלך אנטפאנגען צו גיין אין איין רעכט פארטיג וועג אונ ער האט דעם חכם דרום זייער ליב ניקריגן אונ האט אים דער הויבן איבער אלע זיינע הארין: והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה אונ זאלסט זיין גיווארינט אין איין גרינגע מצוה צו טאן גלייך וויא איין הארבע מצוה · שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות דען דוא ווייסט ניט דאס גיצאלט פון דיא מצות · רש"י שרייבט עס איז איין משל צו איין מלך דאס ער האט ניזאגט צו זיינע קנעכט איך וועל אייך אזו פיל ניצאלט געבין אונ איר זאלט ארין גיין אין מיין ווייין גארטין אונ איר זאלט פאר ריכטין נאר זיין באדערפעניש אונ אין דעם ווייין גארטין איז ניוועזן גוטע בוימער אונ שלעכטע אונ ווען דער מלך וואלט זייא זאגין דאס יענער בוים איז גוט אונ יענער בוים איז שלעכט אונ דרום זאלט איר בעסער פאר ריכטין דעם גוטין בוים אזו וואלטין אלע זיך ניגומען צו דיא גוטע בוימער כדי צו מערין זייער גיצאלט אונ דיא שלעכטע בוימער וואלטין גיבליבין אונ וואלטין זייא ניט פאר ריכט דען זייער גיצאלט איז ווינציג אזו אויך גאט ברוך הוא האט דרום ניט אנטפלעקט דעם שכר פון דיא מצות כדי דאס איין מענטש זאל ניט אויס קלייבין צו טאן דיא מצוה וואס איר שכר איז פיל אונ אינעק לאזין דיא מצוה וואס איר שכר איז ווינציג: והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה אונ דוא זאלסט רעכענען דעם שאדין וואס דוא האסט דורך דעם וואס דוא טוסט דיא מצוה אנטקעגין דעם שכר פון דער מצוה וואס איז זייער פיל: ושכר עבירה כנגד הפסדה אונ דיא הנאה וואס דוא האסט פון דער עבירה וואס דוא טוסט זאלסטו בארעכענען אנטקעגין דעם גרויסן שאדין וואס דוא וועסט האבין דורך דער עבירה · הסתכל בשלשה דברים דוא זאלסט תמיד טראכטין אויף דיא דרייא זאכין ואין אתה בא לידי עבירה וועסטו ניט קומען צו טאן איין עבירה · וואס זיינען דיא דרייא זאכין דע מה למעלה ממך דוא זאלסט וויסן וואס איבער דיר טוט זיך אויבין · אדער אזו איז דער פשט חאטשע גאט איז דאך אויבין הימל אונ דוא ביסט אויף דער ערד אונ ביסט בהאלטין

וְלֹא כָל הַמַּרְבֶּה בִסְחוֹרָה מַחְכִּים וּבְמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ: ז אַף הוּא רָאָה גֻּלְגֹּלֶת אַחַת שֶׁצָּפָה עַל פְּנֵי הַמָּיִם אָמַר לָהּ עַל דְּאַטֵּפְתְּ אַטְפוּךְ וְסוֹף מְטַיְּפַיִךְ יְטוּפוּן: ח הוּא הָיָה אוֹמֵר מַרְבֶּה בָשָׂר

מעשה אבות

בַּהַאלְטִין בְּחַדְרֵי חֲדָרִים אויף אַיין פִינְצְטֶער אָרְט זָאלְסְטוּ נִיט זָאגִין וֶוער וֶועט מִיךְ זֶעהֶען אוּנ וֶוער וֶועט מִיךְ ווִיסִין וֶוען אִיךְ וֶועל דָא אַיין עֲבֵירָה טָאן זָאלְסְטוּ אַזוֹ נִיט זָאגִין נָאר דע מה למעלה ממך דוּא זָאלְסְט ווִיסִין וֶוער עֶס אִיז פוּן אוֹיבִין אויף דִיר דֶען גָאט זֶעהְט אויף יֶעדֶער אָרְט אוּנ עֶר שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן דִיר אִיבֶּער דַיין קָאפּ עין רואה אַיין אויג קוּקְט אויף דִיר וָואס דוּא טוּסְט ואוזן שומעת אוּנ אַיין אוֹיעֶר הֶערְט וָואס דוּא רֶעטְסְט וכל מעשיך בספר נכתבים אוּנ אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּא טוּסְט וֶוערִין אִין אַיין בּוּךְ פַאר שְׁרִיבִּין כְּלוֹמַר עֶס וֶוערְט קַיין שׁוּם זַאךְ נִיט פַאר גֶעסִין אוֹיבִּין · רַבִּי יִצְחָק קָארוֹ שְׁרַייבְּט דֶען אַיין מֶענְטְשׁ טְרַאכְט זִיךְ אִיךְ גִיהֶער נִיט צוּ תְּשׁוּבָה טָאן דֶען אִיךְ הָאבּ נָאר נִיט גִיזִינְדִיגְט וָוארוּם דֶער שְׁטֵיינֶער אִיז פוּן אַיין מֶענְטְשׁ דָאס עֶר פַאר גֶעסְט דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא וכל מעשיך אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּא טוּסְט בספר נכתבים זָאלִין אִין אַיין בּוּךְ פַאר שְׁרִיבִּין וֶוערִין אַזוֹ וֶועסְטוּ שׁוֹין נִיט פַאר גֶעסִין צוּ תְּשׁוּבָה טָאן:

רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא אומר רַבָּן גַּמְלִיאֵל דֶער זוּן פוּן רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא זָאגְט יפה עֶס אִיז רֶעכְט תלמוד תורה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה עם דרך ארץ מִיט דָאס פִּירוּנְג מִיט דֶער וֶועלְט מֵיינְט מֶען עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַיין קְלֵיינֶע צַייט צוּ טָאן אַיין מְלָאכָה אָדֶער מַשָּׂא וּמַתָּן עֶר זָאל זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין · שיגיעת שניהם דֶען דָאס מִידִיקַייט פוּן זַייא בֵּיידֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ מְלָאכָה אָדֶער מַשָּׂא וּמַתָּן משכחת עון מַאכְט פַאר גֶעסִין צוּ זִינְדִיגֶן מֶען הָאט נִיט אִין זִין צוּ זִינְדִיגִין וכל תורה שאין עמה מלאכה אוּנ דֶער וָואס לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ טוּט נִיט קַיין מְלָאכָה אויךְ דֶער בַּייא סופה בטלה אִיז דֶער סוֹף דָאס עֶר וֶועט מוּזִין אויף הֶערִין צוּ לֶערְנֶען דֶען עֶר וֶועט נִיט הָאבִּין צוּ עֶסִין וכל העוסקים עם הצבור אוּנ אַלֶע וָואס זַיינֶען עוֹסֵק פוּן רַבִּים וֶועגִין יהיו עוסקים עמהם לשם שמים זָאלִין זִיךְ מִידִין פוּן גָאטְס וֶועגִין נִיט פוּן זֵייעֶר כָּבוֹד וֶועגִין · רַבִּי שְׁלֹמֹה יָ״ִי שְׁרַייבְּט דָאס אַזוֹ אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן דֶער מִשְׁנָה דֶען עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין לוֹמְדִים וָואס זַייא קֶערִין זִיךְ גָאר נִיט אָן מִיט דִיא לַייט פוּן דֶער וֶועלְט דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא יפה עֶס אִיז רֶעכְט תלמוד תורה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה עם דרך ארץ אוּנ מֶען זָאל זַיין אַיין עָנָיו אוּנ מֶען זָאל זִיךְ אָן קֶערִין מִיט לַייטִין שיגיעת שניהם דֶען דָאס מִידִיקַייט פוּן זַייא בֵּיידֶע כְּלוֹמַר וֶוען דֶער לַמְדָן קֶערְט זִיךְ אָן מִיט לַייטִין אויךְ משכחת עון אַזוֹ מַאכְט עֶס פַאר גֶעסִין זִינְד פוּן דֶער וֶועלְט וָוארוּם דֶער לַמְדָן שְׁטְרָאפְט צוּ דִיא לַייט זַיינֶע רֵייד וֶוערִין גִיהֶערְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט זַייא אָבֶּער וֶוען דֶער לַמְדָן טוּט אַזוֹ נִיט אִיז דֶער סוֹף דָאס עֶר מַאכְט דִיא לַייט זִינְדִיגִין ווַייל עֶר שְׁטְרָאפְט זַייא נִיט וכל העוסקים וכו׳ אוּנ אויךְ עֶר זָאל עֶס נִיט טָאן וֶועגִין מֶען זָאל זָאגִין

דאס

מַרְבֶּה רִמָּה מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה מַרְבֶּה נָשִׁים מַרְבֶּה כְשָׁפִים מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה מַרְבֶּה עֲבָדִים מַרְבֶּה גָזֵל מַרְבֶּה תוֹרָה מַרְבֶּה חַיִּים מַרְבֶּה יְשִׁיבָה מַרְבֶּה חָכְמָה מַרְבֶּה עֵצָה מַרְבֶּה תְבוּנָה מַרְבֶּה

### מעשה אבות

דאס ער איז אפרומער נאר ער זאל זייא שטראפין פון גאטס וועגין · שזכות אבותם מסייעתם דער זכות אבות פון רבים העלפט אייך דאס איר זאלט אויס פירין וואס זייא דארפין אבער ניט איר זאלט דער מיט גאוה האבין וצדקתם עומדת לעד און דאס גירעכטיקייט פון דיא אבות שטייט אויף אייביג ואתם און איר דיא מתעסקינן מעלה אני עליכם שכר הרבה כאלו עשיתם זאגט גאט איך וועל אייך אויף ברייננגען איין שכר גלייך וויא איר האט אליין גיפועלט: הוו זהירין ברשות איר זאלט זיין גיווארינט אין דיא זאכן וואס עס איז גיגעבין צום מענטשינס רשות ער זאל עס טאן כלומר עס איז ניט גינוג צום מענטשין דאס ער זאל נאר האלטין וואס עס שטייט אין דער תורה נאר אפילו אין אזעלכע זאכין וואס דיא תורה האט רשות גיגעבין צום מענטשין ער זאל עס מעגין טאן גיהער דער מענטש גיווארינט זיין דאס ער זאל ניט איבעריג הנאה האבין פון דער וועלט דהיינו ער זאל ניט איבעריג עסין אדער נאך אזו איין גלייכין שאין מקרבין לו לאדם דען דיא אלע זאכין און דיא תענוגים פון דער וועלט זיינען ניט מקרב דעם מענטשין דאס עס זאל אים פון דעם עפעס ארויס קומען אלא לצורך עצמן נאר פון זייערט וועגין זעלבסט כלומר דער מענטש זאל נאך זייא נאך גיין נראין כאוהבין בשעת הנאתן בשעת דער מענטש האט הנאה פון דיא תענוגים ווערין זייא גיזעהען גלייך אזו וויא ליב האבער ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו און שטייען אבער ניט דעם מענטשין בייא זיין נויט: הוא היה אומר ער איז גיוואונט גיוועזען צו זאגין עשה רצונו כרצונך טוא גאטס ווילין אזו וויא דיין ווילין מיינט מען, דוא זאלסט געלט אויס געבין אויף גאטס זאכן גלייך אז דוא האסט דאס געלט גיגעבין אויף דיינע זאכן כדי שיעשה רצונך כרצונו כדי גאט זאל טאן דיין ווילין אזו וויא זיין ווילין כלומר ער זאל דיר פיל געלט געבין אדער אזו איז דער פשט עשה רצונו טוא גאטס ווילין כרצונך בשעת דוא טוסט דיין ווילין כלומר אפילו ווען דוא טוסט דיינע בארערפעניש דהיינו עסין און טרינקען אדער נאך אזו איין גלייכין זאלסטו עס ניט טאן פון דיין הנאה וועגין נאר פון גאטס וועגין דוא זאלסט עסין כדי דוא זאלסט כח האבין צו דינען גאט ב"ה און צו לערנען תורה כדי שיעשה רצונך כרצונו כדי גאט זאל האלטין דאן וואס דוא טוסט דיין ווילין וואס דוא עסט גלייך אז דוא טוסט זיין ווילין און ער וועט דיר דאס פאר איין מצוה רעכענען בטל רצונך מפני רצונו זייא מבטל דיין ווילין וועגין גאטס ווילין כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונו כדי השי"ת זאל מבטל זיין דעם רצון פון אנדערע וועגין דיין ווילין כלומר ווען עס וועט זיין גיווים פאר גאט דאס דוא טוסט גאר פון גאטס וועגין אבער ווען ניט פון גאטס וועגין וואלסטו עס ניט גיטאן אזו וועט גאט מבטל זיין רצון פאר דיין רצון דאס הייסט ווען הקדוש ברוך הוא איז גוזר איין

נזירה

צְדָקָה מַרְבֶּה שָׁלוֹם קָנָה שֵׁם טוֹב קָנָה לְעַצְמוֹ קָנָה לוֹ דִבְרֵי תוֹרָה קָנָה לוֹ חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא׃ ט רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי קִבֵּל מֵהִלֵּל וּמִשַּׁמַּאי הוּא הָיָה אוֹמֵר אִם לָמַדְתָּ תּוֹרָה הַרְבֵּה אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמְךָ כִּי לְכַךְ

### מעשה אבות

גְזֵירָה איז ער זיא מְבַטֵל וועגין דעם רָצוֹן פון איין צַדִיק · אַזוֹ וויא מיר גיפינען איין מַעֲשֶׂה בייא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי דאס ער איז אמאל ארויס גינאנגען האט ער גיזעהען איין גרוים פינצטערניש אויף דער וועלט האט ער גיזאגט צו זיין רַבִּי אֶלְעָזָר קום וועלין מיר זעהען וואס גאט וויל טאן אויף דער וועלט דיינען זייא גינאנגען אונ האבין באגעגינט איין מַלְאָךְ אונ דרייסיג פלאם פייער זיינען ארויס גיגאנגען פון זיין מויל האט רַבִּי שִׁמְעוֹן גיזאגט צוא אים וואס ווילסטו טאן האט דער מַלְאָךְ גיזאגט איך וויל דיא וועלט חָרוּב מאכין דען עס איז ניט פאר האנדין קיין דרייסיג צַדִיקִים אין דעם דוֹר האט רַבִּי שִׁמְעוֹן גיזאגט צוא אים איך בעט דיך דאס דוא זאלסט גיין פאר גאט בָּרוּךְ הוּא אונ זאלסט אים זאגין דאס בַּר יוֹחָאי איז דא אויף דער וועלט איז דער מַלְאָךְ גיגאנגען אונ האט גיזאגט צו גאט בָּרוּךְ הוּא עס איז אנטפלעקט נאר דיר וואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי האט גיזאגט · האט גאט גיזאגט גייא אונ מאך חָרוּב דיא וועלט אונ הער ניט צוא בַּר יוֹחָאי אז ער איז גיקומען האט רַבִּי שִׁמְעוֹן זעהן דעם מַלְאָךְ האט ער גיזאגט צום מַלְאָךְ ווען דוא וועסט ניט אוועק גיין וועל איך אויף דיר גוֹזֵר זיין דאס דוא זאלסט שוין מער ניט אויף גיין אויף דעם הימל אונ זאלסט דא בלייבין אונ גייא זאג פאר גאט בָּרוּךְ הוּא ווען עס איז ניט פאר האנדין קיין דרייסיג צַדִיקִים לאז דיא וועלט בלייבין וועגין צוואנציג צַדִיקִים אדער וועגין צעהען אדער וועגין צווייא דאס איז איך מיט מיין זון אדער וועגין איינעם דאס איז איך · אין דער צייט האט איין בַּת קוֹל פון דעם הימל גישריען וואול איז דיין טייל רַבִּי שִׁמְעוֹן דען גאט איז גוֹזֵר איין גְזֵירָה אונ דוא ביסט זיא מְבַטֵל אונ אויף דיר זאגט דער פָּסוּק רצון יראיו יעשה דעם ווילין פון דיא וואס פארכטין זיך פאר אים טוט ער טאן׃

הלל אומר הִלֵל זאגט אל תפרוש מן הצבור דוא זאלסט זיך ניט אפ שיידין פון דעם עוֹלָם ווען עס איז זייא ח״ו שלעכט זאל בייא דיר אין הארצין זיין איין צער גלייך וויא דיר אליין איז שלעכט ואל תאמין בעצמך אונ זאלסט ניט גלויבין אין זיך זעלבסט אונ אין דיין גיזונד עד יום מותך ביז דעם טאג פון דיין טויט כלומר דוא גיהעיסט זיך ניט פאר זיכערין דרויף וואס דוא ביסט איצונד גיזונד דען עס קען זיין דאס מארגין וועסטו שטארבין דרום גיהערסטו אלע צייט תְּשׁוּבָה טאן׃ ואל תדין את חברך דוא זאלסט ניט דן זיין דיין חָבֵר דאס ער איז ערגער פון דיר ווען ער טוט עפעס ניט רעכט עד שתגיע למקומו ביז ווען דוא ביסט אליין אויך גיקומען אויף דיין חברס ארט אונ ביסט באשטאנען דרויף ואל האמר דבר שאי אפשר לשמוע זאלסט ניט זאגין קיין זאג מיט אזו איין לָשׁוֹן וואס מען קען עס ניך ניט פאר שטיין אונ וועסט זיך טראכטין

נוצרת: י חמשה תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי ואלו הן רבי אליעזר בן הורקנוס רבי יהושע בן חנניא רבי יוסי הכהן רבי שמעון בן נתנאל ורבי אלעזר בן ערך: יא הוא היה מונה שבחם (רבי) אליעזר

### מעשה אבות

שכתוב להשמע דאס ווען יענער וועט רידען קלערין וועט ער עס פאר שטיין · דען דורך דעם קען זיין דאס איינער וועט אין דיינע רייד אטעות האבין ואל תאמר לכשאפנה אשנה אונ זאלסט ניט זאגין ווען איך וועל צייט האבין וועל איך לערנען שמא לא תפנה טאמער וועסטו קיין צייט ניט האבין: הוא היה אומר ער איז גיוואונט גיוועזן צו זאגין · אין בור ירא חטא איין ליידיגער מענטש וואס ווייסט גאר ניט קיין שום גוטע מדה אונ איז ווייט פון לייט דער קאן ניט מורא האבין פאר איין עבירה ולא עם הארץ חסיד אונ איין עם הארץ דאס הייסט ער קען ניט לערנען קען ניט זיין קיין פרומער ווארום ער ווייס ניט וואס איז לפנים משורת הדין ולא הבישן למד אונ דער וואס שעמט זיך צו פרעגין זיין רבי ווען ער ווייס ניט קען ער ניט לערנען ולא הקפדן מלמד אונ דער רבי וואס עס פאר דריסט אים ווען דער תלמיד פרעגט אים עפעס דער קען ניט אויס לערנען די תלמידים ובמקום שאין אנשים אונ אויף דעם ארט וואס עס איז ניט פאר האנדין קיין מענטשין השתדל להיות איש פלייס דיך צו זיין איין מענטש כלומר ווען דו ביסט אויף אזו איין פאר בארגין ארט דאס קיין מענטש איז דארט ניט דא זאלסטו ניט זאגין איך וועל איין עבירה טאן דען ווער וועט מיך זעהען נאר דוא זאלסט דיך דארטין אויך פלייסין צו זיין אין דער מדרגה פון איש דאס הייסט איין צדיק · אדער אזו איז דער פשט ווען דוא וועסט זיין אין אזו איין ארט וואס עס איז ניט פאר האנדין קיין צדיקים אונ עס קען זיין דאס ווען דוא וועסט גאטס תורה האלטין וועלין זייא שפעטין אן דיר זאלסטו זיך וועגין דער בושה וואס די מענטשין וועלין דיך פאר שפעטען ניט פאר מיידין פון צו זיין איין צדיק אונ איין פרומער נאר דוא זאלסט דיך פלייסין צו זיין פרום דען ענו איז ניט פאר האנדין קיין גרעסערע בושה וואס דער מענטש האט אויף יענער וועלט פון די עבירות וואס ער טוט ווייא איז אויף דער בושה אונ ווייא איז אויף דער צער: אף הוא ראה אויך האט הלל גיזעהען גולגלת אחת איין קאפ פון איין מענטשין שצפה על פני המים וואס זיא האט גישוואומען אויף דעם וואסער אמר לה האט ער גיזאגט צום קאפ על דאטפת פאר דעם וואס דוא האסט גימאכט דער טרינקען אנדערע לייט אטפוך האט השי"ת גיהייסין מען זאל דיך דער טרינקען וסוף מטיפיך אונ דער סוף וועט זיין פון די וואס האבין דיך דער טרונקען יטופון דאס זייא וועלין אויך דער טרונקען ווערין דען גאט באצאלט איטליכין זיין עונש מדה כנגד מדה: הוא היה אומר אויך איז הלל גיוואונט גיוועזן צו זאגין מרבה בשר דער מענטש וואס עסט פיל ער זאל האבין פיל פלייש אונ פעטקייט מרבה רמה מערט ער זיך ווערים דען עס ווערט פון זיין פלייש פיל ווערים אין קבר מרבה נכסים דער וואס מערט זיך פיל גיטער מרבה דאגה

בֶּן הוֹרְקְנוֹס בּוֹר סוּד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה (רַבִּי) יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אַשְׁרֵי יוֹלַדְתּוֹ (רַבִּי) יוֹסֵי הַכֹּהֵן חָסִיד (רַבִּי) שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל יְרֵא חֵטְא (רַבִּי) אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ כְּמַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר: יב הוּא הָיָה אוֹמֵר אִם יִהְיוּ כָּל חַכְמֵי

### מעשי אבות

מֶערְט ער זיך זָארג ׳ דֶען ער זָארגְט דְרִויף דָאס ער זָאל נִיט שַׁאדִין הָאבִּין אונ דָאס גָעלְט זָאל בַּייא אִים לֵיידִיג נִיט לִיגִין אָן פַאר דִינֶסְט אונ זוּכְט נָאךְ צוּ פָּאר׳ן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט צוּ פַאר דִינֶען נָאךְ מֶער אונ וֶוען ער זֶעהְט אַיין מִין סְחוֹרָה וָואס אִיז טֵייֶער גִיוָוארִין זָארְגְט ער וָוארוּם הָאט ער נִיט גִיקוֹיפְט פוּן אִיר אונ זָיעסְט גְלַייכִין וֶוען ער הָאט סְחוֹרָה אונ זִיא אִיז וָואלְוִויל גִיוָוארִין אונ נָאךְ אַזוֹ אַיין גְלַייכִין מרבה נשים וֶוער עֶס מֶערְט צוּ נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער מרבה כשפים מֶערְט ער כִּישׁוּף אִיטְלִיכֶע ווִיל טָאן כִּישׁוּף דָאס זִיא זָאל חָשׁוּב זַיין בַּיים מַאן מרבה שפחות וֶוער עֶס מֶערְט דִינְסְטִין נְקֵבוֹת מרבה זמה מֶערְט ער בַּייא זִיךְ אִין הוֹיז זְנוּת מרבה עבדים דֶער וָואס מֶערְט קְנֶעכְט מרבה גזל מֶערְט ער גְזֵילָה׳ בִּיז אַהֶער אִיז גִישְׁטַאנֶען דִיא זַאכִין וָואס מֶערוּנְג פוּן זֵייא אִיז שְׁלֶעכְט אונ אִיצוּנְד זָאגְט דֶער תַּנָא דִיא זַאכִין וָואס פִיל אִיז גוּט׳ מרבה תורה וֶוער עֶס מֶערְט צוּ לֶערְנֶען אִין דֶער תּוֹרָה מרבה חיים דֶער מֶערְט אֵייבִּיג לֶעבִּין׳ מרבה ישיבה וֶוער עֶס מֶערְט זִיצוּנְג פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מרבה חכמה דֶער מֶערְט חָכְמָה מַחֲמַת דֶער תּוֹרָה מרבה עצה דֶער וָואס מֶערְט אַיין עֵצָה גֶעבִּין צוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אונ ער קְלֶערְט פִיל עִנְיָנִים מרבה תבונה מֶערְט ער מִיט דֶעם פַאר שְׁטַאנְדִיקֵייט מרבה צדקה וֶוער עֶס מֶערְט צְדָקָה גֶעבִּין מרבה שלום מֶערְט ער שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט אונ דֶער עָנִי אִיז זִיךְ נִיט מִתְרַעֵם אוֹיף הַשִּׁי״ת׳ אַזוֹ ווִיא עֶס הָאט זִיךְ אַיין מַעֲשֶׂה גִיטְרָאפִין בִּימֵי הָאֲרִ״י ז״ל דָאס ער הָאט אַמָאל גִיזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיר זָאלְט ווִיסִין דָאס אִיךְ הֶער אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימֶל עֶס זָאל קוּמֶען אַיין הֵייְשֶׁערִינְג אִין דֶעם גְבוּל פוּן צְפַת תוב״ב אונ ער זָאל אוֹיף עֶסִין אַלֶע גָארְטִין וַוארְג אונ אַלֶע פְרוּכְט פוּן בוֹים אונ עֶס זָאל נִיט אִיבֶּער בְּלַייבִּין גָאר קַיין שְׁפַּייז אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אונ דָאס אִיז אִיבֶּער אַיין עָנִי אַיין תַּלְמִיד חָכָם רַבִּי מֹשֶׁה דָאס ער זִיצְט אונ אִיז מִתְרַעֵם אוֹיף גָאט אונ גָאט ווִיל שׁוֹין מֶער נִיט לַיידִין אונ אַיין הַאלְטִין זִיךְ נִיט צוּ שְׁטְרָאפִין זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים וָואס זֵייא גִיבִּין קַיין הַשְׁגָחָה נִיט אוֹיף אִים צוּ גֶעבִּין אִים זַיין שְׁפַּייז דְרוּם אִיז דִיא גְזֵירָה אַזוֹ שְׁטַארְק׳ נוּא מַיינֶע קִינְדֶער לְמַעַן הַשֵּׁם נֶעמְט צוּ נוֹיף צְווִישִׁין אַייךְ עֶפֶּעס גֶעלְט אונ שִׁיקְט צוּ אִים דֶען טָאמֶער וֶועט גָאט זִיךְ אוּם קֶערִין פוּן זַיין גְרִים צָארִין אונ וֶועט זִיךְ בַּדֵיינְקֶען אוֹיף דֶעם שְׁלֶעכְטֶס וָואס ער הָאט גִירֶעט צוּ טָאן׳ ווִיא דֶער הָאֲרִ״י הָאט עֶס זֵייא גִיזָאגְט הָאבִּין זֵייא צוּ נוֹיף גִינוּמֶען צְווִישִׁין זִיךְ פִינְף אונ צְווַאנְצִיג גִילְדִין אונ ער הָאט זֵייא גִישִׁיקְט צוּ דֶעם רַבִּי מֹשֶׁה מִיט הָרַב רַבִּי יוֹסֵף הַכֹּהֵן אונ רַבִּי יוֹסֵף אִיז גִילָאפִין גִיךְ צוּ דֶעם עָנִי רַבִּי מֹשֶׁה חָאט ער אִים גִיטְרָאפִין דָאס ער וַויינְט נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹסֵף גִיזָאגְט צוּ אִים וויין נִיט אונ וָוארוּם וַויינְסְטוּ הָאט דֶער עָנִי רַבִּי מֹשֶׁה גִיזָאגְט צוּ אִים וָוארוּם זָאל אִיךְ נִיט

יִשְׂרָאֵל בְּכַף מֹאזְנַיִם וֶאֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס בְּכַף שְׁנִיָּה מַכְרִיעַ אֶת כֻּלָּם: אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר מִשְּׁמוֹ אִם יִהְיוּ כָּל חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל בְּכַף מֹאזְנַיִם וֶאֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס אַף עִמָּהֶם וְאֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ בְּכַף שְׁנִיָּה מַכְרִיעַ אֶת כֻּלָּם:

מעשה אבות

ניט ווייגען אויף מיין שלים מזל דען ניט גינוג וואס איך בין איין עני זייגען מיר נאך היינט צוא בראכין גיווארין דיא ערדינע קריג וואס איך פלעג מיט זייא וואסער טראגין צוא דיא שכנים פון דער נאס אונ איך האב ניט פאר עפיס צוא קויפין אנדערע דרום וויין איך ווארום פאר וואס בין איך אין אזוא איין איינגעשאפט בין איך דען מער רשע פון אלע מענטשין אזו האט רבי יוסף זיך זייער גיוואונדערט דען ער האט גיזעהן אז עס איז וויא דער הארי״ ז״ל האט גיזאגט האט רבי יוסף דערמאלט גגעבין דאס געלט צוא דעם עני אונ האט אים אן גיזאגט דאס פון היינט אן זאל ער זיך ניט טרערעם זיין אויף נאט ב״ה דען דורך דעם וואש ער האט גיוויינט וואלט גיוועזן נתחתמת גיווארין איין גזר דין אויף דיא יודין האט רבי משה אויף זיך גינומען דאס ער זאל שוין מער ניט טאן אזו אונ איז גיפאלין צוא דער ערד אונ האט גאט גיבעטין דאס ער זאל זייא מוחל זיין אונ זאל זיך באדיינקען אויף דעם שלעכטין וואס ער האט גירעדט צוא טאן • נאך דעם איז רבי יוסף הכהן צוריק גיגאנגען אונ האט דער ציילט צו דיא חברים גאר דיא מעשה האבין זייא זיך זייער גיוואונדערט • נאך דעם האט דער הארי״ ז״ל גיזאגט צו זיינע חברים גיבענטשט זאלט איר זיין דען איבער אייך איז דיא גזירה בטל גיווארין • אונ האבין זיך ווידער גיזעצט לערנען אזו וויא זייא האבין גילערינט האבין זייא אויף גיהויבין זייערע אויגין האבין זייא גיזעהען דאס עס קומט אן אגרויסער הייששעריק האבין זייא זיך זייער גיפארכט האט דער הארי״ ז״ל גיזאגט צו זייא פארכט אייך ניט דען גאט האט שוין מוחל גיוועזן דיא זינד פאר דעם עני אונ דיא גזירה איז שוין בטל אונ אזו איז גיוועזן עס איז גיקומען איין ווינט אונ האט פאר טראגין דעם הייששעריק אין ים אריין אונ עס איז ניט גיבליבין איינער פון זייא אונ פון דערמאלט אן האבין דיא לייט פון צפת תובב״א השגחה גיגעבין אויף דעם עני רבי משה אונ מען האט אים גיגעבין זיין פרנסה בריוח • קנה שם טוב ווער עס איז קונה אגוטין שם אויף דער וועלט קנה לעצמו האט ער נאר זיך אליין קונה גיוועזן אגוטין שם קנה לו דברי תורה אבער ווען דער מענטש קויפט זיך דיא תורה דהיינו ער לערינט פון תורה קנה לו חיי העולם הבא קויפט ער זיך איביג לעבין בעולם הבא:

רבן יוחנן בן זכאי קבל מהלל ושמאי רבן יוחנן בן זכאי האט מקבל גיוועזן דיא תורה פון הלל ושמאי הוא היה אומר ער איז גיוואונט גיוועזן צו זאגין אם למדת תורה הרבה ווען דוא האסט אפילו גילערינט פיל תורה אל תחזיק טובה לעצמך זאלסטו דיר עס ניט האלטין פאר אגוטסקייט • כי לכך נוצרת דען פון דעסט וועגין איז נאר דיא וועלט באשאפין גיווארין דען בשעת גאט האט דיא וועלט בשאפין האט ער מיט איר איין תנאי אויס גינומען אויב דיא ישראל וועלין מקבל זיין דיא תורה איז גוט אונ אויב

גיפו

יג אָמַר לָהֶם צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ טוֹבָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם · רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן טוֹבָה רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר חָבֵר טוֹב רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן טוֹב רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב טוֹב :

## מעשה אבות

ניט וועל איך דיך אום קערין צו תוהו ובוהו · דרום איז דאך אחיוב צו לערנען · ניט דער מענטש זאל זיך דאס האלטין פאר אגוטסקייט ווען ער לערינט פיל · נאך איין פשט איז · דען עס איז גיוויס דאס דיא חסדים וואס גאט ברוך הוא טוט מיט דעם מענטשין אלע צייט אונ אלע רגע איז גאר אן שיעור אונ דער ערשטער חסד איז וואס ער האט באשאפין דעם מענטשין מיט חכמה אונ ציהט אים אויס פון זיין מוטערש בויך פון פינסטערנעס צו ליכטיקייט · דרום זאגט דער תנא ווען דוא האסט אפילו פיל תורה גילערינט זאלסטו זיך ניט האלטין פאר איין גוטשקייט אונ מיט אלץ וואס דוא האסט גילערינט הלואי זאלסטו דער מיט באצאלין צוא גאט ברוך הוא פאר דעם ערסטין חסד וואס ער האט מיט דיר גיטאן צו באשאפין דיך · אונ דוא ביסט נאך שולדיג צו באצאלין אים פאר דיא איבעריגע חסדים וואס ער טוט מיט דיר יעדער צייט · אדער אזו איז דער פשט · ווען דוא האסט פיל תורה גילערינט · זאלסטו ניט האלטין דיא תורה צו זיך זעלבסט אונ ניט לערנען זיא צו קיינעם כי לכך נוצרת דען דרויף ביסטו באשאפין גיווארין צו מאכין לערנען דיין חבר : חמשה תלמידים פינף עלסטע תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי איז גיוועזן צו רבן יוחנן בן זכאי ואלו הן אונ דאס איז זייערע נעמען · רבי אליעזר בן הורקנוס · רבי יהושע בן חנניה · רבי יוסי הכהן · רבי שמעון בן נתנאל · רבי אלעזר בן ערך : הוא היה מונה שבחן ער פלעגט צו רעכענען דעם שבח פון דיא פינף תלמידים · אונ דרום זאגט ער · ער פלעגט צו רעכענען זייער שבח · צו ווייזין דאס זייא זיינען ניט גיוועזן וויא אנדערע מענטשין דאס אמאל איז דיא טבע פון אמענטש ער זאל זיך גרויס האלטין אונ לויבין זיך פאר לייטין · אבער דיא תלמידים מחמת זייער גרויס פרומקייט האט קיינער גאר ניט גיוואוסט זייער גרויסקייט נאר דורך דעם וואס זייער רבי האט גירעכינט זייער שבח · אליעזר בן הורקנוס בור סוד · ער איז גליך וויא איין גרוב וואס איז אויס גיקאלכט גוט · שאינו מאבד טפה דיא גרוב פאר לירט ניט אטראפין פון דער משקה וואס מען גיסט אין גרוב ארייין אזו אויך רבי אליעזר בן הורקנוס פאר געסט ניט איין ווארט פון וואס ער האט גילערינט · יהושע בן חנניה אשרי יולדתו וואול איז צו זיין גיווינערין דאס איז זיין מוטער ווארום זיין מוטער האט אים גורם גיוועזן דאס ער זאל איין חכם זיין אונ דיא צייט וואס זיא איז מעוברת גיוועזן מיט רבי יהושע פלעגט זיא גיין אין אלע בתי מדרשים אונ פלעגט צו בעטין דיא רבנים זייא זאלין מתפלל זיין אז איר קינד וואס זיא וועט האבין זאל זיין איין צדיק אונ אתלמיד חכם יוסי הכהן חסיד ער טוט לפנים משורת הדין שמעון בן נתנאל ירא חטא ער האט מורא גיהאט פאר איין עבירה · רבי יהודה לירמא שרייבט דאס איז דער חילוק פון רבי יוסי צו רבי שמעון בן נתנאל · דען רבי יוסי

אָמַר לָהֶם רוֹאֶה אֲנִי אֶת דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם שֶׁבִּכְלָל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם: יד אָמַר לָהֶם צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ רָעָה שֶׁיִּתְרַחֵק מִמֶּנָּה הָאָדָם · רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן רָעָה רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר חָבֵר רָע רַבִּי

### מעשה אבות

איז בטבע געבארין געווארין מיט גוטע מדות · אבער רבי שמעון איז בטבע געבארן מיט שלעכטע מדות נאר ער האט באצוואונגען זיין טבע אונ האט זיא פאר קערט צו גוטין אונ דרום איז זיין מעלה גרעסער געוועזן פון דער מעלה פון רבי יוסי : אלעזר בן ערך כמעין המתגבר אזו וויא איין קוואל וואס עס שטארקט זיך : הוא היה אומר ער פלעגט צוא זאגין אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ווען אלע תלמידי חכמים פון די ישראל וואלטין געוועזן אין איין וואג שאל ואליעזר בן הורקנוס בכף שניה אונ רבי אליעזר בן הורקנוס זאל זיין אין דער אנדערע שאל אונ מען זאל וועגין איין שאל אנטקעגין די אנדערע מכריע את כולם וועט די שאל וואו רבי אליעזר בן הורקנוס איז איבער וועגין אלע תלמידי חכמים וואס זיינען אין דער אנדערע שאל : אבא שאול אומר משמו אבא שאול זאגט פון רבן יוחנן בן זכאי וועגין אז ער האט אזוא געזאגט ווען עס וועלן זיין אלע חכמי ישראל אין איין וואג שאל אונ רבי אליעזר בן הורקנוס אויך מיט אלע תלמידי חכמים אין שאל · אונ רבי אלעזר בן ערך וועט זיין אין דער אנדערע שאל וועט רבי אלעזר בן ערך איבער וועגין אלע צו גויף : אמר להם רבי יוחנן האט געזאגט צו די תלמידים צאו וראו גייט אונ קלערט אוים איזו היא דרך טובה וועלכעס איז די גלייכע פארטיגע וועג שידבק בה האדם דאס דער מענטש זאל זיך באוועפטין אין איר אונ זאל זיך אזו פירין רבי אליעזר אומר רבי אליעזר זאגט עין טובה ווער עס האט איין גוט אויג צו מאכין לערנען זיין חבר תורה דרום העלפט אים גאט ברוך הוא דאס ער פאר געסט ניט זיין לערנען אונ דאס האט רבי אליעזר געזאגט אנטקעגין זיין שבח וואס רבן יוחנן בן זכאי האט אויך אים געזאגט דאס ער איז געגליכין צו איין גרוב וואס זיא איז גוט אוים געקאלכט אונ עס ווערט ניט פאר לארין קיין טראפין : רבי יהושע אומר רבי יהושע זאגט חבר טוב מען זאל זעהען צוא האבן אגוטין חבר · אדער מען מיינט מען זאל איין ערליך ווייב נעמען אונ דאס האט רבי יהושע געזאגט אנטקעגין דעם שבח וואס רבן יוחנן האט געזאגט אויף אים דורך זיין מוטער וואס זיא האט גורם געוועזן ער זאל איין תלמיד חכם זיין : רבי יוסי רבי יוסי זאגט שכן טוב זאלסט האבין אגוטין שכן אונ דאס האט רבי יוסי געזאגט אנטקעגין זיין שבח וואס רבן יוחנן האט געזאגט דאס ער איז א חסיד אונ ענן איז געווים דאס דער עיקר פרומקייט געהער אמענטש צוא טאן בייא זיך אין שטוב קיינער זאל ניט זעהען אונ ווען מען האט אשלעכטין שכן קען זיין דאס וועגין דעם וואס דער שכן וועט שפעטין פון אים וועט ער זיך קומען פאר מיידין צו טאן דברי חסידות רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט הרואה את הנולד ווער עס זעהעט אונ טראכט אלץ וואס וועט קומען פון יעדער זאך אונ דאס האט ער געזאגט אנטקעגין

זיין

יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן רָע רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הַלֹּוֶה וְאֵינוֹ מְשַׁלֵּם אֶחָד הַלֹּוֶה מִן הָאָדָם כְּלֹוֶה מִן הַמָּקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן׃ רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב רָע׃ אָמַר לָהֶם רוֹאֶה אֲנִי אֶת דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן

### מעשה אבות

זיין שבח וואס רבן יוחנן האט גיזאגט אויף אים דאש ער האט מורא פאר אין עבירה׳ דען דער מיט קען איין מענטש ניט זינדיגין ווען ער זעהעט דעם עונש וואס ער וועט האבין פאר דער עבירה׳ רבי אלעזר אומר רבי אלעזר זאגט לב טוב מען זאל האבין איין גוט הארץ אמר להם האט רבן יוחנן בן זכאי גיזאגט צוא דיא תלמידים רואה אני איך זעה אונ עס גיפעלט מיר את דברי אלעזר בן ערך דיא רייד פון רבי אלעזר בן ערך מדבריכם בעסער פון אייערע רייד שבכלל דבריו דבריכם דען אין דעם כלל פון זיינע רייד דרינען איז פאר האנדין אייערע רייד׳ דען ווען מען האט אגוט הארץ אזוא האט מען אלע מדות טובות׃ אמר להם האט רבי יוחנן ווידער גיזאגט צוא דיא תלמידים צאו וראו גייט אונ זעהט מיט אייער שכל איזו היא דרך רעה וועלכעס איז דיא ערגסטע וועג שיתרחק ממנה האדם וואס דער מענטש גיהער זיך פון איר דער ווייטערין רבי אליעזר אומר רבי אליעזר זאגט עין רעה איין שלעכט אויג׳ דער רבינו יונה שרייבט דען עס איז פאר האנדין פון מדות טובות וואס ווען דער מענטש טוט עס ניט ווערט ער גינז אן גרופין קיין שלעכטער דהיינו אלע זאכין וואס זיינען לפנים משורת הדין׳ אבער דיא מדה פון איין קמצן איז ניט גלייך צו אנדערע זאכין אונ כדי דוא זאלשט ניט טראכטין דאס דיא מדה פון נדיבות איז גוט אבער דיא מדה פון קמצנות ווערט ניט אן גירופין שלעכט דרום זאגט רבי אליעזר דאס איין שלעכט אויג איז דאס ערגסטע וועג׳ דען דיא מדה פון קמצנות ברייננט דעם מענטשין צוא שלעכטש׃ רבי יהושע אומר רבי יהושע זאגט חבר רע אשלעכטער חבר רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט שכן רע אשלעכטנער שכן רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט הלוה ואינו משלם דער וואס אנטלייט אונ וויל ניט צאלין כלומר דען דער רשע ווערט אן גירופין איין לוה דאס ער לייעט דיא הנאות אונ דיא תענוגים פון דער וועלט אונ באצאלט ניט צוא אן טאן זיך סיגופים אפ צוא קומען דרויף וואס ער האט הנאה גיהאט פון דיא עבירות וואס ער דאט גיטאן אונ דאס איז דער היפוך פון דעם גוטין וועג וואס רבי שמעון האט פריער גיזאגט וועך עס זעהט דעם עונש וואס ער וועט האבין פאר דער עבירה דען ווען ער וויל ניט באצאלין מיט סיגופים פאר דעם וואס ער האט הנאה גיהאט פון דער עבירה האלט ער דאך גיווים דאס ער וועט קיין עונש ניט האבין אחד הלוה מן האדם עס איז איינס דער וואס לייעט פון איין מענטש כלוה מן המקום גלייך אז ער לייעט ביים גאט כלומר דער מענטש זאל זיך ניט טראכטין אויף דיא עבירות וואס צווישין איין מענטשין צוא גאט וועט ער יוא תשובה טאן דען דאס איז אזוא איין חוב וואס דער וואס טאנט לעבט אייביג׳ אבער דיא עבירות וואס צווישין איין מענטש מיט דעם אנדערין וועט ער ניט תשובה טאן עס איז ניט פאר האנדין קיינער וואס

באנט

עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם שֶׁבִּכְלַל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם׃ טו הֵם אָמְרוּ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר יְהִי כְבוֹד חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ וְאַל תְּהִי נוֹחַ לִכְעוֹס וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ וֶהֱוֵי מִתְחַמֵּם כְּנֶגֶד אוּרָן שֶׁל חֲכָמִים

### מעשה אבות

מאנט פאר דעם · דרום זאגט דער תנא עס איז איינם דער וואס לייעט ביי איין מענטש בלומר ער טוט דיא עבירות וואס צווישן איין מענטש מיט דעם אנדערין · גליך אזוא וויא ער לייעט פון גאט מיינט מען דיא עבירות וואס צווישן איין מענטש צוא גאט שנאמר לוה רשע ולא ישלם אזוא וויא אין פסוק שטייט דער רשע אנטלייט אונ וויל ניט צאלין בלומר ער וויל זיך ניט אן טאן קיין סיגופים אפ צוא קומען פאר דעם וואס ער האט הנאה גיהאט פון דיא עבירות · וצדיק חונן ונותן אבער איין צדיק ווען עס טרעפט זיך אים חלילה אום גערין אונ ער האט עפעס הנאה פון איין עבירה באצאלט ער עס דורך פאסטין אונ סיגופים וואס ער נעמט אויף זיך אונ דרום זאגט דער פסוק חונן ונותן דאס איז טייטש ער בעט אונ ניט דען אפילו ווען ער טוט זיך אן סיגופים פון דעסט וועגין בעט ער גאט ער זאל אים מוחל זיין אונ איז זיך מתודה אויף זיינע זינד דען ער ווייס דאס איין מענטש קען ניט באצאלין קיין טויזנט מאל טויזנט חלק פון דעם וואס ער איז שולדיג צוא גאט׃ רבי אלעזר אומר רבי אלעזר זאגט לב רע אשלעכט הארץ איז דאס ערגסטע פון אלע מדות ועות אמר להם האט רבן יוחנן בן זכאי גיזאגט צוא זייא רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם עס גיפעלט מיר דיא רייד פון רבי אלעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד שבכלל דבריו דבריכם דען אין דעם כלל פון זיינע רייד זיינען אלע אייערע רייד׃ הם אמרו שלשה דברים איטליכר פון דיא תלמידים איז גיוואונט גיוועזן צו זאגין דרייא רייד רבי אליעזר אומר רבי אליעזר זאגט יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך עס זאל זיין דיין חברש כבוד אויף דיר גיליבט אזוא וויא דיין כבוד אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה ביי רבי פנחס בן יאיר דאס ער איז אמאל גיגאנגען מיט זיינע תלמידים אויף איין ארט התורה לערנען אונ אויף דעם וועג איז גיוועזן איין טייך זיין נאמען איז גיוועזן גינאי אונ אין דער צייט האט זיך דער טייך צו נאסין אונ רבי פנחס מיט זיינע תלמידים האבין ניט גיקענט אריבער גיין האט רבי פנחס גיזאגט צום טייך · גינאי ווארום פאר מייטעסטו מיך פון צו גיין אין בית המדרש איז דער טייך צו שפאלטין גיווארין אונ ער איז איבער גיגאנגען האבין דיא תלמידים גיזאגט צו אים רבי זאלין מיר אויך גיין · דען זייא האבין מורא גיהאט דאס דיא וואסער וועט זיך צוריק אום קערין האט ער גיזאגט צו זייא ווער עס ווייס אין זיך דאס ער האט קיין מאל קיין יודין ניט מבזה גיוועזן מעג ער גיין אונ עס וועט אים ניט שאטין ואל תהי נוח לכעוס אונ זאלסט ניט זיין גרגיג צוא בייזערין זיך ושוב יום אחד לפני מיתתך אונ קער זיך אום צוא השם יתברך איין טאג פאר דיין טויט · תאמשע דוא האסט זייער פיל גיזינדיגט גאר דיינע טעג · זאלסטו דיך ניט מיאש זיין פון רחמים אונ זאלסט ניט טראכטין דאס מען וועט

בודאי

וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף וְכָל דִּבְרֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ: טז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר עַיִן הָרָע וְיֵצֶר הָרָע וְשִׂנְאַת הַבְּרִיּוֹת מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם:

מעשה אבות

בְּוַדַּאי שוין ניט אן נעמען דיין תְּשׁוּבָה דרויף זאגט דער תַּנָּא דאס דוא זאלסט וויסין דאס גאטס פאר געבונג איז זייער גרויס אונ אֲפִילוּ איין טאג פאר דיין טויט ווען דוא ביסט גוסס ווען דוא וועסט תְּשׁוּבָה טאן וועט גאט בָּרוּךְ הוּא אן נעמען דיין תְּשׁוּבָה · אָדער ער מיינט דען איין מענטש ווייש דאך ניט דעם טאג וואס ער וועט שטארבין אונ עס קען זיין דאס ער זאל מארגין שטארבין דרום זאל ער אַלֶע טאג תְּשׁוּבָה טאן דען עס קאן זיין אז דאס איז דער טאג וואס פאר זיין טויט והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים אונ דוא זאלסט זיך ווארעמען אנקעגין דעם ליכט פון דיא חֲכָמִים · דער רַבֵּינוּ יוֹנָה שרייבט דאס ווארט כנגד באטייט אנקעגין אבער ניט נאהינט עס איז גיגליכין אזוא וויא איינער ווארימט זיך אנקעגין פייער ווען ער שטייט פון ווייטין האט ער הֲנָאָה אונ ער בריט זיך ניט אפּ · אבער אז ער שטעלט זיך צוא נאהינט בריט ער זיך אפּ · אזוא אויך דער וואס גינעהענט צוא שטעלין זיך פאר איין תַּלְמִיד חָכָם גיהערט ער צוא שטיין פאר זייא מיט גרויס פארכט אבער ניט ער זאל גינעהענען צוא אים מער איי דער תַּלְמִיד חָכָם איז אים מְקָרֵב צוא זיך והוי זהיר בגחלתן אונ זייא גיווארינט אין זייער קויל שלא תכוה דאס דוא זאלסט ניט אפּ גיבריט ווערין כְּלוֹמַר דוא זאלסט דיך ניט מער מְקָרֵב זיין צוא זייא איי זייא זיינען דיך מְקָרֵב אונ זאלסט שטיין פאר זייא מיט גרויס פארכט שנשיכתן נשיכת שועל דען זייער ביס איז גיגליכין צו איין ביס פון איין פוקס · דען דיא ציין פון איין פוקס זיינען דין אונ קרום · אונ זיין ביס איז מער ווייטאג איי אנאנדער ביס אזו אויך דער עונש פון דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואס זייא שטראפין דעם מענטשין איז זייער גרויס ועקיצתן עקיצת עקרב אונ זייער שטעכין איז גלייך וויא איין עגדש שטעכט ולחישתן לחישת שרף אונ זייער שמוצערין איז גלייך אזו וויא דאס שמוצערין פון איין ברענענדיגן שלאנג וכל דבריהם אונ אלע זייערע רייד כגחלי אש זיינען אזו וויא קוילין פון פייער: רבי יהושע אומר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זאגט עין הרע אשלעכט אויג ויצר הרע אונ אשלעכט טראכט ושנאת הבריות אונ פיינד שאפט פון לייט דאס מען האט אויף זייא שִׂנְאָה אום זיסט מוציאין את האדם מן העולם ציען אוועק דעם מענטשין פון דער וועלט · דער אַבַּרְבַּנְאֵל שרייבט דאש דיא רייד פון רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זיינען איין באשיידענעש אויף דיא רייד פון רַבִּי אֱלִיעֶזֶר וואס זיינען פריער גישריבן · דען ווען דער מענטש וועט ניט חָשׁוּב האלטין דעם כָּבוֹד פון זיין חָבֵר וועט אין אים גיוועלטיגין אשלעכט אויג · אונ ווען ער וועט זיין גרינג צו ברוגז ווערין אזו וועט אין אים גיוועלטיגין דער יֵצֶר הָרָע אונ ווען ער וועט ניט נִזְהָר זיין אין דיא רייד פון דיא חֲכָמִים וועט ער אפּ גיבריט ווערין אין זייער קויל דען וּמַה דאך שִׂנְאָה פון פראסטע לייט ציט אוועק פון דער וועלט מִכָּל שֶׁכֵּן איין תַּלְמִיד חָכָם · רַבִּי

יוסף

יז רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמוֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרֻשָּׁה לָךְ וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמָיִם׃ יח רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל אַל

### מעשה אבות

יוסף בן שושן שרייבט דאס דיא דרייא זאכין ברייגען איינם צום אנדערין · דען ווען דער מענטש האט איין שלעכט אויג גילוסט ער צוא האבין דיא זאכין פון זיין חבר אונ צו נעמען עס אזו האבין אים דיא לייט פיינד אונ ציען אים אויס פון דער וועלט פאר זיין צייט רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט יהי ממון חברך חביב עליך כשלך עס זאל דיין חברש געלט בייא דיר גיליבט אזוא וויא דיין געלט והתקן עצמך ללמוד תורה אונ גרייט דיך אן צוא לערנען תורה כלומר דוא זאלסט טאן אזעלכע סבות דאס זייא זאלין גורם זיין דוא זאלסט לערנען אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה רבי אבא איז אמאל גיגאנגען פון טבריא צוא זיין שווער קיין טרוניא אונ רבי יעקב זיין זון איז אויך מיט אים גיגאנגען האבין זייא גענעכטיגט אין איין גאסט הויז אין דעם דארף טרשא אז זייא האבין זיך שלאפין גילייגט האט רבי אבא גיזאגט צום בעל הבית איז דא פאר האנדין איין האן האט דער בעל הבית גיזאגט ווארום דארפט איר אהאן האט רבי אבא גיזאגט כדי איך זאל אויף שטיין האלבע נאכט צוא לערנען האט דער בעל הבית גיזאגט מען דארף זייא ניט דען איך האב אנאנדער סימן דיא וואג וואס זיא שטייט פאר מיין בעט פיל איך אן מיט וואסער אונ עס טריפט טראפין ווייס וואסער פון אים ביז עס קומט צו דער האלבע נאכט ווערט אוים גילידיגט גאר דיא וואסער אזוא הויבט זיך אן דיא וואג צוא קאטשין אראפ אונ עס ברומט מיט איין גרוים קול אונ עס ווערט גיהערט אויף גאר דער שטוב אונ איך שטייא אויף · אונ דיא וואג האט מיר גימאכט איין אלטער מאן וואס איך האב גיהאט בייא זיך דאס ער פלעגט אויף שטיין צוא לערנען תורה · האט רבי אבא גיזאגט גילויבט איז גאט דאס ער האט מיך אהער גישיקט · אז עס איז גיקומען האלבע נאכט האט דיא ראד פון דער וואג זיך אן גיהויבן צוא קאטשין אונ ברומען מיט איין גרוים קול אזוא איז רבי אבא מיט זיין זון אויף גישטאנען האבין זייא גיהערט דאס דער בעל הבית זיצט מיט זיינע צווייא זין אונ לערינט תורה האט רבי אבא גיזאגט צוא רבי יעקב לאמיר חברותא מאכין באנאנד מיט דעם בעל הבית האבין זייא גינעהענט אונ האבין זיך גיזעצט מיט אים אונ זיינן אזו גיזעסין ביז טאג אונ דרינען האבין זייא גישמועסט פון דעם ענין פון אליהו אין דר צייט ווען א מענטש איז מל זיין קינד · אז עס איז ליכטיג גיווארין איז אויף גישטאנען רבי אבא מיט זיין זון אונ האבין גיוואלט זייער וועג גיין האט דער בעל הבית גיזאגט צוא זייא ענדיגט דאס וואס מיר האבין בייא דער נאכט גישמועסט האבין זייא גיזאגט וואס איז האט ער גיזאגט דען איר וועט זעהען צוא אליהו וואס ער ווערט זאן גירופין מלאך הברית אונ מיין ווייב בעט דאס פון אייך איר זאלט זיך דא זאמען · דען זיא האט איין זכר גיוואונען אונ דער ברית וועט זיין מארגין האט רבי אבא גיזאגט

דאס

תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר כִּי חַנּוּן וְרַחוּם הוּא אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וְנִחָם עַל הָרָעָה׃ וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ׃ יט רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר הֱוֵי שָׁקוּד לִלְמוֹד תּוֹרָה וְדַע מַה שֶׁתָּשִׁיב

### מעשה אבות

דאס איז דאך איין גיבעט פון איין מצוה דרום לאמיר דא זיצין ביז מארגין · זיינען זייא דארטין גיזעסין אגאנצין טאג אז עס איז נאכט גיווארין האט דער בעל הבית צו נויף גירופין זיינע ליבע פריינד אונ האבין דיא גאנצע נאכט גילערינט תורה · אונ קיינער פון זייא איז ניט גישלאפין האט דער בעל הבית גיזאגט צוא זייא איך בעט פון אייך דאס איטליכער זאל זאגין אנאייע זאך אין דער תורה · האבין זייא אזו גיטאן · נאך דעם האט רבי אבא גיזאגט צוא זייא אזוא פיל חכמה איז דא ביי אייך אונ איר זיצט דא אין דארף · האבין זייא גיזאגט ווען פויגלען לאזין אוועק זייער נעסט ווייסין זייא ניט וואו הין זייא זאלין פליען אזו מיר אויך ווען מיר וועלן אונזער ארט אוועק לאזין וועלין מיר ניט וויסין וואו הין צוא גיין לערנען תורה אונ מיר האבין אין דעם ארט זוכה גיוועזן צוא דער תורה אונ אזוא איז אונזער שטייגער אלע נאכט ביז האלבע נאכט שלאפין מיר אונ נאך דעם לערנען מיר אונ אז מיר שטייען אויף אין דער פריא אזו גייט אויף דער ריח פון דיא פעלדער אונ פון דיא טייכין אונ זייא דער לייכטין אונז דיא תורה אונ זיא ווערט איין גיזעסין אין אונזער הארץ אונ דאס ארט האט מען אמאל גימשפט פון אויבין אונ פיל תלמידי חכמים זיינען גישטארבין פאר דעם וואס מען האט קיין תורה ניט גילערינט · אונ איצונד איז אונזער גישעפט טאג אונ נאכט אין דער תורה · אונ דער וואס שיידט זיך אפ פון דאנען איז גלייך וויא ער שיידט זיך אפ פון אייביג לעבין · האט רבי אבא זייערע הענט אויף גיהויבין אונ האט זייא גיבענטשט · אז רבי אבא איז פון דארטין אוועק גיגאנגען האבין אים דיא לייט באלייט דרייא מייל · האבין דיא לייט גיזאגט צוא רבי אבא ווייסטו פאר וואס דער בעל הבית האט אזו זוכה גיוועזן · ווייל ער האט אמצוה גיטאן האט רבי אבא גיזאגט וואס פאר איין מצוה האט דער בעל הבית גיזאגט מיין ווייב איז גיוועזן מיין ברודערס ווייב אונ ער איז גישטארבין אן קינדער האב איך זיא גינומען פאר איין ווייב אונ דאס איז דער ערשטער זון וואס איך האב מיט איר אונ איך האב אים איין נאמען גיגעבין אזו וויא מיין ברודערס נאמען איז גיוועזן · האט רבי אבא גיזאגט פון איצונד אן זאלסטו רופין זיין נאמען אידי אונ דאס איז גיוועזן רב אידי בר יעקב׃ שאינה ירושה לך דרום גיהערסטו זיך צו מיען אין דער תורה · דען זיא איז ניט וויא איין ירושה צו דיר וואס איין ירושה קומט אן מיא׃ וכל מעשיך יהיו לשם שמים אונ אלע דיינע ווערק זאלין זיין פון גאטס וועגין · הן סייא אין קיום המצות אונ הן אין עסין אונ טרינקען אונ שלאפין אדער נאך אזו איין גלייכין חאטשע דיא זאכין זיינען דאך הנאות פון דעם גוף פון דעסט וועגין זאלסטו זייא טאן פון גאטס וועגין דהיינו ווען דוא טוסט דיא זאכין וואס זייא זיינען הנאות צום

לְאֶפִּיקוֹרוֹס וְדַע לִפְנֵי מִי אַתָּה עָמֵל וּמִי הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ: כ רַבִּי טַרְפוֹן אוֹמֵר הַיּוֹם קָצֵר וְהַמְּלָאכָה מְרֻבָּה וְהַפּוֹעֲלִים

### מעשה אבות

גוף זאלסטו ניט מכוין זיין דאס דוא טוסט עס פון דיין הנאה וועגן נאר דוא עסט כדי דוא זאלסט קראפט האבין צוא דינען גאט· אונ ווען דוא מעניסט זיך תענוגים אום שבת אונ ימים טובים זאלסטו מכוין זיין דאס דוא טוסט עס ווייל גאט ברוך הוא האט אזו גיבאטין וועט דאש זיין גליך וויא דיא מצוה וואס דוא פאסט אום יום כפור· אונ ווען דוא לייגסט דיך שלאפין זאלסטו מכוין זיין כדי דיינע גידאנקן זאל זיין ריין צוא לערנען אונ ווען דוא קליידסט זיך אן זאלסטו מכוין זיין וואס עס איז כדי דוא זאלסט ניט מבוזה ווערין אין לייטינש אויגין אונ זייא וועלין קומען מבזה זיין דיין לערנען אונ ווען דוא ביסט עוסק אין איין מלאכה זאלסטו דיך מכוין זיין דאס דוא טוסט עס כדי דוא זאלסט ניט דארפין אן קומען צוא לייט אונ זאלסט ניט קומען צוא גזלנן אונ אזוא אויך בייא אלע זאכין זאל דיין כונה זיין פון גאטס וועגין: רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה זייא גיווארינט אין קריאת שמע אונ תפלה· דרום זאגט דער תנא אן אויף דיא צווייא זאכין· דען אין דער צייט פון קריאת שמע ותפלה שטארקט זיך דאש עצלות אויפין מענטשן ער זאל ניט אויף שטיין פון זיין שלאף אונ זומער מחמת דיא נאכט איז קליין אונ אום ווינטער מחמת דער קעלט דרום זאגט דער תנא דאס דער מענטש זאל גיווארינט זיין אונ זאל פון זיך אוועק שטויסין דאס עצלות אונ זאל גיווארינט זיין צוא דאווענען אין דער צייט וכשאתה מתפלל אונ אז דוא דאווינסט אל תעש תפלתך קבע זאלסטו ניט מאכין דיין תפלה וויא אניזעצטע זאך וואס דוא ביסט גערין דוא זאלסט שוין פטור ווערין פון דעם אלזו רחמים ותחנונים לפני המקום נאר דיא תפלות זאלין בייא דיר זיין גיבעט פאר גאט ברוך הוא ער זאל זיך אויף דיר דער בארימען ואל תהי רשע בפני עצמך אונ זאלסט ניט זיין קיין רשע פאר זיך זעלבסט· דער רמב״ם שרייבט דאס מיינט מען א מענטש זאל זיך ניט האלטין דאס ער איז איין רשע· דען אזוא וועט קיין עבירה בייא אים גימו גרויס זיין צוא טאן אונ אויך ער קען שוין ניט תשובה טאן דען ער האלט דאש ער איז אזוא איין רשע וואס מען וועט בוודאי זיין תשובה ניט אן נעמען· נאך איין פשט איז זאלסט ניט זיין קיין רשע ווען דוא ביסט אליין בחדרי חדרים אונ קיין מענטש זעהט דיך ניט זאלסטו דארטין ניט טאן קיין שלעכטש אונ דוא וועסט זיך טראכטין ווער וועט מיך זעהן אונ ווער וועט מיך ווישין נאר אפילו דארט זאלסטו אויך מורא האבין פאר גאט· דען גאט ברוך הוא זעהט דיך אונ דיינע מעשים ווערין גישריבין אין איין בוך·נאך איין פשט איז דוא זאלסט דיר ניט טראכטין דאס נאר דוא אליין ביסט איין רשע אונ דיא גאנצע וועלט זיינען צדיקים דרום וועט דיין רשעות גאר ניט פועל זיין· דען דיא וועלט ווערט גימשפט נאכין רוב נאך אונ דער רוב וועלט זיינען דאך צדיקים וועט וועגין זייא זיין פיל גוטש אויף דער וועלט אונ איך וועל

דער

עֲצֵלִים וְהַשָּׂכָר הַרְבֵּה וּבַעַל הַבַּיִת דּוֹחֵק: כא הוּא הָיָה אוֹמֵר לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר וְלֹא אַתָּה בֶן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה אִם לָמַדְתָּ תוֹרָה הַרְבֵּה

## מעשה אבות

דֶער בַּייא אויךְ הֲנָאָה הָאבִּין אוּנ מַחֲמַת דֶעם וֶועסְטוּ נִיט וֶועלִין תְּשׁוּבָה טָאן · דֶען
דוּא וֶועסְט זִיךְ טְרַאכְטִין אַן מַיין תְּשׁוּבָה וֶועלִין אויךְ אִיבֶּער וֶועגִין דִיא זְכִיּוֹת פוּן דֶער
וֶועלְט צוּא גוּטִין · דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא ואל תהי רשע בפני עצמך דוּא זָאלְסְט נִיט
הַאלְטִין דָאס נָאר דוּא אַלֵיין בִּיסְט אַיין רָשָׁע נָאר דוּא זָאלְסְט טָאן אַזוֹ וִויא אוּנְזֶערֶע
חֲכָמִים הָאבִּין גִיזָאגְט דָאס אַמֶענְטְשׁ גִיהֶער צוּא הַאלְטִין דָאס דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער
וֶועלְט זַיינֶען הַאלְבּ צַדִּיקִים אוּנ הַאלְבּ רְשָׁעִים אוּנ וֶוען עֶר טוּט אַיין עֲבֵירָה וֶועט
עֶר אִיבֶּער דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף חוֹב אוּנ דָאס גְלַייכִין וֶוען עֶר טוּט אַיין מִצְוָה וֶועט
עֶר אִיבֶּער דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף זְכוּת: רבי אליעזר אומר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט הוי שקוד
ללמוד תורה זַייא גִיאַיילְט צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה ודע מה שתשיב לאפיקורוס אוּנ דוּא זָאלְסְט
ווִיסִין וָואס צוּא עֶנְטְפֶערִין צוּא דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס וָואס עֶר אִיז מְבַזֶּה דִבְרֵי תּוֹרָה זָאלְסְטוּ
אִים מִיט שֵׂכֶל אָפּ וֶוענְדִין ודע לפני מי אתה עמל אוּנ זָאלְסְט ווִיסִין פַאר וֶועמֶען דוּא
מִידֶסְט זִיךְ ומי הוא בעל מלאכתך אוּנ וֶוער אִיז דֶער הַאר פוּן דַיין מְלָאכָה כְּלוֹמַר פוּן דַיין
דִינֶען וָואס דוּא דִינְסְט אִים שישלם לך שכר פעולתך וָואס עֶר וֶועט דִיר בַּאצָאלִין דֶעם
שְׂכַר פַאר דַיין וֶוערְק: רבי טרפון אומר רַבִּי טַרְפוֹן זָאגְט היום קצר דֶער טָאג פוּן דֶעם
מֶענְטְשִׁין כְּלוֹמַר זַיין לֶעבִּין אִיז קוּרְץ אוּנ וֶוענִיג והמלאכה מרובה אוּנ דִיא מְלָאכָה פוּן
דֶער תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר פִיל והפועלים עצלים אוּנ דִיא אַרְבֶּעטֶער דָאשׁ מֵיינְט מֶען דִיא
אֵבָרִים פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דָאס זַייא זַיינֶען דִיא אַרְבֶּעטֶער צוּ טָאן דִיא מִצְוֹת זַיינֶען זַייא
פוֹיל אוּנ טוּעֶן נִיט מִיט גִיכְקַייט והשכר הרבה ובעל הבית דוחק הָאטְשֶׁע דֶער שְׂכַר פוּן
דִיא מִצְוֹת אִיז זֵייעֶר פִיל אוּנ גָאט בָּרוּךְ הוּא וָואס עֶר אִיז אַיין בַּעַל הַבַּיִת אויף נָאר
דֶער וֶועלְט שְׁפַּארְט צוּא צוּ זַיין דִינְסְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין זַיינֶען דִיא אַרְבֶּעטֶער פוֹיל
צוּא טָאן · דֶען דָאס פוֹילְקַייט פוּן אַפּוֹעֵל וָואס עֶר בּוֹיט אַיין הוֹיז אִיז מֵחֲמַת צְוֶוייא
סִבּוֹת · אַיינְס אִיז מֵחֲמַת עֶר נֶעמְט וִוינְצִיג גִיצָאלְט פַאר זַיין מְלָאכָה: דְרוּם טוּט עֶר
עֶס נִיט מִיט גִיכְקַייט אוּנ חֵשֶׁק · דָאס צְוֶוייטֶע וֶוען אֲפִילוּ עֶר נֶעמְט פִיל גִיצָאלְט
אָבֶּער וֶוען דֶער הַאר פוּן דֶעם הוֹיז שְׁטֵייט נִיט בַּייא אִים הַשְׁגָּחָה צוּא גֶעבִּין עֶר
זָאל טָאן מִיט גִיכְקַייט אַזוֹא טוּט עֶס דֶער פּוֹעֵל מִיט פוֹילְקַייט · אוּנ בַּייא דֶער
מְלָאכָה פוּן גָאטְס דִינְסְט זַיינֶען דָאךְ בֵּיידֶע זַאכִין בַּאוָוארִינְט דֶען דֶער שְׂכַר פוּן
דֶער מְלָאכָה אִיז פוֹל אוּנ אויךְ גָאט בָּרוּךְ הוּא וָואס עֶר אִיז דֶער הַאר פוּן דֶער
מְלָאכָה שְׁפַּארְט צוּ דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר שִׁיקְט יִסּוּרִים צוּ דֶעם מֶענְטְשִׁין כְּדֵי עֶר זָאל
זִיךְ בַּאדֶיינְקֶען אויף זַיינֶע מַעֲשִׂים · אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין זַיינֶען דִיא אַרְבֶּעטֶער
פוֹיל: הוא היה אומר עֶר אִיז גִיוואוּנְט גִיוֶועזֶען צוּא זָאגִין לא עליך המלאכה לגמור נִיט אויף
דִיר אִיז אַחְיוּב דוּא זָאלְסְט דִיא מְלָאכָה פוּן דֶער תּוֹרָה גוֹמֵר זַיין דָאס גֵייט אַנְטְקֶעגִין
אַמֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִיט קַיין גְרוֹיסִין מוֹחַ צוּא דֶער תּוֹרָה זָאל עֶר זִיךְ נִיט טְרַאכְטִין

וואס

נותנין לך שכר הרבה ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא: רבי חנניא וכו׳

# פרק שלישי

כל ישראל וכו׳

א עקביא בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה· דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי

## מעשה אבות

וואס נוצט מיר דאס לערנען ווען איך קען פיל ניט אפ לערנען דען עס איז אויף דיר קיין חיוב ניט דאס דוא זאלסט גאר דיא תורה אויס לערנען אונ עס איז איינם דער וואס מערט אונ דער וואס ווינציגט בחמת ער קען ניט ווען ער איז זיך מכוין זיין הארץ צוא גאט דרום גיהערסטו זיך ניט אפ שיידין פון צו לערנען ולא אתה בן חורין להבטל ממנה אונ דוא ביזט ניט פרייא צוא מבטל זיין זיך פון איר דאס גייט אנטקעגין אזו איין מענטש וואס האט פיל גילערינט דאס ער זאל זיך ניט טראכטין עס איז דאך אויף מיר ניט גיווארפין דיא מלאכה פון דער תורה איך זאל זיא גומר זיין אונ האב דאך שוין פיל גילערינט נוא וועל איך שוין איצונד זיין פרייא אונ וועל שוין מער ניט לערנן· דרויף זאגט דער תנא דאס האטשע דוא האזט פיל גילערינט ביסטו ניט פרייא צו זיין בטל פון דער תורה אם למדת תורה הרבה ווען דוא האסט גילערינט פיל תורה נותנין לך שכר הרבה וועט מען דיר געבין פיל שכר ונאמן הוא בעל מלאכתך אונ דער בעל הבית וואס דוא ארבעסט ביי אים איז באגלויבט שישלם לך שכר פעולתך אז ער וועט דיר צאלין דעם שכר פאר דיין ארבעט ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא אונ דוא זאלסט וויסין אז דאס גיצאלט פון דיא צדיקים איז אן גיברייט צו קומען· אונ איין שעה תענוג פון עולם הבא איז בעסער איי נאר דאס גוטס וואס איין מענטש קען האבין בעולם הזה· אונ דרום גיפינען מיר דאס דיא צדיקים ווילין ניט הנאה האבין אויף דער וועלט בכדי עס זאל ניט גימינערט ווערין זייער שכר אויף יענער וועלט· איין תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי איז אמאל גיגאנגען מיט סחורה האנדלען אונ איז רייך גיווארין אז ער איז גיקומען צוא רבי שמעון אונ דיא תלמידים האבין גיזעהען וואס דער תלמיד האט פאר דינט האט זייא באנק גיטאן וואס זייא פאר דינען ניט· האט רבי שמעון גינומען זיינע תלמידים אונ איז גיגאנגען מיט זייא צוא איין פעלד אונ האט גיזאגט פעלד פעלד ווער אן גיפילט מיט רענדלאך אזוא איז דאס פעלד פול גיווארין מיט רענדלאך האט רבי שמעון גיזאגט נעמט אייך איטליכער וויפיל איר ווילט אבער איר זאלט וויסין דאס איר נעמט פון אייער שכר וואס עס איז צוא אייך אן גיברייט בעולם הבא אז זייא האבין דאס גיהערט האבין זייא שוין ניט גיוואלט נעמען:

פרק ג עקביא בן מהללאל אומר עקביא בן מהללאל זאגט הסתכל בשלשה דברים קוק אונ נעם דיר איין זין דיא דרייא זאכין ואין אתה בא לידי עבירה וועסטו ניט

קומען

אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן · מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה · וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא : ב רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר

מעשה אבות

קוּמֶען צוּ קֵיין עֲבֵירָה · עֶס אִיז קָשֶׁה וָוארוּם דַארְף דֶער תַּנָּא שְׁרַייבִּין דִיא צָאל פוּן דִיא זַאכִין דֶען אִיךְ וֶועל דָאךְ אַלַיין וִויסִין דָאס עֶס אִיז דְרַייא זַאכִין אוּנ עֶס וָואלְט גִינוּג גִיוֶועֶן עֶר זָאל זָאגִין הסתכל באלו הדברים דוּא זָאלְסְט קוּקִין אוּנ נֶעמֶען אִין זִין דִיא זַאכִין וָואס וַוייטֶער וֶועט שְׁטֵיין · דֶער תֵּירוּץ אִיז דָאס דֶער תַּנָּא קוּמְט צוּ וַוייזִין דָאס וֶוען דוּא וֶועסְט נִיט נֶעמֶען אִין זִין אַלֶע דְרַייא זַאכִין בַּאנַאנְד נָאר אֵיינְס פוּן זֵייא אָדֶער צְוַוייא אַזוֹ קֶען זַיין אַז עֶס זָאל נָאךְ עֶרְגֶער זַיין · דֶען וֶוען עֶר וֶועט אִין זִין נֶעמֶען נָאר דִיא זַאךְ וָואס עֶר קוּמְט פוּן אֵיין פֵייכְטִין טְרָאפִּין וֶועט עֶר זָאגִין אַז עֶס אִיז יוֹא אַזוֹ גִיהֶער מֶען דָאךְ מִיךְ נִיט שׁוּלְדִיג מַאכִין דְרוּיף וָואס אִיךְ זִינְדִיג דֶען מַיין יְסוֹד אִיז דָאךְ גִיבּוֹיט גִיוָוארִין פוּן אַיין מִיאוּסֶע זַאךְ דְרוּם גֵייג אִיךְ צוּ שְׁלֶעכְטִין דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא דָאס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ אִין זִין נֶעמֶען וואוּ אַהִין זַיין גַאנְג אִיז דָאס דֶער סוֹף וֶועט זַיין עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין אוּנ וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ דֶער מָאנֶען אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין טוֹיט וֶועט עֶר נִיט קוּמֶען צוּ זִינְדִיגִין · אוּנ וֶוען אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דִיא צְוַוייא זַאכִין אִין זִין נֶעמֶען וֶועט עֶר זִיךְ טְרַאכְטִין נוּא וֶוען אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבִּין אוּנ וֶועל זִיךְ אוּם קֶערִין צוּ עֶרְד וֶועל אִיךְ גִיוִוים נִיט אָפּ גֶעבִּין קֵיין חֶשְׁבּוֹן אוֹיף מַיינֶע זִינְד דֶען וִויא אַזוֹ קֶען עֶרְד חֶשְׁבּוֹן גֶעבִּין · דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא דוּא זָאלְסְט וִויסִין פַאר וֶועמֶען דוּא בִּיסְט אָן גִיבְּרֵייט צוּ גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוּנ אַמֶענְטְשׁ גִיהֶער אִין דִיא דְרַייא זַאכִין בַּאנַאנְד צוּ קוּקִין · וֶועט עֶר גִיוִוים נִיט זִינְדִיגִין :

דע מאין באת וַויים פוּן וָואס פַאר אֵיין אָרְט בִּיסְטוּ גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט דְרוּיף אִיז דֶער תַּנָּא וַוייטֶער מְפוֹרָשׁ מאין באת מטפה סרוחה דוּא קוּמְסְט אַרוֹיס פוּן אַיין פֵייכְטִין טְרָאפִּין ולאן אתה הולך אוּנ וואוּ הִין דוּא וֶועסְט גֵיין דְרוּיף אִיז דֶער תַּנָּא וַוייטֶער מְפוֹרָשׁ למקום עפר רמה והולעה צוּ אַיין אָרְט פוּן עֶרְד אוּנ אַלֶערְלֵייא וֶועְרִים · ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון אוּנ פַאר וֶועמֶען בִּיסְטוּ אָן גִיבְּרֵייט צוּא גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים · דְרוּיף אִיז דֶר תַּנָּא וַוייטֶר מְפוֹרָשׁ לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא פַאר גָאט וָואס עֶר אִיז אַקִינִיג אִיבֶּער אַלֶע קִינִיגִין · נָאךְ אַיין פְּשָׁט אִיז דָאס דְרוּם צוּ טֵיילְט עֶס דֶער תַּנָּא אוֹיף צְוַוייא פַאל אוּנ זָאגְט בַּייא אַלֶע זַאכִן פְרִיעֶר סְתָם וַויים פוּן וָואס פַאר אַיין אָרְט דוּא קוּמְסְט אַרוֹיס אוּנ וואוּ הִין דוּא גֵייסְט · אוּנ פַאר וֶועמֶען דוּא וֶועסְט אָפּ גֶעבִּין חֶשְׁבּוֹן דֶען דִיא דְרַייא זַאכִין זַיינֶען גִיזָאגְט גִיוָוארִין אוֹיף תְּשׁוּבָה מֶענְטְשִׁין וָואס זֵייא דַארְפִין נִיט אִין זִין נֶעמֶען קֵיין נִידֶערִיגֶע זַאכִין דֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵייא וֶועלִין אַנְדֶערֶע דְרַייא זַאכִין אִין זִין נֶעמֶען וֶועלִין זֵייא אוֹיךְ נִיט קוּמֶען צוּ קֵיין עֲבֵירָה · דָאס מֵיינְט דֶער תַּנָּא דע מאין באת וַויים פוּן וַואנֶען דַיין נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיס דֶען זִיא אִיז גִינוּמֶען גִיוָוארְן פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד פוּן גָאט דְרוּם גִיהֶערְסְטוּ

ניט

הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת שֶׁאִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוֹ: ג רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן אוֹמֵר שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים · שֶׁנֶּאֱמַר וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב ·

### מעשה אבות

ניט צו מאכין זיא פרעמר מיט דיינע מעשים · ולאן אתה הולך אונ וואו הין דוא וועסט זיין דאס מיינט מען דיין נשמה וועט אויף גיין צו איר ארט וואס זיא איז פון דארט גינומען גיווארין צו גרייכין דיא וועגין פון לעבין דרום גיהערסטו ניט צו זינדיגין אונ צו פאר מיירין גוטס פון דיין נשמה ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון אונ פאר וועמען דוא ביסט אן גיגרייט צו געבין דין וחשבון דען דיין נשמה וועט אויך אפ געבין חשבון פאר גאט אזו וויא דיא גמרא זאגט איין קיסר האט גיזאגט צו רבן גמליאל פאר וואר דיא נשמה מיט דעם גוף קענען זיך פטרין פון שטראף · דען דיא נשמה קען זאגין איך בין דאך אן דעם גוף גלייך גאר וויא אפייגיל וואס פליעט ארום אונ זינדיגט ניט · אונ דער גוף קען זאגין ווען ניט דיא נשמה בין איך דאך גאר ניט גיאכט אונ וואלט ניט גיקענט זינדיגין · האט רבן גמליאל גיזאגט איך וועל דיר געבין איין משל איין מלכות האט גיזעצט צווייא שומרים זייא זאלין היטין זיין גארטין איינער איז גיוועזין א בלינדער אונ דער אנדערער איז גיוועזין א הינקעדיגר אמאל איז ער גיקומען צום גארטין האט ער גיזעהען דאס זייא האבין אויף גיגעסין דיא פירות האט ער גיזאגט צו זייא ווארום האט איר עס גיטאן האט דער בלינדער גיזאגט איך בין ניט שולדיג דען ווען ניט דער הינקעריגער וואלט מיך פירין צום ארט וואלט איך דאך ניט גיזעהען אונ דער הינקעריגער האט גיזאגט ווען דער בלינדער וואלט מיך ניט טראגין וואלט איך דאך ניט גיקענט גיין אזו האט דער מלך גימאכט רייטין דעם הינקעריגן אויף דעם בלינדין אונ האט זייא באנאנד זייער שטראף גיגעבין · אזו אויך טוט גאט ברוך הוא · ער טוט דיא נשמה צוריק אין גוף אונ שטראפט זייא באנאנד · רבי משה אלמושנינו שרייבט אנאנדער פשט דער תנא לערינט אונז מיט דעם מוסר צו מאכין קויפין אונז איין אייביגע טבע מיר זאלין ניט זינדיגין דען עס איז ניט פאר האנדין קיין גרעסערר גורם צו איין עבירה וויא גילעכטער אונ פאר שייטקייט דרום האט דער תנא מתכוין גיוועזן צו ברייגען טרויערקייט אין דעם הארץ פון דיא מענטשין דאס זייא זאלין ניט פאר געסין זייערע ווערק אונ דרום האט ער גיזאגט דע מאין באת ווייס פון וואנען דוא ביסט גיקומען וואס דאס איז גורם דאס דוא ביסט אן גיגרייט צו שלאפקייט אונ יסורים אונ ביטערע טרעפונג אונ דוא קענסט ניט וויסין וואס עס וועט זיך מיט דיר הייגט טאן דרום זאלסטו דיך ניט פרייען מיט דיינע כעס ות דען זייא האבין קיין קיום ניט אויף אייביג: ולאן אתה הולך אונ דרויף אויך זאלין דיינע אויגין טרערין לאזין אונ דוא זאלסט טרויערין אויף דעם ארט וואס דוא וועסט זיין דען דוא גייסט צום טויט ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון אונ נאך איין זאך איז וואס דוא גיהערסט זיך אן קליידין מיט פארכט אונ ציטערנעש ראנו דוא

וועסט

אֲבָל שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְיֵשׁ בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶם · שֶׁנֶּאֱמַר אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו לְיִרְאֵי יְיָ וּלְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ · אֵין לִי אֶלָּא שְׁנַיִם מִנַּיִן אֲפִילוּ אֶחָד

מעשה אבות

וועסט אפּ געבּין חֶשְׁבּוֹן אויף אַלע דיינע מַעֲשִׂים: דין וחשבון דרום זאגט דער תַּנָּא פְרִיעֶר דין אונ נאך דעם חֶשְׁבּוֹן עס וואלט דאך גינוג גיוועןן ער זאל זאגין איינס נאר דער טַעַם דער פון איז דען ווען דער מענטש שטארבּט איז מען אים מוֹדִיעַ אַלע דִינִים פון דער תּוֹרָה ער זאל וויסין דיא שטראף וואס עס קומט אויף יעדער עֲבֵירָה אונ נאך דעם פרעגט מען אים דער וואס קומט אויף איין אֵשֶׁת אִישׁ וויא אַזוֹ איז זיין דין · דער וואס טוט איין מְלָאכָה אום שַׁבָּת וויא אַזוֹ איז זיין דין · אונ דער מענטש ענטפערט עס קומט אים מען זאל אים פאר שטיינען · אונ נאך דעם פרעגט מען אים . אויף אַלע עֲבֵירוֹת וואס ער האט אַליין גיטאן אונ ער פַּסְקֶנְת דעם דין אויף איטליכע זאך אונ נאך דעם דער מאנט מען אים אַלע עֲבֵירוֹת וואס ער האט גיטאן אונ מען זאגט אים דאס בּיסטו אַליין דער מענטש וואס דוא האסט דיא עֲבֵירוֹת גיטאן אונ אַזוֹ איז דיין מִשְׁפָּט וואס דוא אַליין האסט גפַּסְקֶנְת דרום זאגט דער תַּנָּא דין פְרִיעֶר וועסטו פַּסְקְנֶען דעם דין וחשבון אונ נאך דעם וועסטו געבּין חֶשְׁבּוֹן אויף דיינע מַעֲשִׂים :

רבי חנינא סגן הכהנים אומר רַבִּי חֲנִינָא דער הער פון דיא כֹּהֲנִים וואס אונטער דעם כֹּהֵן גָּדוֹל פלעגט זאגין הוי מתפלל בשלומה של מלכות דוא זאלסט בעטין פאר גאט עס זאל זיין שָׁלוֹם אונ פְרִיד צוא דעם מֶלֶךְ וואס דוא זיצט אין זיין מְדִינָה · רַבִּי חֲנִינָא קומט צוא מערין אויף דיא דרייא זאכין וואס עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל האט גיזאגט דאס דורך זייא קען דער מענטש ניט קומען צוא קיין עֲבֵירָה דרויף זאגט רַבִּי חֲנִינָא דאס עס איז ניט גינוג נאר דיא דרייא זאכין דען דער יֵצֶר הָרָע איז זייער גרויס בּייא דעם מענטשין אונ ער טוט זייא אפּ פון זיין הארץ דרום גיהער מען צו בעטין גאט פאר דעם שָׁלוֹם פון דעם מֶלֶךְ וואס ער שטראפט צוא דיא מענטשין וואס זייער וועג איז קרום אונ מַחֲמַת דער פארכט פון דעם מֶלֶךְ וועלין זייא ניט קומען צוא קיין עֲבֵירָה · שאלמלא מוראה דען ווען עס וואלט ניט גיוועזן דיא פארכט פון דעם מֶלֶךְ וואלט דער מענטש גיקענט מבטל זיין דיא דרייא זאכין וואס עֲקַבְיָא האט גיזאגט דען דער מענטש וועט זאגין אֱמֶת איך קום ארויס פון איין פייכטין טראפּין אָבער איך האלט מיך דאך ניט גרויס אויף מַלְאָכִים נאר אויף אַזוינע מענטשין וויא איך וואנז זייא קומען אויך פון אפּייכטין טראפּין וויא איך אונ דרום זאגט דער תַּנָּא איש את רעהו איין מענטש דעם אַנדערן כְּלוֹמַר דער מענטש וועט זאגין מיין חָבֵר איז דאך אַזוֹ אַמענטש וויא איך · אונ אויף דעם אַנדערין וואס עֲקַבְיָא האט גיזאגט דאס דער מענטש זאל אין זין נעמען דאס זיין סוֹף איז צוא גיין אין קֶבֶר אונ פאר וועמען ער וועט געבּין חֶשְׁבּוֹן דרויף וועט דער מענטש זאגין נאך וואס זאל איך מיר אין זין נעמען וואס עס וועט אַמאל זיין איצונד לעבּ איך דאך אונ דרום זאגט דער תַּנָּא חיים בלעו ער וואלט אים

## שֶׁיּוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא קוֹבֵעַ לוֹ שָׂכָר · שֶׁנֶּאֱמַר יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם כִּי נָטַל עָלָיו : ד רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר שְׁלֹשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד וְלֹא אָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה כְּאִלּוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים שֶׁנֶּאֱמַר כִּי

מעשה אבות

אים לעבעדיג איין גישלונגען דען עס וואלט דאך גינוג גיוועזן עס זאל שטיין איש את רעהו בלעו איין מענטש דעם אנדערין וואלט איין גישלונגען נאר דרום שטייט חיים צוא ווייזין דאס ער וואלט ניט גיטאן זיין הארץ צו נעמען אין זין זיין טויט נאר דיא צייט וואס ער לעבט · רבינו מנחם שרייבט דאס מען מיינט ניט נאר איין מלך ישראל נאר אפילו אויף איין מלך פון אומות העולם ניהער מען אויך צו מתפלל זיין ער זאל שלום האבין אזו וויא מיר גיפינען דאס גאט ב"ה האט גיבאטין צו מקריב זיין אום סוכות זיבעציג קרבנות אנטקעגין דיא שבעים אומות :

רבי חנינא בן תרדיון אומר רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן זאגט שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה צווייא מענטשין וואס זייא זיצין אונ עס איז ניט פאר האנדין צווישין זייא קיין דברי תורה כלומר ווען האטשע זייא זיצין ביידע אונ לערנען נאר זייא לערנען ניט ביידע באנאנד נאר איטליכער בזונדער אונ מאבין ניט חברותא צו לערנן באנאנד הרי זה מושב לצים איז עס אזיצונג פון שפעטערס דען דרום לערנען זייא ניט איינער מיט דעם אנדערין ווארום איטליכער פון זייא שפעט פון זיין חבר אונ טראכט וואס וועט מיר ארויס קומען ווען איך וועל מיט אים אין איינעם לערנען ער ווייסט דאך ניט אזו פיל וויא איך שנאמר וויא אין פסוק שטייט ובמושב לצים לא ישב אונ אין דעם זיצונג פון שפעטערס איז ער ניט גיזעסין אבל שנים שיושבין אבער צווייא וואס זייא זיצין ויש ביניהם דברי תורה אונ עס איז פאר האנדין צווישין זייא דברי תורה כלומר זייא באהעפטין זיך צו לערנען באנאנד שכינה שרויה ביניהם טוט רוען דיא שכינה צווישין זייא דען דיא כתה פון לצים זיינען ניט מקבל פני השכינה אפילו נאך זייער טויט אבער דיא צווייא וואס לערנען באנאנד זיינען זוכה דאס דיא שכינה זאל רוען צווישין זייא אפילו בייא זייער לעבין אזוא וויא מיר גיפינען בייא דיא חכמי הגמרא ווען זייא האבין גילערינט פלעגט דיא שכינה רוען צווישין זייא אזו וויא מיר גיפינען איין מעשה אין דער גמרא חגיגה · רבן יוחנן בן זכאי איז אמאל גיגאנגען אין וועג אונ האט גירייטין אויף איין אייזיל · אונ רבי אלעזר בן ערך איז נאך אים גיגאנגען · האט רבי אלעזר גיזאגט צו רבן יוחנן בן זכאי רבי מאך מיך לערנען זאפרק אין מעשה מרכבה · האט רבי יוחנן גיזאגט צו אים מיר האבין גילערינט דאס מען טאר ניט דרשנן אין מעשה מרכבה אפילו צו איינעם אליין נאר ווען דער מענטש ווייס דאס ער איז איין חכם אונ פאר שטייט מיט זיין שכל אזו האט רבי אלעזר גיזאגט רבי גיב מיר רשות איך זאל פאר דיר עפעס זאגין האט ער אים גיזאגט זאג אזו האט רבי אלעזר אן גיהויבין צו זאגין האט רבי יוחנן גינידערט פון דעם אייזיל אונ זיינען ביידע גיגאנגען אונ האבין זיך גיזעצט אונטער איין בוים אונ עס האט

נינידערט

כָּל שֻׁלְחָנוֹת מָלְאוּ קִיא צוֹאָה בְּלִי מָקוֹם · אֲבָל שְׁלשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד וְאָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה כְּאִלּוּ אָכְלוּ מִשֻּׁלְחָנוֹ שֶׁל מָקוֹם · שֶׁנֶּאֱמַר וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי יְיָ : ה רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ :

### מעשה אבות

גינידערט איין פייער פון דעם הימיל אונ האט זייא ארום גירינגילט אונ מלאכים האבין זיך גיפרייעט אנטקעגין זייא אזו וויא מענטשין וואס פרייען זיך אונטער אחופה · ווען רבי אלעזר האט אויף גיהערט צו זאגין אזו האט רבי יוחנן אים גיקושט אויף זיין קאפ אונ האט גיזאגט גילויבט איז דער גאט פון אברהם יצחק ויעקב וואס ער האט גיגעבין אזו איין זון צו אברהם אבינו · וואס ער קען דרשנן אין דעם כבוד פון גאט · שנאמר אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ווען צווייא גאטס פארכטיגע ריידין דברי תורה איינער מיט דעם אנדערין ויקשב ה׳ וישמע פאר נעמט גאט אונ הערט עס ויכתב בספר זכרון לפניו אונ עס ווערט בייא אים אין איין בוך צו איין גידעכעניש פאר שריבין ליראי ה׳ ולחושבי שמו צו דיא וואס פארכטין זיך פאר גאט אונ טראכטין זיין נאמען דאס מיינט מען זייא טראכטין אין דער תורה דען דיא תורה איז אלץ גאטס נאמען אין לי אלא שנים פון דאנען ווייס מען מער נית נאר ווען צווייא זיצין באנאנדער מנין אפילו אחד שיושב ועוסק בתורה פון וואנען איז גידרונגען דאס ווען אפילו איינער זיצט אונ לערינט תורה שהקב״ה קובע לו שכר אז גאט זעצט אפ פון זיינט וועגין שכר שנאמר ווארום אין פסוק שטייט ישב בדד וידום ער זאל זיצין זעלבסט אונ טראכט אין דער תורה · כי נטל עליו דען ער וועט נעמען שכר פאר דעם :

רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט שלשה שאכלו על שלחן אחד דרייא מענטשין וואס האבין גיגעסין אויף איין טיש ולא אמרו עליו דברי תורה אונ האבין אויף אים נית גיזאגט קיין דברי תורה כאלו אכלו מזבחי מתים איז גלייך וויא זייא האבין גיגעסין פון דיא שעכטונג פון טויטע · דער לב אבות שרייבט דרום רופט עס דער תנא זבחי מתים דען דער מיט וואס זייא האבין נית גיזאגט קיין דברי תורה ווייזין זייא דאס זייער עסין איז נאר כדי צו שפייזין דעם גוף אונ דער סוף פון דעם גוף איז דאס ער זאל פאר לענד ווערין אונ ער וועט שטארבין איז גלייך וויא זייא שעכטין דאס עסין וועגין דעם גוף וואס ער ווערט אן גירופין מת · רבי משה אלשקר שרייבט דאס דער תנא קומט צו לערנען אז איידער דער מענטש זעצט זיך צום עסין זאל ער פריער עפעס לערנען אונ בשעת ער עסט אונ קען קיין ספר נית עפענען זאל ער שמועסין פון דעם וואס ער האט פריער גילערינט אונ ווען עס איז גיקומען צו זיינע הענט איין דבר חידוש אין דער תורה זאל ער עס דער ציילין צו זיין חבר שנאמר כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום אזו וויא אין פסוק שטייט אלע טישין זיינען פול מיט מיאוסקייט אונ צואה ווייל מען דער מאנט נית גאטס נאמען אויף דעם טיש דאס מיינט מען דברי תורה אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד אבער ווען דרייא מענטשין האבין גיגעסין

ו רבי נחוניא בן הקנה אומר כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ*) וכל הפורק ממנו עול תורה נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ: ז רבי חלפתא בן דוסא איש כפר חנניא אומר

מעשה אבות

בייא איין טיש ואמרו עליו דברי תורה אונ האבן יוא גירעט דברי תורה · כאלו אכלו משלחנו של מקום איז גלייך וויא זייא האבן גיגעסן פון גאטס טיש שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט וידבר אלי אונ ער האט גירעט צו מיר זה השלחן דאס וואס דער מזבח דאס איז דער טיש אשר לפני ה׳ וואס פאר גאט איז וואס מען זאגט דער בייא דברי תורה אונ מיר גיפינען אמעשה אין דער גמרא חגיגה ירושלמי · ווען עס איז גיוועזן דער ברית בייא אלישע בן אבויה אזו האט זיין פאטער אבויה צו נויף גירופן אלע לייט פון דער ׳; טאט אויף דער סעודה אונ צו רבי אליעזר מיט רבי יהושע האט ער אויך גירופן · אז דיא לייט האבן אפ גיגעסן האבן זייא אן גיהויבן צו לוסטיג זיין האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי יהושע זייא טוען זייערס אונ מיר לאזיר טאן אונזערס אונ האבן אן גיהויבן צו זאגן דברי תורה אזו האט זייא ארום גירינגלט איין פייער · ווען אבויה האט עס דער זעהען האט ער גיזאגט צו זייא רבותי זייט גיקומען מיין הויז פאר ברענען האבן זייא גיזאגט דאס פייער איז דורך אונזער תורה:

רבי חנינא בן חכינאי אומר רבי חנינא בן חכינאי זאגט הנעור בלילה ווער עס איז אויף בייא נאכט דאס מיינט מען ווען דער מענטש וואכט אויף פון זיין שלאף בייא נאכט אונ ער קען דענסמאלט טראכטין דברי תורה והמהלך בדרך יחידי אונ אז ער גייט איינער אליין אונטער וועגנס ומפנה לבו לבטלה אונ ער קערט דענסמאלט אוועק זיין הארץ צו לערע זאכן ניט אין זין האבן קיין דברי תורה הרי זה מתחייב בנפשו שטעלט ער איין זיין נפש ווארום דיא צווייא זאכן זיינען אסכנה אונ דיא תורה וואלט גיהיט · אדער אזו איז דער פשט דען אמענטש גיהער זיך אויף צו וואכן פון זיין נארישקייט אונ פון זיינע זינד בשעת ער איז נאך יונג אונ דאס יונגשאפט ווערט אן גירופן בקר פריאי דרום זאגט דער תנא הנעור דער וואס וואכט זיך אויף צו תשובה טאן אויף זיינע זינד בלילה בייא דער נאכט מיינט מען אויף דער עלטער דאס דיא יארין זיינען גיגליכין צו נאכט · והמהלך בדרך אונ דער וואס גייט אין וועג פון תורה ומצות יחידי אליין דען דער מענטש גיהער אליין צו טאן אונ מאכן זיין חבר זאל אויך טאן אונ ער גייט אין דעם וועג אליין אונ זאגט פריד איז אויף מיין לייב · דער וואס טוט דיא זאכין שטעלט ער איין זיין נפש דען אמענטש גיהער תשובה טאן אין דער יוגנט אונ אויך צו שטראפין לייט זייא זאלין ערליך זיין:

רבי נחוניא בן הקנה אומר רבי נחוניא בן הקנה זאגט כל המקבל עליו עול תורה ווער עס איז אויף זיך מקבל דעם יאך פון דער תורה מעבירין ממנו עול מלכות פירט מען אוועק פון אים דעם יאך פון מלכות שמים כלומר דען גאר דיא וועלט איז דאך גיגעבן אונטער דעם יאך פון גאט וואס ער איז גוזר אויף דעם מענטשין גוטס אדער שלעכטס

*) פיינו לענין מסים וארנוניות שבשכר מהוייבין לתת בשבילו

אבער

עֲשָׂרָה שֶׁיּוֹשְׁבִין וְעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵינֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת אֵל · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ חֲמִשָּׁה שֶׁנֶּאֱמַר וַאֲגֻדָּתוֹ עַל אֶרֶץ יְסָדָהּ · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ שְׁלֹשָׁה שֶׁנֶּאֱמַר בְּקֶרֶב אֱלֹהִים יִשְׁפֹּט · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ שְׁנַיִם שֶׁנֶּאֱמַר אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ

## מעשה אבות

אָבֶער דֶער וָואס אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ פוּן דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט בַּייא אִים (צדיק מושל בידאת אלהים) דָאס אִיז טַייטְשׁ אַצַּדִּיק גִיוָועלְטִיגְט אִין דֶער פָארְכְט פוּן גָאט דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען גָאט אִיז גוזר אַיין גְזֵירָה קֶען דֶער צַדִּיק זִיא מְבַטֵּל זַיין מִיט זַיין תְּפִלָּה · ועול דרך ארץ אוּנ דֶעם עוֹל פוּן פַּרְנָסָה דֶען גָאט אִיז אִים מְזַמֵּן זַיין פַּרְנָסָה אָן מִיא אוּנ טִרְחָה · נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז דרך ארץ מֵיינְט מֶען דָאס פִירוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט כְּלוֹמַר דֶעם יָאךְ וָואס גָאט הָאט גִימַאכְט וִויא אַזוֹ דִיא וֶועלְט זָאל זִיךְ פִירִין פוּן דֶער צַייט אָן וָואס עֶר הָאט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפִין קֶען אוֹיךְ דֶער צַדִּיק מְבַטֵּל זַיין אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען בַּייא שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא ע״ה דָאס אִין דֶער צַייט וָואס מֶען שְׁנַיידְט דִיא תְּבוּאוֹת אִיז נִיט דֶער שְׁטֵייגֶער עֶס זָאל גֵיין רֶעגִין אוּנ שְׁמוּאֵל הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין פַאר וָואר עֶס אִיז דָאךְ אִיצוּנְד דִיא צַייט וָואס מֶען שְׁנַיידְט דִיא תְּבוּאוֹת וֶועל אִיךְ רוּפִין צוּ גָאט אוּנ עֶר וֶועט גֶעבִּין דוּנֶערִין אוּנ רֶעגִין · אוּנ אוֹיךְ גִיפִינֶען מִיר בַּייא אֵלִיָּהוּ דָאס וֶוען עֶר הָאט גִיוָואלְט עֶס זָאל נִיט זַיין קֵיין רֶעגִין אוּם וִוינְטֶער צַייט וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז עֶס זָאל גֵיין רֶעגִין הָאט עֶר גִיזָאגְט אִיךְ שְׁוֶוער בַּייא דֶעם לֶעבִּין פוּן גָאט אַז עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיא יָארִין קֵיין טוֹיא אוּנ רֶעגִין גָאר דֶענְמָאלְט וֶוען אִיךְ וֶועל וֶועלִין · נוּא זֶעהֶען מִיר דָאךְ דָאס אֲפִילוּ אִין דֶעם פִירוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט גִיוָועלְטִיגְט דֶער צַדִּיק צוּ מַאכִין אַזוֹ וִויא זַיין ווִיסִין אִיז : וכל הפורק ממנו עול תורה אוּנ דֶער וָואס וַוארְפְט פוּן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם יָאךְ פוּן דֶער תּוֹרָה נותנין עליו עול מלכות גִיט מֶען אוֹיף אִים דֶעם יָאךְ פוּן מַלְכוּת שָׁמַיִם ועול דרך ארץ אוּנ דֶעם יָאךְ פוּן פַּרְנָסָה אָדֶער דָאס פִירוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין פְרִיעֶר גִישְׁרִיבִּין :

רַבִּי דלפתא איש כפר חנניא אומר רַבִּי חֲלַפְתָּא דֶער הֶער פוּן דֶעם דָארְף חֲנַנְיָא זָאגְט עשרה שיושבין ועוסקין בתורה וֶוען צֶעהֶען זִיצִין אוּנ זַיינֶען עוֹסֵק בַּתּוֹרָה שכינה שרויה ביניהם רוּעֶט צְוִוישִׁין זֵייא דִיא שְׁכִינָה שנאמר וָוארוּם אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אלהים נצב בעדת אל גָאט שְׁטֵייט אִין דֶער עֵדָה פוּן גָאט דִיא עֵדָה וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ עֵדָה אִיז צֶעהֶען · אוּנ אוֹיךְ אַזוֹ בַּייא תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב צֶעהֶען דֶען וֶוען עֶס גֵייט אָפּ אַיין מֶענְטְשׁ פוּן צֶעהֶען אַזוֹ קֶען מֶען פִיל זַאכִין נִיט זָאגִין קֵיין קַדִּישׁ אוּנ בָּרְכוּ וּקְדוּשָׁה · אוּנ וַוייל מִיר שְׁמוּעֶסִין דָא פוּן דֶעם עִנְיָן וֶועלִין מִיר שְׁרַייבִּין אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם סֵפֶר עֵמֶק הַמֶּלֶךְ אַרוּיס · פַאר צֵייטִין הָאבִּין אִין חֶבְרוֹן פִינְף יוּדִין גִיוואוֹינְט אַז עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען יָמִים נוֹרָאִים פְלֶעגִין זִיךְ צוּ נוֹיף קוּמֶען דִיא לַייט פוּן דִיא דֶערְפֶער וָואס לֶעבִּין חֶבְרוֹן קֵיין חֶבְרוֹן · אַמָאל אוּם עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר הָאט זִיךְ

גיטראפין

אֶחָד שֶׁנֶּאֱמַר בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ׃
ח רַבִּי אֶלְעָזָר אִישׁ בַּרְתּוֹתָא אוֹמֵר תֶּן לוֹ מִשֶּׁלּוֹ שֶׁאַתָּה וְשֶׁלְּךָ שֶׁלּוֹ וְכֵן בְּדָוִד הוּא אוֹמֵר כִּי מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ׃ ט רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר

מעשה אבות

גיטראפין דאס זייא האבין קיין מנין נים גיהאט אונ עס איז שוין באלד צייט גיוועזן מען זאל גיין כל נדרי זאגין אונ עס האט נאך איין מענטש גיפעלט צום מנין אונ זייא האבין פון דער זאך גרויס שמערצונג גיהאט אזו וויא זייא זיצין אין גרויס צער זעהען זייא איין אלטין מאן דאס ער קומט אן אונ זייא דער קענען פון ווייטין אז דאס איז איין יהודי אזו נעמען זייא אים צו מיט גרויס כבוד אונ ווילין אים עסין געבין אבער ער וויל נים ער זאגט ער האט שוין אויף דעם וועג גיגעסין · עס איז גיקומען די צייט צו גיין אין שול אזו גייען זייא מיט גרויס שמחה אונ ווייסין גאר נים וואס פאר איין כבוד זייא זאלין דעם אלטין מאן געבין · אז עס איז גיקומען מוצאי יום כפור האט איטליכער פון די לייט גיוואלט נעמען דעם אלטין מאן דאס ער זאל בייא אים עסין האט דער זקן גיזאגט ווארפט גורל אונ אויף וועמען דער גורל וועט פאלין וועל איך צו אים גיין האבין זייא גורל גיווארפין איז דער גורל גיפאלין אויף דעם חזן אזו גייט דער זקן מיט דעם חזן אהיים אונ ער איז זיך זייער משמח מיט דעם אורח איז דער חזן גיגאנגען פריער אונ דער זקן גייט הינטער אים · וויא דער חזן איז צו זיין הויז גיקומען האט ער גיוואלט דעם אורח מכבד זיין דאס ער זאל פריער אין שטוב אריין גיין זעהט ער דאס דער אורח איז נים דא אונ דער חזן האט זיך זייער דער שראקין אונ גייט גישווינד אליין אונ שיקט זיינע לייט זייא זאלין אים זוכין דען ער האט גימיינט ער האט גיווים דעם וועג הינטער אים פאר לארין אבער זייא האבין אים נים גיקענט גיפינען אונ דער חזן איז זיך פון דער זאך זייער מצער · אז דער חזן האט זיך גילייגט שלאפין אזו איז ער גיקומען צו אים בחלום אונ ער האט אים גיזאגט דאס דער אלטער מאן איז אברהם אבינו גיוועזן דען ער האט גיזעהען דעם גרויסין צער וואס איר האט גיהאט פון דעם וואס איר האט קיין מנין נים גיהאט דרום איז ער גיקומען איר זאלט האבין א מנין · מארגין פריא האט דער חזן עס דער ציילט צו די לייט האבין זייא זיך אלע משמח גיוועזן ווייל זייא האבין זוכה גיוועזן דאס השי"ת האט זייא צו גישיקט איין אורח צום מנין · ומנין אפילו חמשה אונ פון וואנען ווייס מען אז אפילו פינף לערנען תורה איז די שכינה בייא זייא שנאמר ווארום אין פסוק שטייט ואגודתו על ארץ יסדה אונ זיין בונד איז אויף דער ערד גיגרונד פעסט אונ איין בונד נעמט מען מיט דער האנט וואס איז פינף פינגער · שטייט פריער הכונה בשמים מיינט מען בייא פינף קומט אויך גאט אראפ צו זייא · ומנין אפילו שלשה אונ פון וואנען ווייס מען דאס בייא דרייא איז אויך אזו שנאמר ווארום אין פסוק שטייט בקרב אלהים ישפוט אין אמשפט איז דרייא דיינים שטייט גאט צווישין זייא · ומנין אפילו שנים פון וואנען ווייס מען אפילו צווייא וואס לערנען איז בייא

זייא

הַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ וְשׁוֹנֶה וּמַפְסִיק מִמִּשְׁנָתוֹ וְאוֹמֵר מַה נָּאֶה אִילָן זֶה מַה נָּאֶה נִיר זֶה מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ: רַבִּי דוֹסְתָּאִי בַּר רַבִּי יַנַּאי מִשּׁוּם רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כָּל הַשּׁוֹכֵחַ דָּבָר אֶחָד מִמִּשְׁנָתוֹ מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ שֶׁנֶּאֱמַר רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ

## מעשה אבות

וויא אויך דיא שְׁכִינָה שנאמר ווארום אין פָּסוּק שְׁטֵייט אז נדברו יראי ה׳ דֶערְמָאלְט אַז זֵיי טוּעֶן רֵיידִין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין גָאטְשׁ פָּארְכְטִיגֶע דִבְרֵי תּוֹרָה ויקשב ה׳ וישמע פַאר נֶעמְט גָאט אוּנ הֶערְט · ומנין אפילו אחד פוּן וַאנֶען ווייס מֶען דָאשׁ וֶוען אֲפִילוּ אֵיינֶער לֶערִינְט תּוֹרָה אִיז אויך בַּייא אִים דִיא שְׁכִינָה שנאמר ווארום אִין פָּסוּק שְׁטֵייט בכל מקום אין אִיטְלִיכְשׁ אָרְט אשר אזכיר את שמי ווָאס אִיךְ וֶועל מַאכִין דִיךְ דוּ זָאלְסְט דֶער מָאנֶען מַיין נָאמֶען דָאס הֵייסְט דִבְרֵי תּוֹרָה אבוא אליך וברכתיך וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּא דִיר אוּנ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשִׁין · עֶס אִיז קָשֶׁה עֶס וָואלְט דָאךְ גִידַארְפְט שְׁטֵיין תזכיר את שמי דוּא וֶועסְט דֶער מָאנֶען מַיין נָאמֶען דֶ״ן דָאס זָאגְט דָאךְ גָאט ב״ה צוּא דֶעם מֶענְטְשִׁין אִין אִיטְלִיכְשׁ אָרְט וָואס דוּא וֶועסְט דֶער מָאנֶען מַיין נָאמֶען וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוּנ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשִׁין אוּנ ווארום שְׁטֵייט אזכיר אִיךְ וֶועל דֶער מָאנֶן · דֶער תֵּירוּץ אִיז דָאס דֶער פָּסוּק לֶערִינְט אוּנְז דָאס וֶוען נִיט דִיא הִילְף פוּן גָאט וָואס עֶר הֶעלְפְט אִים אַנְקֶעגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט נִיט גִיקֶענְט בַּייא קוּמֶען דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק אזכיר אִיךְ וֶועל מַאכִין דֶר מָאנֶען כְּלוֹמַר דוּרְךְ מַיין הִילְף וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה:

רבי אלעזר איש ברתותא אומר רַבִּי אֶלְעָזָר דֶער הַאר פוּן בַּרְתּוֹתָא פְלֶעגְט זָאגִין תן לו משלו גִיבּ צוּא גָאט פוּן זַיינֶעם מֵיינְט מֶען דוּא זָאלְסְט גֶעבִּין צְדָקָה דֶען גָאר דָאשׁ וָואשׁ דוּא הָאסְט אִיז עֶשׁ דָאךְ גָאטְשׁ נָאר עֶס אִיז בַּייא דִיר אִין דִיא הֶענְט גְלַייךְ אַז אַפִּקָּדוֹן אוּנ הָאטְשֶׁע מֶען גִיהֶער דָאךְ נִיט רֶעכֶענֶן פַאר אַיין טוֹבָה דֶעם מֶענְטְשׁ וָואשׁ גִיט אָפּ צוּ זַיין חָבֵר דִי זַאךְ וָואשׁ עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין בַּאהַאלְטִין אָבֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא רֶעכִינְט דֶעם מֶענְטְשִׁין גְלַייךְ וִויא עֶר גִיט זַיינְשׁ אוּנ דְרוּם הָאט דֶער תַּנָּא נִיט גִיזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן החזר לו משלו קֶער אִים אוּם פוּן זַיינֶעם · דֶען דֶר מֶענְטְשׁ גִהֶערְט דָאךְ נָאר אִים דֶעם פִּקָּדוֹן וָואשׁ גָאט הָאט אִים גִיגֶעבִּין בַּאהַאלְטִין · נָאר עֶר הָאט גִיזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן תן לו משלו גִיבּ אִים פוּן זַיינֶעם צוּא וַוייזִין דָאשׁ גָאט בָּרוּךְ הוּא רֶעכִינְט דִיא צְדָקָה צוּם מֶענְטְשִׁין גְלַייךְ וִויא עֶר גִיט פוּן זַיינֶעם אַיין מַתָּנָה שאתה ושלך שלו דֶען דוּא אוּנ דַיין גֶעלְט אִיז אַלְץ גָאטְשׁ אוּנ עֶשׁ אִיז אִין דֶער הַאנְט פוּן גָאט עֶר זָאל עֶשׁ בַּייא דִיר צוּא נֶעמֶען אוּנ מֶען דַארְף נִיט מֶער דַייכְקַיים וִויא שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גִיהַאט אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גִיזִינְדִיגְט פַר גָאט אוּנ הָאט עוֹבֵר גִיוֶועז אוֹיף דִיא דְרַייא זַאכִין וָואשׁ גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט גִיבָּאטִין דָאשׁ אַיין מֶלֶךְ זָאל נִיט מֶערִין אַזוֹ הָאט גָאט בָּרוּךְ הוּא בַּייא אִים אַוועק גִינוּמֶען זַיין גְדוּלָּה אוֹיף דְרַייא יָאר אוּנ דֶער אַשְׁמְדַאי הָאט אִים פַאר ווָארְפִין פִיר הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט אוּנ עֶר הָאט גִימוּזְט בֶּעטְלֶען אוּנ הָאט אַלֶעס גִיזָאגְט אִיךְ בִּין קֹהֶלֶת דֶער מֶלֶךְ אִיבֶּער יְרוּשָׁלַיִם אוּנ אִיבֶּער

מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ · יָכוֹל אֲפִילוּ תָּקְפָה עָלָיו מִשְׁנָתוֹ תַּלְמוּד לוֹמַר וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ הָא אֵינוֹ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם מִלִּבּוֹ : יא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אוֹמֵר כָּל

מעשה אבות

כָּל יִשְׂרָאֵל · דער ספר עמק המלך שרייבט דאש אין דער צייט וואש שלמה איז ארום גיגאנגען בעטלען איז ער אמאל גיקומען אין דעם לאנד עמון אין דער קרון שטאט אונ איז גישטאנען אויף דעם מארק ברויט בעטלען אזו איז גיקומען דער קיכין מיישטער פון דעם מלך אונ האט פיל זאכין איין גיקויפט אונ האט גישיקט זיין מענטשין דער מיט אהיים ער האט אבער גיהאט נאך צוא טראגין אזוא קוקט ער זיך אום זעט ער שלמה דאש ער שטייט צווישין אנדערע ארעמע לייט אונ האט אים גינעבין די זאכין ער זאל אים נאך טראגין אהיים · ווען שלמה איז מיט דעם קיכין מיישטער אהיים גיקומען אזו בעט ער אים ער זאל אים אין דער קיך האלטין אונ שלמה איז דארטין גיבליבין · בשעת דער קיכין מיישטער האט דיא שפייז פאר דעם מלך גיטראגין איז עש צוא שלמה ניט גיפעלין · דען ער האט פיל בעשער גיקענט גוטע מאכלים מאכין איי דער קיכין מיישטער · אזו זאגט ער צוא אים ליבער הער ווען דוא וואלשט דיא שפייז אזו מאכין וואלט עש פיל בעשער גיוועזן האט אים דער קעכין מיישטער גילאזט ער זאל עש צוא רעכט מאכין אונ דער קעכין מיישטער האט אוועק גיטראגין דיא מאכלים פאר דעם מלך · נון דיא מאכלים זיינען דעם מלך זייער וואול גיפעלין אונ שלמה קאכט די גאנצע וואך פאר דעם מלך · דא פרעגט דר מלך דעם קעכין מיישטער וויא קומט עש וואש דיא וואך זיינען דיא מאכלים בעסער איי פון אלע צייט · זאגט ער ליבער קיניג איך האב ביא מיר פאר עטליכע טעג איין באדינער באקומען אונ ער קאכט עש אזו דיא מאכלים · אזו באלד שיקט דער מלך נאך שלמה אונ זאגט צו אים דאס ביסטו דער מענטש וואש דוא האשט מיין שפייז אזו וואול גיקאכט זאגט ער יוא · זאגט דער מלך ווען דוא ווילסט ביא מיר דינען אזו זאלסטו ביא מיר בלייבין איין קעכין מיישטער · אונ שלמה איז באוויליגט גיווארין צוא בלייבין ביא אים אונ דעם ערשטין קעכין מיישטער האט מען אפ גיזעצט · דער מלך האט איין איינציגע טאכטער גיהאט איר נאמען איז גיוועזן נעמה · זיא האט גיווארפין איר חן אויף דעם קעכין מיישטער שלמה אונ שמועסין אפ מיט אננדער דאש זייא זאלין מאן אונ ווייב זיין · נון עטליכע טעג דער נאך קומט אן איין בריב פון איין אנדער מלך דאש ער וויל זיך מיט דעם מלך עמון מתחתן זיין · אזו שיקט דער מלך נאך זיין טאכטער אונ זאגט איר פון דעם שידוך · אזו זאגט נעמה ליבער פאטער ווארום זאל איך באגערין געלט אדער נוטש דער עיקר איז דאך דאש דער מענטש זאל אגוטער מענטש זיין · דרום דארף איך קיין בעשערין ניט אז דיין קעכין מיישטער · דען ער איז אגרוישער חכם אונ קען אלץ אונ מיט אים האב איך אפ גישמועסט דאש מיר זאלין זיך נעמן · אז דער מלך האט דאש גיהערט איז ער זייער ברוגז גיווארין אויף איר אונ האט זייא ביידין גיוואלט פון

ו'עם

שֶׁיִּרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת · וְכָל שֶׁחָכְמָתוֹ קוֹדֶמֶת לְיִרְאַת חֶטְאוֹ אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת: יב הוּא הָיָה אוֹמֵר כָּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת · וְכָל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת: יג הוּא הָיָה אוֹמֵר כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ

מעשה אבות

דעם לעבין אום ברייגגען אבער דיא מלכה האט אים אפ גירעט ער זאל עס נית טאן אונ דער מלך האט זיין טאכטער מיט שלמה פאר טריבין אין דער מדבר · אונ זייא זיינען גיגאנגען פון שטאט צוא שטאט · אמאל זיינען זייא גיקומען צוא איין ארט זיינען זייא פאר בייא גיגאנגען וואו איין פישר האפט פיש · אזו קויפט זיך שלמה איין פיש · אזו וויא ער האט דעם פיש צוא שפאלטין · האט ער אין אים גיפונען דאש פינגעריל וואס דרויף איז גישטאנען דער שם המפורש · אזו נעמט ער דאס פינגעריל אונ טוט עש אן אויף זיין פינגער אזו איז ער גליך גיווארין אז איין אנדער מענטש אונ דער רוח הקודש איז ווידער אויף אים גיקומען אונ איז גיקומען קיין ירושלים אונ האט צוא די סנהדרין מגלה גיוועז אזו האט מען אים אויף זיין ארט גיפירט אונ וויא דער אשמדאי האט אים דער זעהן אזו איז ער אוועק · אונ שלמה האט זיך ווידער גיזעצט אויף זיין שטול אונ נעמה ווער איין גוטע יהודית · נית לאנג דער נאך שרייבט שלמה אבריב צו דעם מלך עמון אז ווען דיא בריב וועט צוא אים אן קומען אזו באלד זאל ער מיט דער מלכה קומען צוא אים וויא דער מלך עמון האט דיא בריב דער האלטין אזו איז ער באלד גיפארין מיט דער מלכה צו שלמה דען שלמה האט גיהאט צוא שאפין אויף דעם מלך · וויא דער מלך איז גיקומען האט אים שלמה צו גינומען מיט גרויס שמחה אונ האט גימאכט איין סעודה · בייא דעם טיש פרעגט שלמה דעם מלך ווארום האסטו דיין טאכטער נעמה נית מיט גינומען אזו דער ציילט אים דער מלך וויא עס איז דער גאנגען מיט זיין טאכטער זאגט שלמה איר האט נית רעכט גיטאן אונ שלמה גייט אין איין אנדער חדר אריין מיט זיין ווייב נעמה אונ טוען זיך אן דיא קליידער וואס זייא זיינען גיגאנגען ווען דער מלך האט זייא אין דער מדבר פאר טריבין אונ קומען ביידע אריין פאר דעם מלך עמון מיט דער מלכה האבין זייא זיך זייער פאר וואונדערט וויא זייא קומען אהער אבער זייא האבין נית דער קענט אז דאש איז שלמה · דען ער איז אין דיא קליידער גיגאנגען נאך דעם האט שלמה דיא קליידער פאר זייערע אויגן אויס גיטאן אזו האבן זייא גיזעהען אז דאס איז שלמה · איז אויף גישטאנען דער מלך עמון אונ איז גיפאלן צו שלמה פאר דיא פיס אונ האט אים גיבעטין דאס ער זאל אים מוחל זיין אזו הייבט ער אים אויף פון דער ערד אונ טוט אים גרויס כבוד אן אונ שיקט אים אוועק אין זיין לאנד לשלום: וכן בדוד הוא אומר אונ אזו בייא דוד המלך שטייט דאס ער האט גיזאגט כי ממך הכל ומידך נתנו לך פון דיר איז אלץ אונ פון דיר גיט מען דיר אלע דיא נדבות אויף דעם בית המקדש:

רבי יעקב אומר רבי יעקב זאגט המהלך בדרך ושונה ווען איינער גייט אונטער וועגין אונ

רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ: יד רַבִּי דוֹסָא בֶּן הָרְכִּינַס אוֹמֵר שֵׁנָה שֶׁל שַׁחֲרִית וְיַיִן שֶׁל צָהֳרַיִם וְשִׂיחַת הַיְלָדִים וִישִׁיבַת בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ

מעשה אבות

אונ לערינט ומפסיק ממשנתו אונ הערט אויף פון זיין לערנען ואומר מה נאה אילן זה אונ זאגט וואס פאר אשיינקייט איז דער בוים · מה נאה ניר זה וואס פאר אשיינקייט איז דער אקער מעלה עליו הכתוב ברייננט דיא תורה אויף אים כאלו מתחיב בנפשו גליך וויא ער שטעלט איין זיין נפש׳דר ר׳ בר ישראל שרייבט דרום לערינט דער תנא המהלך בדרך דער וואס גייט אונטער וועגינש אונ לערינט דען דענמאלט גיהער דער מענטש און צו גרייטין זיין מחשבה צו לערנען מער איי אנדער צייט דען אין וועג איז ניט פאר האנדין קיין מענטשין זייא זאלין אים מבטל זיין פון צוא לערנען · רבי משה אלשקר שרייבט דרום זאגט דער תנא מה נאה אילן זה האטשע עס קען זיין אז דאס איז איין מצוה דהיינו אזו וויא דער דין איז דאס ווען אמענטש גייט ארוים אין חודש ניסן אונ זעהט בוימער פון פירות וואס זייא בליהן גיהער ער צוא מאכין איין ברכה (ברוך שבכה לו בעולמו) אבר ווען ער האלט אין מיטין לערנען אונ ער איז מפסיק שטעלט ער איין זיין נפש דען דאס לערנען איז בעסער :

רבי דוסתאי ברבי ינאי רבי דוסתאי דער זון פון רבי ינאי משום רבי מאיר אומר זאגט פון רבי מאיר וועגין כל השוכח דבר אחד ממשנתו ווער עס פאר געסט אווארט פון זיין לערנען מחמת דעם וואס ער האט ניט גהזרת דאס וואס ער האט גילערינט מעלה עליו הכתוב ברייננט דיא תורה אויף אים כאלו מתחיב בנפשו וויא ער אליין שטעלט איין זיין נפש שנאמר וואררום אזו שטייט רק השמר לך גייערט ווער גיהיט צוא דיר ושמור נפשך מאד אונ היט דיין נפש זייער פן תשכח מאמער וועסטו פאר געסין את הדברים אשר ראו עיניך דיא דייר וואש דיינע אויגין האבין גיזעהן אז מען האט גיגעבין דיא תורה דרום זאגט דער פסוק דיא רייד וואס דיינע אויגין האבין גיזעהען דען בשעת דיא ישראל האבין דיא תורה מקבל גיוועזן האט גאט גימאכט דיא ישראל זאלין זעהען דיא זאך וואש מען הערט אונ דיא וואונדערליכע זאך איז פאר גיוויס גישעהען וועגין פיל הייליקייט וואש עס איז פאר האנדין אין דער תורה דרום איז ראוי מען זאל ניט פאר געסין קיין דברי תורה · יכול וואלט מען גימיינט אפילו תקפה עליו משנתו האטשע עס איז אויף אים שווער גיוועזן צו גידיינקען דרום האט ער פאר געסין תלמוד לומר שטייט אין פסוק צוא זאגין אונז ופן יסורו מלבבך טאמער וועלין דיא רייד ווערין אפ גיטאן פון דיין הארצין הא אינו מתחיב בנפשו ווייזט דאס ער איז אנדערש ניט מחייב זיין נפש עד שישב ויסירם מלבו ביז וואנען ער ווארפט אום מיטנע אוועק דיא דברי תורה כדי ער זאל זייא פאר געסין :

רבי חנינא בן דוסא אומר רבי חנינא בן דוסא זאגט כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו דער וואס דאס פארכטונג פון חטא איז ביי אים גיפעדערט צוא זיין חכמה כלומר מחמת דעם וואס ער האט מורא פאר חטא קומט ער צוא לערנען כדי ער זאל וויסין

מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם: טו רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי אוֹמֵר הַמְחַלֵּל אֶת הַקֳּדָשִׁים וְהַמְבַזֶּה אֶת הַמּוֹעֲדוֹת וְהַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים וְהַמֵּפֵר בְּרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ וְהַמְגַלֶּה פָנִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא: טז רַבִּי

## מעשה אבות

וָואס אַחֵטְא אִיז · חכמתו מתקיימת הָאט בַּייא אִים דִיא חָכְמַת הַתּוֹרָה אַקִיוּם · עֶס אִיז קָשֶׁה מִיר הָאבִּין דָאךְ אויבִּין גִילֶערִינְט הִלֵּל זָאגְט (אין בור ירא חטא) אַלֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואשׁ אִיז אָן חָכְמָה דֶער קָאן נִיט מוֹרָא הָאבִּין פַאר אַיין חֵטְא אוּנ דָא זָאגְט דָאךְ דֶר תַּנָּא דָאס עֶס קָאן זַיין דָאס דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט מוֹרָא פַאר אַיין עֲבֵירָה קוּמְט עֶר צוּא לֶערְנֶען חָכְמַת הַתּוֹרָה ווייזְט דָאךְ אויס דָאס אֲפִילוּ אַלֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואשׁ אָן חָכְמָה קֶען אויךְ זַיין עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר אַיין חֵטְא · דֶער תֵּירוּץ אִיז דָאס דֶער תַּנָּא לָאזְט אוּנְז הֶערִין אַז אַיין מֶענְטְשׁ דַארְף אויף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אִין גַאנְצִין דִי תּוֹרָה דֶער מִיט וָואס עֶר זָאל וִויסִין אוּנ זָאל טָאן אויף זַיין הַארְץ דָאס עֶר אִיז אַיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט צוּ דִינֶען גָאט ב"ה אוּנ אַלֶע תרי"ג מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטִין וֶועט עֶר נִיט לָאזִין פַאלִין אֵיינְשׁ פוּן זֵייא נַייעֶרְט עֶר וֶועט זֵייא מְקַיֵּים זַיין מִיט אַיין גַאנְץ הַארְץ אוּנ אַיין בַּאווילִיג לַייבּ וֶוען עֶר וֶועט דִיא מִצְוֹת וִויסִין אוּנ אויף דֶעם יִרְאַת חֵטְא הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִישְׁמוּעֶסְט דָאס עֶס דַארְף זַיין גִיפֶעדֶערְט צוּא דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין · אָבֶער הִלֵּל שְׁמוּעֶסְט אויף אַזוֹ אַיין פָארְכְט פוּן חֵטְא וֶוען דֶער חֵטְא קוּמְט צוּא דֶער הַאנְט צוּ טָאן אוּנ דִיא יִרְאָה קֶען אַמֶענְטְשׁ אַנְדֶערְשׁ נִיט דֶער הַאלְטִין נָאר וֶוען עֶר אִיז אַחָכָם דֶען וֶוען עֶר אִיז אַיין לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹ וֵויים עֶר דָאךְ נִיט אָפּ צוּא הִיטִין זִיךְ נִיט צוּא טָאן דִיא עֲבֵירָה אוּנ עֶר וֵויים נִיט אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז אַחֵטְא · נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז דָאס דֶער תַּנָּא לָאזְט אוּנְז הֶערִין וֶוען עֶס קוּמְט חַס וְשָׁלוֹם אויף אַמֶענְטְשִׁין אַיין צָרָה אוּנ עֶר וִויל פוּן אִיר נִיצוֹל ווערִין אַזוֹ זָאל עֶר פְרִיעֶר תְּשׁוּבָה טָאן אויף זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶען טָאמֶער וֶועט דֶער שָׂטָן מְקַטְרֵג זַיין אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען בַּייא יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וֶוען עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אַנְטְקֶעגִין עֵשָׂו הָאט עֶר זִיךְ פְרִיעֶר גִיפָארְכְט טָאמֶער וֶועט זַיין זִינְד גוֹרֵם זַיין אַז עֵשָׂו זָאל אִים בַּייא קוּמֶען אוּנ נָאךְ דֶעם הָאט עֶר תַּחְבּוּלוֹת גִיטָאן מִיט זַיין חָכְמָה אוּנ הָאט תַּחְבּוּלוֹת גִיטָאן וִויא אַזוֹ צוּא נִיצוֹל וֶוערִין פוּן דִיא הֶענְט פוּן עֵשָׂו · אוּנ דָאס מֵיינְט דֶער תַּנָּא כל שיראת חטאו דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דִיא פָארְכְט פוּן זַיין זִינְד קודמת לחכמתו אִיז גִיפֶעדֶערְט צוּא זַיין חָכְמָה וָואס עֶר וִויל טָאן תַּחְבּוּלוֹת מִיט זַיין חָכְמָה צוּא נִיצוֹל וֶוערִין פוּן דֶער צָרָה וָואס קוּמְט אויף אִים אוּנ עֶר פֶעדֶערְט פְרִיעֶר צוּ מוֹרָא הָאבִּין טָאמֶער וֶועלִין זַיינֶע חֲטָאִים גוֹרֵם זַיין עֶר זָאל נִיט נִיצוֹל וֶוערִין פוּן דֶער צָרָה אוּנ דְרוּם טוּט עֶר תְּשׁוּבָה · חכמתו מתקיימת הָאט זַיין חָכְמָה אַקִיוּם כְּלוֹמַר השי"ת הֶעלְפְט אִים דָאס דוּרְךְ זַיין חָכְמָה אוּנ תַּחְבּוּלוֹת וָואס עֶר טוּט וֶוערְט עֶר פוּן זַיין צָרָה נִיצוֹל · רַבִּי מֹשֶׁה אַלְמוֹשְׁנִינוֹ שְׁרַייבְּט עֶס אִיז קָשֶׁה עֶס וָואלְט דָאךְ גִיהֶערְט צוּ שְׁטֵיין (כל שיראתו מתחטא וכו') דֶער וָואס זַיין

ישמעאל אומר הוי קל לראש ונוח לתשחורת והוי מקבל את כל האדם בשמחה: יז רבי עקיבא אומר שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה׃ מסורת סיג לתורה מעשרות סיג לעשר נדרים סיג לפרישות סיג

### מעשה אבות

פארכט פון זינד איז גיפעדערט צוא זיין חכמה אבער ווען עס שטייט (כל שיראת חטאו וכו׳) איז דאך מייטש דער וואס דיא פארכט פון זיין זינד איז גיפעדערט צו זיין חכמה· דער תירוץ איז דאס דער תנא שמועסט פון אזו אמענטש וואס ער האט שוין אמאל גיזינדיגט אונ האט תשובה גיטאן אונ האט מורא ער זאל ווידער ניט נשטרויכילט ווערן צו טאן דיא עבירה אזו וויא דער שטיינער איז פון איין מענטש וואס אשלאג האט אים אביס גיטאן איז אפילו ווען ער זעהט בחלום אשלאג פארכט ער זיך פאר אים· אזו אויך דער מענטש וואס עס איז גיפעדערט פארכטקייט פון אחטא פאר זיין חכמה· דאס מיינט מען ער האט גיזינדיגט אונ האט תשובה גיטאן אונ נאך דער תשובה פארכט ער זיך טאמער וועט ער ווידער טאן דעם חטא אונ לערינט דרום דיא חכמה פון דער תורה אונ נאך דעם האט ער שוין קיין מורא ניט· האט ביא אים דיא חכמה אקיום דען ער וועט שוין ניוויס ניט אום קערין זיך צו טאן דיא זעלביגע זאכין וואס ער האט פריער גיטאן· וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אונ דער וואס זיין חכמה איז גיפעדערט פאר זיין פארכט פון אחטא אין חכמתו מתקיימת האט זיין חכמה ביא אים קיין קיום ניט· רבי משה אלמושנינו שרייבט עס גייט אויף אזו איין מענטש וואס עס איז צוא אים גיפעדערט זיין חכמה אבער דיא חכמה איז אים ניט ביא גישטאנען ער זאל ניט זינדיגן נייערט ער האט יוא גיזינדיגט אונ נאך מער ער האט נאך פארכט טאמער וועט ער ווידער זינדיגין דאס ווייזט דאס זיין חכמה האט אין אים קיין קיום ניט אונ זיין שכל שטארקט זיך ניט איבער זיין גוף ער זאל אים אונטער טעניג מאכין ער זאל שוין קיין מורא ניט האבין טאמער וועט ער זינדיגן הוא היה אומר ער פלעגט זאגן כל שמעשיו מרובין מחכמתו דער וואס זיינע מעשים טובים זיינען מער איי זיין חכמה חכמתו מתקיימת האט דיא תורה ביא אים אקיום· עס איז קשה וויא אזוא קען דען זיין דיא מעשים טובים פון אמענטש זאלין זיין מער איי ער האט גילערינט דען אמענטש וייס דאך מער ניט נאר דאס וואס ער לערינט אבער דאס וואס ער לערינט ניט ווי״ס ער דאך ניט עס צו טאן· דר תירוץ איז קען מיינט אפילו אזו איין זאך וואס עס איז ביא אים אספק ציא מען מעג עס טאן אדער מען טאר ניט אונ ער איז אויף זיך מחמיר אונ טוט עס ניט טאמער טאר מען עס ניט טאן נוא זיינען דאך זיינע מעשים טובים מער איי ער האט גילערינט· דער רבינו יונה שרייבט אזו איין תירוץ דער מיט וואס אמענטש נעמט אויף זיך צוא טאן אלע זאכין וואס דיא חכמי התורה וועלין אים זאגין איז שוין גירעכינט גלייך וויא ער האט שוין מקיים גיוועזן גאר דיא תורה ווייל ער נעמט דאך אויף זיך אז ווען ער וועט וויסין וועלכעס צוא טאן וועט ער אלץ מקיים זיין· נון דער מענטש ווערט אן גירופין דאס זיינע מעשים זיינען מער פון זיין חכמה דען לעת

עתה

לַמָּקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר בָּנִים אַתֶּם לַיְיָ אֱלֹהֵיכֶם: חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה׳ חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לָהֶם שֶׁנִּתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ: יט הַכֹּל צָפוּי וְהָרְשׁוּת נְתוּנָה

## מעשה אבות

מֵיינְט דֶער תַּנָּא דָאס דִיא רֵייד פוּן דִיא יוּנְגֶע קִינְדֶר צִיהֶען אוּיס דֶעם מֶענְטְשִׁין כְּלוֹמַר זַייעֶר פָאטֶער פוּן דֶר וֶועלְט דֶען זֵייעֶר זִינְד הֵיינְגְט אָן אִים וַוייל עֶר שְׁטְרָאפְט זֵייא נִיט:

רבי אלעזר המודעי אומר רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי זָאגְט המחלל את הקדשים וֶוער עֶס פַאר שְׁוֶועכְט קָדָשִׁים מֵיינְט מֶען דִיא קָרְבָּנוֹת׳ עֶר אִיז זֵייא מְטַמֵּא אָדֶער עֶר עֶסְט פוּן זֵייא וָואס עֶר טָאר נִיט עֶסִין׳ והמבזה את המועדות אוּנ וֶוער עֶס אִיז מְבַזֶּה חוֹל הַמּוֹעֵד עֶר טוּט מְלָאכוֹת וָואס מֶען טָאר נִיט אָדֶער עֶר עֶסְט אַזֶועלְכֶע מַאֲכָלִים וִויא אִין דֶער וָואכִין והמלבין פני חבירו ברבים אוּנ דֶער וָואס אִיז מְבַיֵּישׁ זַיין חָבֵר צְווִישִׁין פִיל לַייט והמפר בריתו של אברהם אבינו אוּנ וֶוער עֶס פַאר שְׁטֶערְט דֶעם בְּרִית פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר וִויל זִיךְ נִיט לָאזִין מַל זַיין וֶוען מֶען הָאט אִים קְלֵיינֶער הַייט נִיט מַל גִיוֶועזֶען והמגלה פנים בתורה אוּנ וֶוער עֶס זָאגְט אַיין פֵּירוּשׁ אִין דֶער תּוֹרָה שלא כהלכה נִיט וִויא דֶער אֱמֶת אִיז אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים חָאטְשֶׁע עֶס אִיז בַּייא אִים דָא תּוֹרָה אוּנ גוּטֶע מַעֲשִׂים אין לו חלק לעולם הבא הָאט עֶר פַארְט קַיין חֵלֶק נִיט לְעוֹלָם הַבָּא וֶוען עֶר טוּט קַיין תְּשׁוּבָה נִיט בַּייא זַיין לֶעבִּין:

רבי ישמעאל אומר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט הוי קל לראש זָאלְסְט זַיין גְרִינְג צוּם אָן הֵייבּ כְּלוֹמַר אִין דַיין יוּגִינְט צוּא טָאן דֶעם ווִילִין פוּן גָאט ב״ה ונוח לתשחורת אוּנ אוֹיךְ אוֹיף דַיין עֶלְטֶער זָאלְשְׁטוּ אוֹיךְ גְרִינְג זַיין צוּא גָאט׳ נָאךְ אַיין פְּשָׁט אִיז הוי קל לראש זָאלְסְט זַיין גְרִינְג צוּא דֶעם עֶלְצְטִין וָואשׁ אִיבֶּער דַיין מְדִינָה צוּא טָאן זַיין ווִילְן ונוח לתשחורת אוּנ וֶוען עֶר נֶעמְט עֶפִּיס בַּייא דִיר פוּן זַיינְט וֶועגִין זָאלְסְטוּ זַיין גְרִינְג צוּא גֶעבִּין דֶען דוּא בִּיסְט מְחוּיָּב אִין דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֶלֶךְ׳ עֶס אִיז גִיוֶועזֶען אִין דִיא טֶעג פוּן מַלְכוּת פָּרָס אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אַמֶּלֶךְ אוּנ עֶס אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף זַיין הָארְץ צוּא פַאר שְׁנֵיידִין דִיא זֶרַע מְלוּכָה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט עֶר גִיזוּכְט אִין זַיין לַאנְד אַלֶע וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּנ הָאט זֵייא גִיהַרְגֶּת אוּנ אַלֶע זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים אוּנ אֵיידִימְס אוּנ פְרַיינְד הָאט עֶר גִינוּמֶען אִין תְּפִיסָה אוּנ הָאט זֵייא גִיטָאן פִיל צָרוֹת אוּנ לַייד וָואס עֶס אִיז גָאר נִיט צוּא דֶער שְׁרַייבִּין׳ אָבֶּער גָאט ב״ה הָאט רַחֲמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶער זֶרַע פוּן דָוִד אוּנ עֶס אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן אַיין כַּלָּה

וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד וָואס עֶר אִיז גִיהַרְגֶּת גִיוָוארְן׳ אִין דֶער צַייט הָאט זִיךְ דֶעם מֶלֶךְ גִיחַלְּיכְּט אוּנ נוּן עֶר שְׁפַּייט אִין אַיין נַיין גָארְטִין וָואס אִין אִים אִיז פַאר הַאנְדִין פִיל בּוֹימֶער מִיט פְרוּכְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶר הָאט אֶנְגֶר גִיוואוּשְׁט דָאס עֶס אִיז נִיט זַיין וַויין גָארְטִין הָאט עֶר גִינוּמֶען אוּנ הָאט דִיא פֵּירוֹת פוּן דִי בּוֹימֶער אָפּ גִירִיסִין אוּנ הָאט זֵייא צוּא דֶער עֶרְד גִיוָוארְפִין אוּנ דִיא בּוֹימֶער הָאט עֶר צוּהַאקְט אוּנ נָאךְ דֶעם אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען ווּכִין מַאמֶער אִיז נָאךְ פַאר הַאנְדִין עֶפִּיס אַיין צְוַוייג

אדער

וּבְטוֹב הָעוֹלָם נָדוֹן וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה: כ הוּא הָיָה אוֹמֵר הַכֹּל נָתוּן בָּעֵרָבוֹן וּמְצוּדָה פְּרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים הֶחָנוּת פְּתוּחָה וְהַחֶנְוָנִי מַקִּיף וְהַפִּנְקָס פָּתוּחַ וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת וְכָל הָרוֹצֶה לִלְווֹת יָבֹא וְיִלְוֶה וְהַגַּבָּאִים

### מעשת אבות

אדער איין ווארציל וואס עס וועט פון דעם קענען נאך אמאל וואקסין דיא פירות האט ער גיפונען איין ווארציל דאס פון אים גייט ארויס איין צווייג האט ער אויף גיהויבין זיין האק אונ האט עס גיוואלט אפ האקין אזו איז גיקומען איין אלטער מאן אונ האט אנטקעגין אים גישריען אגרויש גישרייא אונ האט ביא אים אוועק גינומען דיא האק אונ האט אים אקלאפ גיטאן אויף זיין שטערין אונ עס האט גיגאסן פון אים דש בלוט אונ איז שיר גישטארבין · איז ער גיפאלן פר דעם אלטין מאן צו דר ערד אונ זאגט צו אים וועלכעש האב איך דיר גיטאן אונ וואש איז מיין זינד דאס דוא בישט גיקומען צוא טייטין מיך אזו זאגט אים דער אלטער עס איז ווייניג דיין זינד וואש דוא בישט גיקומען אין מיין ווייא גארטין צוא פאר דארבין אים ווען דוא האסט אין אים אשיינע פרי גיזעהן האסטו גיגערט בעשער צוא עסין אונ אויך מיט נעמען מיט זיך אהיים · אונ ווען דו האסט גיגלושט איין עסין בוים ווארום האסטו דיר ניט גינומען צו פלאנצין פון זייא אונ ניט גינוג וואס דוא האסט אוים גיריסין אלע צווייגין אונ בלעטער אונ בליאונג אונ שפראצונג אונ פרוכט ביסטו נאך גיקומען איצונד צוא נאך זוכין טאמער איז עפים איבער גיבליבין איין ווארציל · איך האב גיזיפצט אויף מיין גארטין וואס איך האב גיפלאנצט אונ אן גיטרונקען אונ האב אים גילאזט וואקסין וויפיל יאר אונ איצונד איז מיר ניט איבער גיבליבין נאר איין ווארציל האב איך מיך גיטראכט דאס איך וועל עס לאזין וואקסין ביז דיא צווייגין וועלין אויף גיין אונ וועל בנייען גאר מיין גארטין פון זיינע צווייגין בישטו גיקומען אונ האסט אויף גיהויבין דיין האק צוא פאר דארבין דאס אויך כדי עס זאל ניט בלייבין קיין שום ווארציל פון מיין גארטין אונ דוא זאגסט נאך דאס דוא ביסט גירעכט איך האב דיר נאך גאר ווינציג גיצאלט דען דיר וואלט גיקומען דער טויט אונ צוא אפ מעקין דיין גידעכעניש פון דער וועלט·האט דער מלך אן גיהויבין צוא וויינען אונ איז גיפאלין צוא דעם אלטין פאר דיא פיס אונ האט גיזאגט איך בעט דיך מיין האר איך האב איין נארישקייט גיטאן אונ איצונד האב איך אויף דער זאך חרטה אונ בעט דיך דאס דוא זאלסט מיך ניט טייטין דען איך נעם אויף מיר צוא אן טרינקען דעם ווארציל אונ זאל אים היטין טאג אונ נאכט ביז ער וועט אויש וואקסין אונ פון זיינע צווייגין וועל איך ווידער פלאנצין גאר דעם ווייןגארטין ביז ער וועט זיין אזוא וויא ער איז גיוועזן אונ דאס וואס איך האב גיטאן פאר גיב מיר (דאס אליץ איז גיוועזן בחלום) דער מלך חאפט זיך אויף פון זיין שלאף זעהט ער פיל בלוט אויף זיין בעט אונ עס האט אים גיקלאפט זיין הארץ ביז עס איז טאג גיווארין האט ער גירופין צוא אלע זיינע חכמים אונ האט זיי דער צײלט די מעשה אבער זייא האבין ניט גיוואוסט וואס צוא ענטפערין אים · האט גיענטפערט איינער

פון

מַחֲזִירִין תָּדִיר בְּכָל יוֹם וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ וְיֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶּׁיִּסְמוֹכוּ וְהַדִּין דִּין אֱמֶת וְהַכֹּל מְתֻקָּן לִסְעוּדָה: כא רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוֹמֵר אִם אֵין תּוֹרָה אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִם אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ

### מעשה אבות

פון דיא בַּאדִינֶער פון דֶעם מֶלֶךְ אונ האט גיזָאגְט אֲדוֹנִי קִינִיג רוא וַוייסְט דָאךְ וואול דָאס דיא חֲכָמִים פון דיא יודִין אונ רִי וָואס קוּמֶען אַרוֹים פון זַייעֶר זֶרַע מְלוּכָה זַיינֶען גִיוֶועֶן צוּ דִי מְלָכִים וָואס זַייא זַיינֶען בַּייא זַייא גִיוֶועֶן אַנְרוֹים בַּאדֶערְקֶענֶעם צוּ זַייעֶר מְלוּכָה רֶען דיא מְלָכִים פְּלֶעגִין זַייא גֶעבִּין זַייעֶר גִיזֶעץ אונ פִיל גָאב כְּדֵי זַייא זָאלִין צוּ זַייא בַּאשֵׁיידִין פִיל רֶעטִינֶעשׁ אונ חֲלוֹמוֹת אונ אַלֶערְלֵייא דִבְרֵי חָכְמָה אונ דוּ הָאסְט זִיךְ בַּארָאטִין צוּא מַאכִין פַאר לִירִין אונ הַרְגֶנֶן זַייא אונ נון אִיצוּנְר זִיצְן זַייא אִין תְּפִיסָה אונ גִיפַּיינִיגְט מִיט קֵייטִין אונ וֶוען עֶס גִיפֶעלְט דִיר מַיין עֵצָה זָאלְסְטוּ זוּכִין פון דִיא גְרֶעשְׁטֶע פון דִיא קְלוּגֶע לַייט וָואס זִיצִין אִין דֶער תְּפִיסָה מֶען זָאל אִינֶם שְׁטֶעלִין פַאר דִיר אונ עֶר זָאל דִיר דַיין חָלוֹם בַּאשֵׁיידִין · אִיז דיא זַאךְ דֶעם מֶלֶךְ גִיפֶעלִין אונ הָאט גִיבָּאטִין צוּא בְּרֵיינְגֶען אֵיינֶעם פון דיא חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל · אַזוֹ אִיז דֶער קְנֶעכְט גִיגַאנְגֶען אונ הָאט זַייא גִיזָאגְט דָאס דֶער מֶלֶךְ בַּאגֶערְט אֵיין חָכָם פון זַייא דֶען עֶר הָאט צוּא פְרֶעגִין אַזוֹ אֵיין זַאךְ וָואס עֶס אִיז פַאר הוֹילִין פון זַיינֶע חֲכָמִים הָאט אֵיין אַלְטֶער מַאן פון זַייא גִיזָאגְט צוּא דֶעם קְנֶעכְט נון אִיךְ וֶועל מִיךְ שְׁטֶעלִין פַאר דֶעם מֶלֶךְ · אונ וֶועל אִים זָאגִין גָאר זַיין הַארְץ · הָאבִּין אִים זַיינֶע חֲבֵרִים גִיזָאגְט וָוארוּם הַיילְשְׁטוּ דִיךְ צוּא אַזוֹ אֵיין זַאךְ וֶוען דוּא וַוייסְט גָאר נִיט וָואס מֶען וֶועט דִיךְ פְרֶעגִין הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא זַייא אִיךְ וַוייס דָאס אֵיין חָלוֹם הָאט זִיךְ דֶעם מֶלֶךְ גִחְלֶמְתּ אונ דֶעם זֶעלְבִּיגִין חָלוֹם הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גִיזֶעהֶען · אונ אִיךְ וַוייס דָאס פִּתְרוֹן · הָאט דֶער קְנֶעכְט גִיזָאגְט צוּא אִים נֶעם וַואשׁ דִיךְ אָפּ אונ שְׁמִיר דִיךְ אונ נֶעם דִיר דִיא קְלֵיידֶער וָואס אִין מַיין הַאנְט אונ טוּא זַייא אָן רֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט אַזוֹ גִיבָּאטִין · הָאט דֶער זָקֵן גִישְׁוָוארִין דָאס עֶר וֶועט נִיט טָאן קֵיין שׁוּם זַאךְ בִּיז עֶר וֶועט שְׁטֵיין פַאר דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּא דֶעם מֶלֶךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּא אִים קֶענְשְׁטוּ פוֹתֵר חָלוֹם זַיין הָאט דֶער זָקֵן גִיזָאגְט אֲפִילוּ דֶעם חָלוֹם אוֹיךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט טוּא דֶער צֵיילְ הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דֶער חָלוֹם אֲפִילוּ וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט פַאר גֶעסִין אונ דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ זַייעֶר גִיוואוּנְדֶערְט אונ הָאט גִיזָאגְט נון אִיצוּנְד זָאג מִיר דֶעם פִּתְרוֹן וִויא דֶער זָקֵן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּא בַּאשֵׁיידִין דֶעם חָלוֹם אַזוֹא הָאט עֶר אַנְרוֹים גִיוֵויין גִיוַויינְט אונ הָאט גִיזָאגְט אֲרוֹנִי קִינִיג דֶעם גָארְטִין וָואס דוּא הָאסְט גִיזֶעהֶען דָאס אִיז דִיא מִשְׁפָּחָה פון דָוִד הַמֶּלֶךְ אונ דִיא בּוֹימֶער יוּנְגֶע אונ אַלְטֶע אונ מִיטֶעלֶע אונ בְּלֶעטְלִיךְ אונ פֵּירוֹת דָאס זַיינֶען זַיינֶע קִינְדֶער אונ דָאס וָואס דוּא הָאסְט גִיוָואלְט פַאר שְׁנַיירִין אַלֶע בּוֹימֶער פון אִים דָאס אִיז דַיין גְזֵירָה וָואס דוּא הָאסְט גוֹזֵר גִיוֶועֶן מֶען זָאל גָאר דִיא זֶרַע פון דָוִד מַאכִין פַאר לִירִין ·

אֵין תּוֹרָה אִם אֵין חָכְמָה אֵין יִרְאָה אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה אִם אֵין דַּעַת אֵין בִּינָה אִם אֵין בִּינָה אֵין דַּעַת אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה אִם אֵין תּוֹרָה אֵין קֶמַח: כב הוּא הָיָה אוֹמֵר כָּל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו לְמָה הוּא

**מעשה אבות**

· אונ דָאס וָואס דוא הָאסְט אויף גִיהוֹיבִּין דַיין הַאק צוא אוים רַייסִין עֶס דָאס אִיז וָואס עֶס אִיז אויף גִינַאנְגֶען אויף דַיין דֵעָה צוא נָאךְ זוּכִין צוא פַאר לֶענְדִין דִיא זֶרַע הַמְּלוּכָה · אונ דֶער אַלְטֶער מַאן וָואס הָאט אויף דִיר גִישְׁרִיעֶן דָאס אִיז דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אונ דָאס וָואס דוא הָאסְט אִים צוא גִיזָאגְט דָאס דוא וֶועסְט מַאכִין אָן טְרִינְקֶען דֶעם וָוארְצִיל בִּיז עֶר וֶועט אַיין גְרוֹיסֶער בוֹים וֶוערִין · דָאס אִיז וָואס דוא וֶועסְט פוּן הַיינְט אָן מְבַטֵּל זַיין דַיין גְזֵירָה אונ וֶועסְט הִיטִין דִי אִשָּׁה פוּן זֶרַע בֵּית דָּוִד מִיט אַלֶע אִירֶע קְרוֹבִים · הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוא אִים דוא הָאסְט אֶמֶת בַּאשֵׁיידְט אונ אִיצוּנְר זוּךְ אונ קְלֶער נָאךְ אוּב עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּן אַיין אִשָּׁה פוּן זַיינֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ מִיט אִיר טָאן גִינָאד אונ וֶועל טָאן מַיין אוֹיג אויף אִיר צוא גוּטִין אונ אויף אַלֶע אִירֶע קִינְדֶער וָואס וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אִיר אונ וֶועל מְקַיֵּים זַיין דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ צוא גִיזָאגְט · אַזוֹ דֶער זָקֵן הָאט עֶס גִיהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקֶענְט אַיין הַאלְטִין אונ הָאט אָן גִיהוֹיבִּן צוא וַויינֶען אונ הָאט גִיזָאגְט אֲדוֹנִי קֶינִיג אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גִימַאכְט מַיין טָאכְטֶער פַאר אֵיינֶעם פוּן דֶער זֶרַע פוּן בֵּית דָּוִד אונ בַּאלְד נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאסְטוּ דִיא גְזֵירָה גוֹזֵר גִיוֶועזְן אַזוֹ הָאט מֶען אִים גִיהַרְגֶ'ת אונ מַיין טָאכְטֶער אִיז אַיין עֲגוּנָה גִיבְּלִיבִּן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּ אִים גֵיא צוּא דַיין הוֹיז אונ זָאג צוּ דַיין טָאכְטֶער דָאס אִיךְ וֶועל דִיךְ הַיינְט פְרַייא לָאזִין אונ אויךְ אַלֶע וָואס זִיצְן אִין דֶער תְּפִיסָה · אונ דֶר מֶלֶךְ הָאט אִים אָן גִיטָאן זַיין פִינְגֶערִיל אונ מֶען הָאט אַלֶע פְרַייא גִילָאזְט אַזוֹ אִיז דֶער זָקֵן גִינַאנְגֶען אַהֵיים הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט דָאס זַיין טָאכְטֶער אִיז טְרָאוִידִיג הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִיפְרֵייט אונ אִיז גִינַאנְגֶען אונ הָאט עֶס גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶלֶךְ אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט מֶען זָאל אוֹיס רַאמֶען אַיין חֶדֶר אִין דֶעם הוֹיף פוּן דֶעם מֶלֶךְ אונ צוּ בְּרֵיינְגֶען אַהִין אִיר בֶּעט גִיוַואנְט אונ גָאר אִיר בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ אונ מֶען זָאל בְּרֵיינְגֶען דִיא יוּנְג פְרוֹיא אִין דֶעם חֶדֶר אַרַיין הָאט מֶען אַזוֹ גִיטָאן אונ מֶען הָאט אִיר אָן גִיבְּרֵייט אַלְץ וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיבֶּאטִין אונ עֶס אִיז גִיקוּמֶען אִיר צַייט צוּא גִיוִוינֶען הָאט זִיא גִיוואוּנֶען אַיין זוּן אונ זִיא הָאט גִירוּפִין זַיין נָאמֶען בּוּסְתְּנָאִי דָאס אִיז טַייטְשׁ וַויין גָארְטִין צוּא אַיין גִידֶעכֶענִשׁ פוּן דֶעם וַויין גָארְטִין וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזֶעהֶן בַּחֲלוֹם · דָאס קִינְד אִיז אויף גִיצוֹיגֶן גִיוָוארְן אונ עֶר הָאט גִילֶערְינְט פִיל תּוֹרָה אונ עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַגְרוֹיסֶער חָכָם · וֶוען דִיא זַאךְ פוּן דֶעם קִינְד אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארְן צוּא דֶעם מֶלֶךְ אַזוֹא הָאט עֶר גִיבֶּאטִין מֶען זָאל אִים בְּרֵיינְגֶען פַאר אִים · הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט אונ השי"ת הָאט אִים גִיגֶעבִּין חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם מֶלֶךְ אונ עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ פוּן דֶער צַייט וָואס עֶר אִיז גִיקוּמֶען

**דּוֹמֶה לְאִילָן שֶׁעֲנָפָיו מְרֻבִּין וְשָׁרָשָׁיו מוּעָטִין וְהָרוּחַ בָּאָה וְעוֹקַרְתּוֹ וְהוֹפַכְתּוֹ עַל פָּנָיו שֶׁנֶּאֱמַר וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבוֹא טוֹב.**

מעשה אבות

געקומען ביז נאכט אונ האט זיך ניט גירירט מיט זיין קאפ אונ האט ניט אויף גיהויבן קיין פוס· אזו וויא ער איז גישטאנען איז גיקומען איין פליג זיא איז גיוועזן אזו גרויס וויא איין האלבער מיל גראס אונ האט זיך גישטעלט אויף זיין שטערין אונ האט איננ גביסין ביז עס האט גרונען בלוט אונ ביסתנאי האט זיא ניט אוועק גטריבן פון זיך האט דער מלך גיזאגט צוא אים וויא קומט עס וואס עס רינט בלוט פון זיין שטערין האט ער גיזאגט צו דעם מלך גיב אכטונג מיט דיינע אויגין ווערסטו זעהן נור וואס· אזו האט דער מלך גיזעהען דאס דיא פליג עסט פון זיין שטערין· האט דער מלך גיזאגט צו אים ווארום האסטו דיא פליג ניט אוועק גיטריבן האט בוסתנאי גיזאגט דעם דרך ארץ האבין מיר גירשת פון אונזערע עלטערין פון דער צייט וואס אונזער קרוין איז אוועק גינומען גיווארן פון אונז אונ מיר באדארפין שטיין פאר מלכים דאס מיר זאלין ניט ריידין אונ לאכין אונ אויך הייבין קיין האנט פאר זייא· איז דיא זאך זייער וואול גיפעלין צוא דעם מלך האט ער אים גימאכט פאר איין שני למלך אונ פאר איין ראש איבער דיא ישראל· והוי מקבל את כל האדם בשמחה אונ זאלסט אנטפאנגין איטליכין מענטשין מיט אפרייליך פנים :

רבי עקיבא אומר רבי עקיבא זאגט שחוק וקלות ראש גילעכטער אונ פר שייטקייט מרגילין וכו׳ מאכן גיוואונן צו זנות · דר חסיד שרייבט דרום שרייבט דר תנא דאס לשון גיוואונן דען פיל מענטשין האבין בטבע מורא פאר איין עבירה אונ היטין זיך אף אזוא וויא מען היט זיך פון איין סכנה · אבער דער יצר הרע מאכט אים גיוואוינען אונ פאר זיכערט אים פון דער סכנה · אזוא וויא דער שטייגער איז ווען איין מענטש קומט אריין אין איין טייך דאס אין אן הויב טוט ער זיך שרעקין אבער ווען ער ווערט גיוואוינט האט ער שוין קיין מורא ניט אונ אזוא האבין אונזערע חכמים גיזאגט דער וואס טוט צווייא מאל איין עבירה אזוא ווערט עס בייא אים גלייך וויא איין היתר מסורת סיג לתורה דיא קבלות וואס מען האט אויסין ווייניג וויא אזו צוא לייענען די אותיות פון דער תורה אנדערש וויא עס שטייט גישריבין דאס איז איין צאם צו דער תורה פון דעם קומט ארויס פיל דינים · מעשרות סיג לעושר אז מען גיט מעשר איז דאס איין צאם צוא עשירות · נדרים סיג לפרישות אז דער מענטש טוט אנדר ער זאל ניט טאן אזעלכע זאכין וואס איז לפנים משורת הדין איז דאס איין צאם צוא אפ שיידין זיך פון תאוות · סיג לחכמה שתיקה צוא חכמה איז מער קיין צאם ניט נאר שווייגין ער זאל ניט פיל ריידין : הוא היה אומר ער פלעגט זאגין חביב אדם שנברא בצלם בליבט איז דער מענטש וואס ער איז באשאפין גיווארין מיט דעם פורעם פון דעם אויבערשטין חבה יתירה דאס איז נאך אגרויס ליבשאפט פון השי״ת נודעת לו שנברא בצלם וואס ער האט מודיע גיוועזן דעם מענטשין אז ער איז באשאפין גיווארין מיט גאטס פורעם ·

שנאמר

וְשָׁכַן חֲרֵרִים בַּמִּדְבָּר אֶרֶץ מְלֵחָה וְלֹא תֵשֵׁב · אֲבָל כָּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאִילָן שֶׁעֲנָפָיו מוּעָטִין וְשָׁרָשָׁיו מְרֻבִּין שֶׁאֲפִילוּ

### מעשה אבות

שנאמר אזוא וויא עס שטייט כי בצלם אלהים עשה את האדם דען מיט דעם פורעם פון גאט האט ער גימאכט דעם מענטשין חביבין ישראל דיא ישראל זיינען בליבט ביא גאט ב"ה שנקראו בנים למקום וואס זייא זיינען גירופן גיווארין קינדער צוא גאט · חבה יתירה נודעת להם דאס איז נאך מער ליבשאפט וואס מען האט זייא מודיע גיוועןן שנקראו בנים למקום אז זייא ווערין אן גירופין קינדער צוא גאט שנאמר אזוא וויא עס שטייט בנים אתם לה' אלהיכם איר זייט קינדער צוא אייער גאט : חביבין ישראל דיא ישראל זיינען באליבט שנתן להם כלי חמדה אז עס איז צוא זייא גיגעבין גיווארין איין גילוסטיגע כלי דאס מיינט מען דיא תורה חבה יתירה נודעת להם דאס איז נאך אגרעשערע ליבשאפט וואס מען האט זייא מודיע גיוועןן שנתן להם כלי חמדה אז עס איז צוא זייא גיגעבין גיווארין אגילוסטיגע כלי שבו נברא העולם וואס דורך אים איז דיא וועלט בשאפין גיווארין שנאמר אזוא וויא עס שטייט כי לקח טוב נתתי לכם איך האב אייך גיגעבין אגוט לערנען תורתי אל תעזובו מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזין : הכל צפוי גאט ב"ה זעהעט אלע דיא מעשים פון דיא מענטשין והרשות נתונה אונ דער רשות איז גיגעבין גיווארין דער מענטש זאל טאן וואס ער וויל ובטוב העולם נדון פון דעסט וועגין ווערט מיט גוטקייט די וועלט גימשפט כלומר דען דער שטייגער איז פון אמלך בשר ודם ווען דער מענטש איז עובר אויף זיין גזירה אזו איז זיין משפט צוא טייטין אים אבער גאט ב"ה איז ניט אזו אונ האטשע ער זעהעט אלץ וואס דער מענטש טוט אונ זינדיגט אנטקעגין אים לאזט ער אים צוא טאן זיין עבירה גלייך וויא דער רשות איז ביא אים צוא טאן אונ ניט גינוג וואס ער שטראפט אים ניט באלד טוט ער נאך מיט אים גוטס אונ לאזט אים לעבין טאמער וועט ער תשובה טאן אונ ניט דוא זאלסט מיינען דאס גאט שיינקט עני · נאר והכל לפי רוב המעשה אלץ וועגט זיך אין זיינע רוב מעשים ווען דאס רוב פון זיינע מעשים זיינען שלעכט אזו טוט מען מיט אים גוטס אויף דער וועלט אונ דער כוף איז דאס ער ווערט פאר לארין אין גיהנם אויב ער טוט קיין תשובה ניט · אונ אויב זיינע רוב מעשים זיינען גוט · אזו גיט מען אים יסורים אויף דער וועלט ער זאל אפ קומען דיא זינד : הוא היה אומר ער פלעגט זאגין הכל נתון בערבון אויף אלע זאבין וואס דער מענטש טוט איז דא איין ערב דאס מיינט מען דיא נשמה פון דעם מענטשין ומצודה פרוכה על כל החיים אונ איין נעץ איז פאר שפרייט אויף אלע לעבעדיגע כלומר אזו וויא איין נעץ וואס מען וויל דורך איר האפין פויגלען גיט מען דארט עסין ווארג אונ דער פויגיל מיינט דאס עס איז ניט פון זיינט וועגין גישפרייט דיא נעץ צוא האפין אים אונ קומט צוא עסין אונ ווערט גיהאפט דורך דעם · אזו אויך מיינט דער מענטש דאס גוטס וואס ער האט אויף דער וועלט איז עס פון זיין טובה וועגין אבער עס איז ניט אזו דאס איז נאר גיגעבין צוא אים כדי אז ווען ער וועט זינדיגין זאל ער דער מיט

גיהאפט

# כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו · שנאמר והיה כעץ שתול על מים ועל יובל ישלח שרשיו ולא יראה כי

### מעשה אבות

ניהאפט ווערין אונ מען זאל עס ביא אים אוועק נעמען איז דאס ביא אים גלייך וויא דער טויט החנות פתוחה די קראם וואס מען פאר קויפט אלץ איז אפין דאס מיינט מען דיא וועלט איז גיגליכין צוא איין קראם וואש עס איז אין איר פאר האנדין פיל זיסע שפייז אונ תענוגים אונ ווער עס וויל קויפין זאל ער קומען אונ קויפין והחנוני אונ דער קרעמער דאס מיינט מען דער יצר הרע וואס אלע תאוות פון דער וועלט זיינען ביא אים אין דער האנט מקיף טוט ארום רינגלען אונ גיין אין אלע גאסן ער באנגינט זיך ניט צו זיצן אין קראם אונ וועמען עס ווערט זיך גילוסטן צו קויפן ביא אים תענוגים זאל קומען צו אים אונ קויפן נאר ער גייט ארום אין אלע גאסין צוא איבער ריידן אונ אפ נארין אלע מענטשין אונ אפילו דעם וואס ער גילוסט גאר ניט צוא קיין תאוה ניט ער אים ארין אין הארצין איין גילושטונג צוא תענוגי העולם: והפנקס פתוחה אונ דער בוך איז אפין והיד כותבת אונ דיא האנט שרייבט בלומר עס ווערט פאר שריבין אלץ וואס דר מענטש טוט וכל הרוצה ללוות יבא וילוה אונ אזו איין מענטש וואס ער איז איין עני אונ ער רעט אים אן צוא טאן אזו איין עבירה וואס עס דארף קאסטין געלט זאגט ער אים צו דאס ער וועט אים געבין געלט דרויף כדי ער זאל זיך ניט פאר מיידין צו טאן והגבאים מחזירין תדיר בכל יום אונ דיא גבאים וואס זיינען גובה פון דעם מענטשין דאס מיינט מען דיא יסורים אונ אננעמין זייא גייען ארום איטליכין טאג ונפרעין מן האדם אונ זייא ווערין גיצאלט פון דעם מענטשין אלע טאג צוא ביסליך מדעתו אויף אזעלכם וואס ער האט גיטאן מיט זיין וויסין · ער האט גיוואוסט אז דאס איז איין עבירה ושלא מדעתו אונ אזעלכש וואס ער האט ניט גיוואוסט אז עס איז איין עבירה ויש להם על מה שיסמוכו אונ האטשע אין פלוק ווייזט דאך אויס דאס מען וואלט ניט גיגעהערט צו ניצאלט ווערין דרויף וואס ער האט ניט גיוואוסט אויב עס איז איין עבירה · אבער זייא האבין זיך אויף עפיס צוא סומך זיין דאס זייא טוען רעכט והדין דין אמת אונ עס איז איין אמת'ר דין דען ער וואלט געהערט צוא לערנען וואלט ער גיוואוסט וועלכעס מען מעג אונ וועלכעס מען טאר ניט והכל מתוקן לסעודה אונ דהינו דעם וואס דיא יסורים ווערין גיצאלט פון דעם מענטשין אונ ער קומט אפ אויף זיינע עבירות זיינען אלע אן גיברייט צו דער סעודה פון עולם הבא:

רבי אלעזר בן עזריה אומר רבי אלעזר בן עזריה זאגט אם אין תורה ווען דר מענטש לערינט נאר ניט קיין תורה אונ איז אנאנצן טאג נאר עוסק אין איין מלאכה אין דרך ארץ ווערט ער ניט זעהן קיין ברכה אין זיין מלאכה אם אין דרך ארץ אונ ווען ער טוט גאר קיין מלאכה ניט נאר ער לערינט טאג אונ נאכט אין התורה וועט דיא תורה ביא אים קיין קיום ניט האבין · דען א מענטש גיהער צו טאן עפיס איין מלאכה אויף ער זאל זיך מפרנס זיין אם אין חכמה ווען דוא האסט גיזעהען איין מענטש וואס ער האט זיך גיסיט

צוא

יָבֹא חוֹם וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי׃ כג רַבִּי אֶלְעָזָר (בֶּן) חִסְמָא אוֹמֵר קִנִּין וּפִתְחֵי נִדָּה הֵן הֵן גּוּפֵי

### מעשה אבות

צוא לֶערְנֶען אוּנ קָאן נִיט אין יראה זָאלְסטוּ ווִיסֶען אַז עֶס אִיז וַוייל עֶר הָאט נִיט קֵיין מוֹרָא פַאר גָאט אִיבֶּער דֶעם קֶען דִי תּוֹרָה בַּייא אִים קֵיין אָרְט גִיפִינֶען צוּ הָאבְּן אַקִיוּם בַּייא אִים אם אין יראה אוּנ אַז דוּא זֶעהֶשְׁט דָאס עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר גָאט אין חכמה אִיז אַסִימָן דָאס עֶס אִיז בַּייא אִים נִיט דָא דִיא חָכְמָה פוּן דֶער תּוֹרָה כְּלוֹמַר חָאטְשֶׁע עֶר מִידֶט זִיךְ אִין דֶער תּוֹרָה קֶען עֶר נִיט קוּמֶען צוּא דֶער חָכְמָה פוּן דֶער תּוֹרָה אם אין דעת אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין ווִיסִין שַׁאפְט עֶר וַוייש נִיט דֶעם טַעַם פוּן דֶער זַאךְ אין בינה וִויא קָאן עֶר דֶעם שֵׂכֶל פַאר שְׁטֵיין אם אין בינה וֶוער עֶס הָאט נִיט קֵיין פַאר שְׁטַאנְד אין דעת וִויא קָאן עֶר ווִישִׁין דֶעם טַעַם פוּן דֶער זַאךְ אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין פַאר שְׁטַאנְד אם אין קמח אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין מֶעל דָאס הֵייסְט בְּרוֹיט אין תורה וִויא קָאן עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אם אין תורה אַז עֶר לֶערִינְט נִיט קֵיין תּוֹרָה אין קמח הָאט עֶר נִיט צוּ עֶסִין׃ רַבִּי מְנַחֵם שְׁרַייבְּט אֵיין אַנְדֶער פְּשַׁט אם אין קמח וֶוען עֶס זָאל נִיט גִיגֶעבְּן וֶוערְן צוּם מֶענְטְשְׁן קֵיין מֶעל כְּלוֹמַר בְּרוֹיט צוּא עֶסִין דָאס הֵייסְט אֵיידֶעלֶע מַאֲכָלִים אוּנ זָאל נָאר עֶסִין דָאס נֶעמְלִיכֶע וָואס בְּהֵמוֹת עֶסִין אין תורה וָואלְט זַיין שֵׂכֶל נִיט גִיטְרָאגִין צוּא חָכְמַת הַתּוֹרָה אם אין תורה וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט נִיט וֶועלִין גֶעבִּין דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְשִׁין אין קמח וָואלְט עֶר נִיט גִימַאכְט אַז אֵיין מֶענְטְשׁ זָאל עֶסִין אֵיידֶעלֶע מַאֲכָלִים׃ הוא היה אומר עֶר פְּלֶעגְט זָאגִין כל שחכמתו מרובה ממעשיו דֶער וָואס זַיין חָכְמָה אִיז מֶער פוּן זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים למה הוא דומה צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לאילן צוּא אֵיין בּוֹים שענפיו מרובין וָואס זַיינֶע צְווַייגְן זַיינֶען פִיל ושרשיו מועטין אוּנ זַיינֶע וָוארְצְלְן זַיינֶען וֶוייניג והרוח באה אוּנ דֶער ווִינְט קוּמְט ועוקרתו והופכתו על פניו אוּנ רַייסְט אִים אוֹיס אוּנ פַאר קֶערְט אִים אוֹיף זַיין פְּנִים שנאמר אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט והיה כערער בערבה אוּנ עֶר וֶועט זַיין ווִיא אֵיין בּוֹים שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין גְלַייכִין פְּלַאץ ולא יראה כי יבוא טוב אוּנ עֶר וֶועט נִיט זֶעהֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען גוּטְשׁ ושכן חררים במדבר אוּנ עֶר וֶועט רוּעֶן מִיט דַארְקַייט אִין דֶער ווִיסְטֶענֶעשׁ ארץ מלחה ולא תשב אִין אֵיין גִיזַאלְצִין לַאנְד אָן יִשּׁוּב׃ וכל שמעשיו מרובין מחכמתו אוּנ דֶער וָואשׁ זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים זַיינֶען מֶער פוּן זַיין חָכְמָה למה הוא דומה צוּא וָואשׁ אִיז עֶר גְלַייךְ לאילן צוּא אֵיין בּוֹים שענפיו מועטין ושרשיו מרובין וָואס זַיינֶע צְווַייגִין זַיינֶען וֶוייניג אוּנ זַיינֶע וָוארְצְלֶען זַיינֶען פִיל שאפילו כל הרוחות שבעולם וָואס אֲפִילוּ אַלֶע ווִינְטִין פוּן דֶער וֶועלְט באות ונושבות בו קוּמֶען אוּנ וֵוייֶען אוֹיף אִים אין מזיזין אותו ממקומו רִירִין זַייא אִים נִיט פוּן זַיין אָרְט שנאמר אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט והיה כעץ שתול על מים עֶר וֶועט זַיין ווִיא אֵיין בּוֹים וָואשׁ אִיז גִיפְלַאנְצְט אוֹיף בֶּעךְ וַואסֶער ועל יובל ישלח שרשיו אוּנ בַּייא דֶעם טַייךְ צוּא שְׁפְּרֵייט עֶר זַיינֶע וָוארְצְלֶן ולא יראה כי יבא חום עֶר וֶועט נִיט זֶעהֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַהִיץ וֶועט עֶס אִים נִיט שַׁאטִין והיה עלהו רענן אוּנ זַיינֶע בְּלֶעטֶער וֶועלִן זַיין צְוַוייגְהַאפְטִיג ובשנת בצורת לא ידאג אוּנ אִין אַיָאר וָואס רֶעגִין

זיינען

הלכות תקופות וגימטריאות פרפראות לחכמה: רבי חנניא בן עקשיא וכו'

# פרק רביעי

כל ישראל וכו'

א בן זומא אומר איזהו חכם הלומד מכל אדם שנאמר מכל מלמדי השכלתי (כי עדותיך שיחה לי): איזהו גבור הכובש את יצרו

## מעשה אבות

זיינען גיטינערט וועט ער ניט זארגין ווארום עס וועט אויף אים וואקסין פירות ולא ימיש מעשות פרי אונ ער וועט ניט אפ טאן פון צוא מאכין פירות: רבי אליעזר בן חסמא אומר רבי אליעזר בן חסמא זאגט קינין דיא דינים פון דיא קרבנות פון אגיוויינערין דאס איז זייער שווער הן הן גופי הלכות דאס איז דיא רעכטע הלכות אין דער תורה תקופות וגימטריאות צו רעכענען תקופות אונ צו רעכענען וויא פיל אותיות טרעפט אן פון איין נאמען פרפראות לחכמה איז עס וויא איין גיריכט וואס מען עסט סוף סעודה אזו איז דאס צוא חכמת התורה:

פרק ד בן זומא אומר בן זומא זאגט איזהו חכם וועלכער איז אחכם הלומד מכל אדם דער וואס לערינט פון אלע מענטשין כלומר אמענטש זאל ניט זאגין דיא חכמה ווערט דאך נגזר פון נאט איידער מענטש ווערט באשאפין וואס ער זאל זיין ציא איין חכם אדער איין טפש קען דאך זיין דאס דער מענטש וואס איז אויף אים נגזר גיווארין ער זאל זיין אחכם איז ער אחכם · אונ דער וואס איז אויף אים נגזר גיווארין ער זאל זיין איין טפש קען ניט ווערין קיין חכם דרום זאגט דער תנא חאטשע עס איז אויף אים נגזר גיווארין ער זאל זיין איין טפש אבער דורך דעם וואס ער וועט זיך מיען אין דער תורה צו לערנען פון אלע מענטשין וועט ער ווערין איין חכם שנאמר אזו וויא עס שטייט מכל מלמדי פון אלע מיינע מלמדים אונ רביים וואס איך האב פון זייא גילערינט השכלתי בין איך קלוג גיווארין · דען איך האב מיך גימידט אלע צייט אין דער תורה איזהו גבור וועלכער הייסט איין גבור הכובש את יצרו דער וואס צווינגט זיין יצר הרע · דען דיא מלחמה פון דעם יצר הרע איז אלע צייט אבער איין מלחמה אנטקעגין דעם פיינד איז ניט אזו · דען ווען ער איז דעם שונא מנצח ווערט בטל דיא מלחמה · נאך איין טעם איז · דען דער וואס האלט מלחמה מיט זיין שונא איז עס דאך נאר כדי צו מציל זיין זיין גוף אבער דער וואס האלט מלחמה מיט דעם יצר הרע קומט ער מציל זיין זיין נשמה · נאך איין טעם איז דען דער וואס האלט מלחמה מיט זיין שונא ווייס ער ראס דער שונא קומט אים צו הרגנן · אונ דרום שטארקט ער זיך מיט נאר זיין כח צו מציל זיין זיך · אבער דער יצר הרע ווייזט ניט דעם מענטשין אז ער לויערט נאך זיין טויט נאר ער ווייזט אים גלייך וויא ער מיינט זיין פריר אונ בגערט ניט זיין שלעכטץ אונ מען דארף האבין אגוטין בעל מלאכה ער זאל פאר שטיין אונ דער קענען זיינע ראט וואס ער טוט אים ראטין כדי ער זאל

ניט

שֶׁנֶּאֱמַר טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִּבּוֹר וּמוֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלּוֹכֵד עִיר: אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ שֶׁנֶּאֱמַר יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא: אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת שֶׁנֶּאֱמַר כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ: ב בֶּן עַזַּאי אוֹמֵר הֱוֵי רָץ לְמִצְוָה

## מעשה אבות

ניט פאלין אין זיין נעק שנאמר אזו וויא עס שטייט טוב ארך אפים עס איז בעסער דער וואס דער לייאנגערט זיין צארין אנטקעגין זיין חבר וואס ער האט אים מבזה גיוועזן מגבור מער איי אגבור וואס ער צווינגט זיין שונא ומושל ברוחו אונ דער וואס גיוועלטיגט אין זיין גימיט ער זאל דעם חבר נאר מוחל זיין אונ זאל אים גאר ניט טאן קיין שלעכטץ דרויף וואס ער האט אים מבזה גיוועזן מלוכד עיר איז ער בעסער פון דעם וואס נעמט איין איין שטאט מיט זיין גבורה · נוא זעהען מיר דאך דאס דער וואס באצווינגט זיין כעס איז ער גירעכינט מער פון אגבור מכל שכן דער וואס באצווינגט דעם יצר הרע אויף אלע צוויא הונדערט אכט אונ פערציג מצות עשה אונ דרייא הונדערט מיט פינף אונ זעכציג מצות לא תעשה · איז ער דאך בודאי גירעכינט מער איי איין גבור · איזהו עשיר וועלכער הייסט איין עושר השמח בחלקו דער וואס פרייעט זיך מיט זיין חלק וואס גאט האט אים גיגעבין פיל אדער ווייניג · דער אברבנאל שרייבט דען אלע תאוות פון דער וועלט גיפינט זיך צוא זייא איין סוף · דהיינו דיא תאוה פון עסין אונ טרינקען אז דער מענטש גילוסט דער צוא אונ ער פילט אן זיין בויך דער מיט ווערט אפ גיטאן זיין תאוה · אונ ווען אפילו מען גיט פאר אים עסין ווארג קען ער עס ניט נעמען אונ אזוא דאס גלייכין אנדערע תאוות ווען דער מענטש דער פילט גאר זיין תאוה אזו נאך דעם ווערט פון אים דיא תאוה אפ גיטאן אבער דיא תאוה פון רייכקייט איז פאר קערט וואס מער דער מענטש האט גילוסט ער נאך מער אונ דיא תאוה פון רייכקייט איז גיגליכן צו איין דארשטיגין מענטש וואס ער טרינקט גיזאלצענע וואסער צו פאר שטערין זיין דארשט פון אים · אזו ווערט ער דאך נאך מער דארשטיג אונ ווייל עס איז דאך ניט פאר האנדין קיין עק צו דער תאוה פון רייכקייט דער מיט וואס ער ווערט האבין פיל · דען ער ווערט דאך גילוסטין צו האבין נאך מער · דרום איז קיין אנדער סוף ניט נייערט דער מיט וואס דער מענטש פרייעט זיך מיט דעם וואס ער האט אונ דענמאלט ווערט ער אן גירופין איין עושר · דען ווען ער בנוגינט זיך מיט דעם וואס ער האט גייט דאך אים גאר ניט אפ איז גלייך וויא ער האט גאר דאס רייכקייט פון דער וועלט אבער ווען ער באנוגינט זיך ניט מיט דעם וואס ער האט קען ער ניט אן גירופין ווערין קיין עושר · דען עס גייט דאך אים אפ דאס וואס ער גילוסט שנאמר אזוא וויא עס שטייט אין פסוק יגיע כפיך כי תאכל אז דוא וועסט עסין דאס וואס דוא פאר ארבעטסט מיט דיינע הענד אונ וועסט ניט גילוסטין צו איבעריגס אשריך וטוב לך ווערט דיר וואול אונ גוט זיין אשריך בעולם הזה עס ווערט דיר וואול זיין אויף דער וועלט דוא וועסט לעבין אונ פאר געסין דאגות וטוב לך לעולם הבא אונ עס ווערט דיר

קַלָּה וּבוֹרֵחַ מִן הָעֲבֵרָה שֶׁמִּצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה וַעֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה שֶׁשְּׂכַר מִצְוָה מִצְוָה וּשְׂכַר עֲבֵרָה עֲבֵרָה: ג הוּא הָיָה אוֹמֵר אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם וְאַל תְּהִי מַפְלִיג לְכָל דָּבָר· שֶׁאֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה וְאֵין לְךָ דָּבָר שֶׁאֵין לוֹ מָקוֹם: ד רַבִּי לְוִיטַס אִישׁ יַבְנֶה אוֹמֵר מְאֹד מְאֹד

### מעשה אבות

דיר גוט זיין אויף יענער וועלט וועסט ניט וועלין גֵּילְּגֵן אונ איין עוֹלָה טאן אונ וועסט האבין צייט צו לערנען אונ מַעֲשִׂים טובים טאן מַחְמַת דעם וועסטו האבין עוֹלָם הַבָּא איזהו מכובד וועלכער הייסט איין גיערליכטער המכבד את הבריות דער וואס האלט ערליך לייט שנאמר אזו וויא עס שטייט אין פָּסוּק כי מכבדי אכבד ווער עס האלט מיך ערליך וועל איך זייא ערליך האלטין קען מען זעהען ווען הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וואס דער כָּבוֹד געהער צו אים איז ער מְכַבֵּד ווער עס ניט אים כָּבוֹד מִכָּל שֶׁכֵּן דיא וואס גיבין כָּבוֹד צו מענטשין ובוזי יקלו אונ דיא וואס שענדין מיך וועלין אליין פאר שעמט ווערין: בן עזאי אומר בֶּן עַזַּאי זאגט הוי רץ למצוה קלה דוא זאלסט לויפין אֲפִילוּ צו איין גרינגע מִצְוָה ובורח מן העבירה אונ זאלסט אנטלויפין פון איין עֲבֵירָה דער תנא קומט אונז צו לערנען דאס איין מענטש זאל ניט זאגין בֶּן זוֹמָא האט דאך גיזאגט דאס דיא מִלְחָמָה פון דעם יֵצֶר הָרָע איז דיא גרעסטע מִלְחָמָה אונ דער וואס באצווינגט אים ווערט אן גירופין אַגִבּוֹר· נוא ווער בין איך דאס איך זאל קענען אזו איין גרויסע מִלְחָמָה בייא קומען אונ דרום וועט דער מענטש קומען זיך צו מְיָאֵשׁ זיין פון צו שטארקין זיך אנטקעגין דעם יֵצֶר הָרָע· דרום זאגט דא בֶּן עַזַּאי אז עס איז גאר אַגְרִינְגֶע זאך צוא באצווינגען אים· דורך דעם וואס דוא וועסט בייא דעם אן הויב זיין פיל גיהיט איז דאס פיל גְּרִינְגֶער צוא באצווינגען דעם יֵצֶר הָרָע דרום צום אן הויב זאלסטו לויפין צוא איין גרינגע מִצְוָה אונ אנטלויפין פון איין עֲבֵירָה דער נאך וועט שוין דיא זאך מִמֵּילָא קומען שמצוה גוררת מצוה דען איין מִצְוָה שלעפט צוא דוא זאלסט טאן דיא אנדערע מִצְוָה ועבירה גוררת עבירה אונ איין עֲבֵירָה שלעפט צוא צו טאן דיא אנדערע עֲבֵירָה· ששכר מצוה מצוה דען דער שְׂכַר פְּלוֹמַר דיא הֲנָאָה וואס דוא האסט פון דעם וואס דוא טוּסט דיא מִצְוָה איז דאס אויך גירעכינט פאר איין מִצְוָה· ושכר עבירה עבירה אונ דיא הֲנָאָה וואס דוא האסט פון דער עֲבֵירָה איז דאס גירעכינט פאר איין עֲבֵירָה: הוא היה אומר ער פלעגט זאגין אל תהי בז לכל אדם זאלסט ניט מְבַזֶּה זיין צוא קיין שום מענטשין ואל תהי מפליג לכל דבר אונ זאלסט ניט דער ווייטערין קיין שום זאך צוא זאגין עס קען גאר ניט זיין קיין מאל שאין לך אדם דען עס איז ניט פאר האנדין אמענטש שאין לו שעה וואס ער האט ניט אצייט טאמער וועסטו דארפין אן קומען צוא אים אזוא וויא מיר גיפינען איין מַעֲשֶׂה רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ איז אמאל גיגאנגען בייא דעם בארטין פון דעם יָם הַגָּדוֹל האט ער גיזעהען דאס איין שיף איז אין איין אויגין בליק דער טרונקען גיווארין אונ אלץ וואס עס איז גיוועזען אין איר אונ האט גיזעהען דאס איין מענטש האט זיך אויף גיכאפט אויף איין ברעט פון

הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ שֶׁתִּקְוַת אֱנוֹשׁ רִמָּה: ה רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן בְּרוֹקָא אוֹמֵר כָּל הַמְחַלֵּל שֵׁם שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר נִפְרָעִין מִמֶּנּוּ בְּגָלוּי אֶחָד שׁוֹגֵג וְאֶחָד מֵזִיד בְּחִלּוּל הַשֵּׁם: ו רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בַּר רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר הַלּוֹמֵד תּוֹרָה עַל מְנָת לְלַמֵּד מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד וְהַלּוֹמֵד עַל מְנָת לַעֲשׂוֹת מַסְפִּיקִין

### מעשה אבות

דָער שִׁיף אוּנ אִיז צוּא גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטִין אוּנ אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דָער יַבָּשָׁה נַאקִיטֶער הֵייט אוּנ מֵחֲמַת חֶרְפָּה הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטִין בַּייא דֶעם בָּארְטִין פוּן דֶעם יַם אוּנ דָאס אִיז גִיוֶועזֶען דִיא צַייט וָואס דִיא יוּדִין זַיינֶען גִיגַאנְגֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ אִיז דָארְט גִיגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ זֵייא אוּנ הָאט גִיזָאגְט נוּן אִיךְ בִּין פוּן אַייעֶרֶע בְּרִידֶער גִיט מִיר אַיין קְלֵייד דָאס אִיךְ זָאל מִיךְ צוּא דֶעקִין מַיין לַייבּ דֶען גָאר מַיינֶע קְלֵיידֶר זַיינֶען אִין יַם דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אוּנ עֶס אִיז מִיר נִיט גִיבְּלִיבִּין קֵיין שׁוּם זַאךְ· הָאבִּין דִיא תַּלְמִידִים גִיזָאגְט צוּא אִים אַזוֹא נַאקֶעט זָאלִין זַיין גָאר דַיין פָאלְק הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶער זֶעהֶען צוּא רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא אִים· נוּן עֶס וַוייזְט מִיר אוֹיס דָאס דוּא בִּיסְט דָער עֶלְצְטֶער אוּנ דֶער גִיעֶרְלִיכְטֶער פוּן דַיין אוּמָה אוּנ דוּא ווייסְט דֶעם כָּבוֹד פוּן לַייטִין דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ דָאס דוּא זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אַיין קְלֵייד צוּא צוּ דֶעקִין מַיין נַאקֶעט לַייבּ· אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועזֶען אוֹיף רַבִּי אֶלְעָזָר זִיבִּין טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער הָאט עֶר אוֹיס גִיטָאן אַיין קְלֵייד אוּנ הָאט עֶס אִים גִיגֶעבִּין אוּנ הָאט אִים גִיפִירְט צוּ זִיךְ אִין הוֹיז אוּנ הָאט אִים גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ הָאט אִים פִיר רֶענְדְלַאךְ גִיגֶעבִּין אוּנ הָאט אִים אוֹיף זַיין אֵייזִיל גִימַאכְט רַייטִין בִּיז עֶר הָאט אִים צוּ זַיין הוֹיז גִיבְּרַאכְט· אִין אַצַייט אַרוּם אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה מֵת גִיוָוארִין אוּנ מֶען הָאט דֶעם מֶענְטְשִׁין פַאר אַיין מֶלֶךְ אוֹיף גִינוּמֶען הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶועזֶען אוֹיף דִיא יוּדִין פוּן דֶער מְדִינָה מֶען זָאל זֵייא הַרְגֶען אוּנ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זָאל מֶען פַאנְגֶען פַאר דֶעם וָואס זֵייא הָאבִּין גִיזָאגְט דָאס גָאר זַיין אוּמָה זָאלִין זַיין נַאקֶעט אַזוֹי וויא עֶר· הָאבִּין דִיא יוּדִין גִיזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ דָאס עֶר זָאל גֵיין בֶּעטִין דֶעם מֶלֶךְ וֶועגִין זֵייא· הָאט עֶר גִיזָאגְט ווייסְט אִיר דֶען נִיט דָאס דֶער מֶלֶךְ טוּט נִיט אוּם זִיסְט אוּנ עֶר וֶועט וֶועלִין גֶעלְט פַאר דֶעם וָואס עֶר וֶועט דִיא גְזֵירָה מְבַטֵּל זַיין· אַזוֹ הָאבִּין זֵייא גִיגֶעבִּין צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר פִיר טוֹיזֶנְט רֶענְדְלִיךְ אוּנ עֶר אִיז צוּ דֶעם מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַאר דֶעם טוֹיעֶר אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא בַּאדִינֶער פוּן דֶעם מֶלֶךְ גֵייט אוּנ זָאגְט צוּ דֶעם מֶלֶךְ דָאס אַיין יְהוּדִי שְׁטֵייט בַּייא דֶעם טוֹיעֶר אוּנ עֶר בַּאגֶערְט דִיא פְרִיד פוּן דֶעם מֶלֶךְ· הָאבִּין זֵייא אַזוֹ גִיטָאן אוּנ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזָאגְט עֶר זָאל אַרַיין גֵיין· אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים דֶער זֶעהֶען הָאט עֶר זִיךְ אַיין וָוארְף גִיטָאן פוּן דֶעם שְׁטוּל צוּ דֶער עֶרְד אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר וָוארוּם הָאט זִיךְ מַיין הַאר מְצַעֵר גִיוֶועזֶען צוּ קוּמֶען אַהֶער· הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶלֶךְ אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען דָאס דוּא זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוֹיף דֶער

מדינה

בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת: ז רַבִּי צָדוֹק אוֹמֵר אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר וְאַל תַּעַשׂ עַצְמְךָ כְּעוֹרְכֵי הַדַּיָּנִין וְאַל תַּעֲשֶׂהָ עֲטָרָה לְהִתְגַּדֵּל בָּהּ וְלֹא קַרְדּוֹם לַחְפֹּר בָּהּ וְכָךְ הָיָה הִלֵּל אוֹמֵר וּדְאִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתָגָא חֲלָף

מעשה אבות

מדינה אונ זאלסט דיא גזירה מבטל זיין · האט דער מלך גיפרעגט צו רבי אלעזר אין אייער תורה שטייט דען איין זאך וואס עס איז ליגין האט רבי אלעזר גיזאגט צו אים חס ושלום דיא תורה איז איטיל אמת · האט דער מלך גיזאגט צו אים שטייט דען ניט אין דער תורה (לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה׳ על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים) דאס איז טייטש עס זאל ניט קומען פון דעם פאלק עמון אונ מואב אין דעם קהל פון גאט ווייל זייא האבין אייך ניט גיפעדערט מיט ברויט אונ וואסער · אונ נאך איין פסוק שטייט (לא תתעב אדומי כי אחיך הוא) דאס איז טייטש דוא זאלסט ניט אום ווירדיגין קיין מאן פון דעם פאלק אדום דען ער איז דיין ברודער · אונ איך קום דאך ארויס פון אייער ברודער עשו אונ איר האט מיט מיר קיין חסד ניט גיטאן ווען איך בין פון דעם ים ארויס אונ דער וואס איז עובר אויף דער תורה איז ער דאך חייב מיתה · האט רבי אלעזר גיזאגט צו דעם מלך האטשע זייא זיינען שולדיג צו דיר האב רחמנות אויף זייא · האט דער מלך גיזאגט צו אים ווייסטו דען ניט דאס דער מלך טוט ניט אום זיסטי האט רבי אלעזר גיזאגט איך האב בייא מיר פיר טויזינט רענדלך נעם זייא אונ האב רחמנות אויף דיא יודין · האט דער מלך גיזאגט דיא פיר טויזינט רענדלך שיינק איך דיר פאר דיא פיר רענדלך וואס דוא האסט מיר גיגעבין אונ דיא מדינה וועט ניצול ווערין פאר דעם עסין אונ טרינקען וואס דוא האסט מיר גיגעבין ואין לך אדם שאין לו מקום אונ עס איז ניט פאר האגדין אזאך וואס עס זאל אמאל ניט מקוים ווערין: רבי לויטס איש יבנה אומר רבי לויטס דער העד פון יבנה זאגט מאד מאד הוי שפל רוח זייער זייער זייא נידעריג אין דיין גימיט שתקות אנוש רמה דען דאס האפונג פון דעם מענטשין צו וואס ער וועט קומען איז עס וועט ווערין פון אים ווערים · רבי משה אלמושנינו שרייבט עס איז קשה וויא שיקט זיך דען זאגין דאס דער מענטש האפט עס זאל ווערין פון אים ווערים דען דאס לשון פון האפונג שיקט זיך נאר אויף אזו איין זאך וואס דער מענטש טוט האפין אונ באגערין דער צו · דער תירוץ איז דען דרום זאגט דער תנא (אנוש) אונ ווארום זאגט ער ניט (איש) אדער (אדם) צו ווייזין דאס ער שמועסט פון אזו איין מענטש וואס ער איז ניט גאנץ אין גאטס דינסט · דער ווערט אן גירופן אנוש · אונ דער וואס איז גאנץ אין גאטס דינסט דער ווערט אן גירופין איש אדער אדם · איז שוין היינט רעכט דיא משנה דען דער שטייגער איז פון דעם מענטש וואס איז ניט גאנץ אין גאטס דינסט ער זאל גילוסטין צו אזעלכע זאכין וואס דער גוף האט הנאה פון דעם אונ זייא זיינען מקצר דיא יארין אונ דאס לעבין פון דעם מענטשין אזו וויא דער תנא האט אויבין גיזאגט (מרבה בשר מרבה רמה) דער וואס

מערט

הָא לָמַדְתָּ כָּל הַנֶּהֱנֶה מִדִּבְרֵי תוֹרָה נוֹטֵל חַיָּיו מִן הָעוֹלָם: ח רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר כָּל הַמְכַבֵּד אֶת הַתּוֹרָה גּוּפוֹ מְכֻבָּד עַל הַבְּרִיּוֹת וְכָל הַמְחַלֵּל אֶת הַתּוֹרָה גּוּפוֹ מְחֻלָּל עַל הַבְּרִיּוֹת: ט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ אוֹמֵר הַחוֹשֵׂךְ

## מעשה אבות

מערט זיך פלייש דער מערט זיך ווערים · נוא ווערט דאך גיפונגען ווען ער האפט צו אזו איין זאך וואס עס איז גוט צום גוף האפט ער מיט זיין ווילין צו דיא ווערים · חאטשע ער מיינט ניט דיא ווערים · דרויף האט דער געטליכער תנא גיזאגט דאס דער מענטש זאל זיך פלייסין צו זיין נידעריג ביי זיך אונ ער זאל ניט געבין קיין מאכט צו דעם גוף דאס ער זאל זיך שטארקין אויף אים מיט זיין גרויסקייט · אונ דער טעם פון דער זאך פאר וואס איז ראוי מען זאל ניט געבין דעם גוף קיין מאכט צו שטארקין זיך אויף דער נשמה · דען דאס וואס דער גוף האפט אונ באגערט ווערט דאך פון דעם ווערים · אונ דער מיט וואס ער וועט גילוסטין צו דיא תאוות הגוף וועט ער גילוסטין זעלבסט צו ווערים: רבי יוחנן בן ברוקא אומר רבי יוחנן בן ברוקא זאגט כל המחלל שם שמים בסתר דער וואס פאר שוועכט דעם אויבערשטינס נאמען פאר בארגענער הייט · דאס הייסט ער האט אמונות רעות ביי זיך אין הארץ וואס קיינער ווייס ניט · אדער ער טוט איין עבירה בסתר נפרעין ממנו בגלוי וועט מען פון אים גיצאלט נעמען אנפלעקטער הייט אז מען זאל זעהען · חאטשע דורך דיא יסורים וואס ווערין קומען אויף אים וועט דאך זיין איין חילול השם · דען גאר דיא וועלט וועט זאגין עס איז גאר אום זיסט וואס מען דינט גאט · דען מיר זעהען דאך אין דעם מענטשין קיין שום שלעכטץ פון דעכט וועגין ווערט מען פארט גיצאלט פון אים איטליכער זאל זעהען ווארום אחד שוגג ואחד מזיד בחלול השם עס איז גלייך אום גערין אונ מיט גערין ביי א חילול השם · כלומר דער וואס וועט גרייזין אונ וועט זאגין דאס עס איז גאר אום זיסט צו דינען גאט וועט ער טראגין זיין זינד חאטשע ער האט גיטאן אום גערין דורך דעם וואס ער האט גיזעהען דאס דער ערליכער מענטש האט יסורים · דען אום גערין אונ מיט גערין זיינען גלייך ביי א חילול השם: רבי ישמעאל אומר רבי ישמעאל זאגט הלומד דער וואס קומט לערנען פון יענעם על מנת ללמד כדי ער זאל יענעם מאכין לערנען מיינט מען דען עס קען אמאל זיין דאס עס זאלין זיך גיפינען אלטע לייט וואס זיי האלטין זיך דאכ זיי זיינען דיא גרעסטע אין לערנען אבער דער אמת איז דאס זיי קענען ניט אזו אז זיי זאלין ראוי זיין צו לערנען מיט תלמידים · אונ עס קען אמאל זיין עס זאלין זיך גיפינען יונגע לייט וואס קענען גוט לערנען · דרויף זאגט דער תנא ווען דער יונגער וואס קען גוט לערנען וויל ער מאכין לערנען צו דיא אלטע לייט וואס האלטין זיך פאר חכמים נאר ער ווייס אבער דאס דיא אלטע וועלין ניט קומען צו אים זיי זאלין פון אים לערנען דען זיי האלטין זיך דאך דאס זיי זיינען ראוי צוא מאכין לערנען איטליכין קומט דער יונגער צוא זייא אונ מאכט זיך גלייך וויא ער גייט

עצמו מן הדין פורק ממנו איבה וגזל ושבועת שוא והגס לבו בהוראה שוטה רשע וגס רוח: י הוא היה אומר אל תהי דן יחידי שאין דן יחידי אלא אחד · ואל תאמר קבלו דעתי שהן רשאין ולא אתה: יא רבי

## מעשה אבות

לערנען פון זייא אבער זיין כוונה איז ער זאל זייא מזכה זיין מיט זיין חכמה אונ זאל זייא מאכין לערנען מספיקין בידו ללמוד גיט מען אים זיין גינוג ער זאל קענען לערנען דהיינו מען איז אים מגלה אלע זאכין פון דער תורה וללמד אונ מען גיט אים זיין באדערפעניש ער זאל קענען יענעם מאכין לערנען והלומד אונ דער וואס קומט לערנען פון יענעם על מנת לעשות כדי ער זאל זיך אפ לערנען פון זיין חבר גוטע מעשים מיינט מען דען עם קען זיין איין מענטש וואס ער איז איין צדיק אונ האט גוטע מעשים וואס עם איז זיין גלייכין ניט פאר האנדין אבער לערנען קען ער ווייניג אונ דער מענטש וואס קען יוא לערנען גייט ער צו אים לערנען אונ מאכט זיך גלייך וויא ער וויל פון אים לערנען אונ נאר זיין כוונה איז כדי ער זאל זיך אפ לערנען פון זיינע גוטע מעשים אונ זיין פרומקייט ער זאל זיך איין מוסר נעמען פון אים מספיקין בידו באנוגינט מען אין זיינע הענד ללמוד ער זאל אליין קענען גוט לערנען וללמד אונ צוא מאכין לערנען · דאס דער צדיק וואס ער האט פון זיינע מעשים אפ גילערינט וועט ער דורך דעם וואס ער איז גיקומען צו אים לערנען · באקומען דחכמת התורה · לשמור צו היטן ניט צו טאן קיין לא תעשה ולעשות אונ צו טאן מצות עשה · רבי צדוק אומר רבי צדוק זאגט ואל תעשה עטרה להתגדל בה דוא זאלסט ניט מאכין דיא תורה פאר איין קרוין דאס דוא זאלסט זיך מיט איר גרוים האלטין כלומר דוא זאלסט ניט לויבין דיא תורה פאר לייטין צוא זאגין דאס דיא תורה איז איין קרוין אונ דיין כוונה וועט זיין דוא זאלסט זיך דער מיט גרוים האלטין דען דוא האסט זוכה גיוועזן צוא דער גרויסער קרוין · דען נאט ב"ה ווייס דיין מחשבה ולא קרדום לחתוך בה אונ זאלסט ניט מאכין דיא תורה גלייך אז איין האק צו שניידין מיט איר כלומר ווען אמענטש האט דיך גילעסטערט זאלסטו אים ניט שילטין צוא זאגין אז דעם זכות פון דיין תורה וועט ער דורך דיין קללה פאר שניטין ווערין פון דער וועלט דען דער מיט מאכסטו דאך דיא תורה גלייך וויא איין האק צוא האקין מיט איר וכך היה הלל אומר אונ אזוא פלעגט הלל אויך צוא זאגין ודאשתמש בתגא חלף וועד עס ניצש מיט דער קרוין מיינט מען דיא תורה · האט ער פאר ביטין דיא וועלט פאר יענע וועלט הא למדת פון דאנען לערינט מען אפ כל הנהנה מדברי תורה וועד עס האט הנאה פון דברי תורה אויף דער וועלט נוטל חייו מן העולם נעמט ער דאס אייביג לעבן וואס ער האט גיזאלט האבין לעולם הבא פון דער וועלט:

רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט כל המכבד את התורה וועד עס האלט ערליך דיא תורה גופו מכובד על הבריות איז ער אויך גיערליכט בייא לייט · דער ר"י בן שושן שרייבט דאס מען מיינט דער מענטש זאל וויסין דאס גרוים טייערקייט פון דער

תורה

יוֹנָתָן אוֹמֵר כָּל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעוֹשֶׁר וְכָל הַמְבַטֵּל אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹשֶׁר סוֹפוֹ לְבַטְּלָהּ מֵעוֹנִי: יב רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר הֱוֵי מְמַעֵט בְּעֵסֶק וַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה וֶהֱוֵי שְׁפַל רוּחַ בִּפְנֵי כָל אָדָם וְאִם

## מעשה אבות

תּוֹרָה אוּנ אִיר גְרוֹים שֵׁיינְקַייט אוּנ זָאל זַיין גִיהִיט אִין אִיר כָּבוֹד אוּנ אִין דֶעם כָּבוֹד פוּן אִירֶע חֲכָמִים · אוּנ אִין דֶעם כָּבוֹד פוּן אִירֶע סְפָרִים · אִיר כָּבוֹד מֵיינְט מֶען דָאס זַיין לַייבּ אוּנ זַיינֶע הֶענְט אוּנ דִיא קְלֵיידֶער זָאלִין זַיין רֵיין בְּשַׁעַת עֶר לֶערִינְט אוּנ אִין דֶער צַייט וָואס עֶר לֶערִינְט זָאל עֶר לֶערְנֶען מִיט פָּארְכְט אוּנ מִיט צִיטֶערְנֶעשׁ אוּנ אַיי עֶר דֶער מָאנְט דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט זָאל אִין אִים צִיטֶערִין גָאר זַיין לַייבּ · דֶעם כָּבוֹד פוּן אִירֶע חֲכָמִים דָאס מֵיינְט דֶען עֶר זָאל גְרוֹיס כָּבוֹד גֶעבִּין צוּא דִיא חַכְמֵי הַתּוֹרָה אוּנ זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר זֵייא אַזוֹא וִויא פַאר גָאט · דֶעם כָּבוֹד פוּן אִירֶע סְפָרִים מֵיינְט מֶען עֶר זָאל זֵייא מַאכִין שֵׁיין אוּנ זָאל זֵייא הַאלְטִין אִין דֶעם שֶׁענְסְטִין אָרְט פוּן זַיין הוֹיז אוּנ אַז עֶר טְרָאגְט זֵייא זָאל עֶר זֵייא נִיט טְרָאגִין אַזוֹא וִויא אַנְדֶערֶע זַאכִין · נַייעֶרְט מִיט כָּבוֹד גְלַייךְ אַז דֶער וָואס טְרָאגְט דִי כֵּלִים פוּן דֶעם מֶלֶךְ אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען אַיין מַעֲשֶׂה דָאס אַיין חָכָם הָאט צַוָואָה גִילָאזְט זַיין זוּן עֶר זָאל נִיט פִיל הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ עֶס זָאל בַּייא אִים נִיט אִיבֶּער גֵיין קֵיין דְרַייסִיג טֶעג אָן אַיין תַּעֲנִית · אוּנ אַז דֶער חָכָם אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין דָאס מֶען הָאט אִים אוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן זַיין קֶבֶר אוּנ מֶען הָאט אִים גִישְׁלָאגִין · הָאבִּין דִיא לַייט פוּן דֶער שְׁטָאט גְרוֹיס צַעַר גִיהַאט דָאס אַזוֹא אַיין חָכָם זָאל הָאבִּין אַזוֹא אַיין בִּזָיוֹן · אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּא אֵיינֶעם בַּחֲלוֹם אוּנ הָאט גִיזָאגְט דָאס אִיז מִיר גִיקוּמֶען וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען צוּא רִיסֶנֶע סְפָרִים הָאבּ אִיךְ זֵייא נִיט צוּא נוֹיף גִיבּוּנְדִין אִין אֵיינֶעם · וכל המחלל את התורה אוּנ וֶוער עֶס פַאר שְׁוֶועכְט דִיא תּוֹרָה גופו מחולל על הבריות אִיז עֶר אוֹיךְ מְבוּזֶה בַּייא דִיא לַייט:

רבי ישמעאל בנו אומר זַיין זוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט החושך עצמו מן הדין וֶוער עֶס פַאר מַיידֶעט זִיךְ פוּן צוּ גֵיין זִיךְ לָאדִין מִיט זַיין חַבֵר דְהַיְינוּ עֶר זֶעהֶעט אַלַיין צוּ עֶר אִיז גִירֶעכְט אָדֶער זַיין חַבֵר אוּנ וֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶר אִיז אוּם גִירֶעכְט בַּאצָאלְט עֶר אַלַיין וָואשׁ עֶר אִיז שׁוּלְדִיג צוּ זַיין חַבֵר פורק ממנו וַוארְפְט עֶר פוּן זִיךְ אַרָאפּ איבה פַיינְדְשַׁאפְט וגזל אוּנ גְזֵלָה ושבועת שוא פַאלְשׁ שְׁוֶוערִין דֶען עֶר מַאכְט זִיךְ אַלַיין שׁוּלְדִיג אוּנ גִיט אָפּ דֶעם חַבֵר וָואס עֶס קוּמְט פוּן אִים אַזוֹא הָאט עֶר אוֹיף אִים קֵיין שִׂנְאָה נִיט אוּנ עֶר וֶוערְט נִיצוֹל פוּן צוּא גַזְלֶענֶען בַּייא יֶענֶעם · אוֹיךְ וֶועט עֶר נִיט דַארְפִין שְׁוֶוערִין פַאלְשׁ והגס לבו בהוראה אוּנ דֶער וָואס מַאכְט גְרוֹיס זַיין הַארְץ אִין פַּסְקֶענֶען כְּלוֹמַר עֶר זָאגְט אִיךְ וַוייס אַלַיין אוֹיךְ דֶעם דִין דָאס אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אוּנ אִיךְ וַוייש דֶעם דִין גְלַייךְ מִיט דִי דַיָּינִים שוטה אִיז עֶר אַיין נַאר דֶען עֶר וַוייס דֶעם דִין נִיט רשע אוּנ אִיז אַיין רָשָׁע דֶען עֶר וִויל דָאךְ גַזְלֶענֶען דֶעם חַבֵר וגס רוח אוּנ אַיין בַּעַל גַאֲוָה עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס גְלַייךְ וִויא אַיין דַיָּין: הוא היה אומר עֶר פְלֶעגְט זָאגִין אל תהי דן יחידי דוּ זָאלְסְט נִיט מִשְׁפָּטִן אֵיינֶעם אליין

בטלת מן התורה יש לך בטלים הרבה כנגדך ואם עמלת בתורה יש לו שכר הרבה לתן לך: יג רבי אליעזר בן יעקב אומר העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד והעובר עבירה אחת קונה לו קטגור אחד תשובה ומעשים טובים כתרים בפני הפורענות: יד רבי יוחנן הסנדלר אומר כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקים ושאינה לשם שמים אין סופה להתקים: טו רבי אלעזר בן שמוע אומר יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך וכבוד חברך כמורא רבך ומורא רבך כמורא שמים: טז רבי יהודה אומר הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה

## מעשה אבות

אליין ווען איינער קומט צוא דיר דער ציילין זיינע טענות שאין דן יחידי אלא אחד עם משפט גיט איינער אליין נאר דער וואס איז איינער אויף אלע וועלטין אונ ער גיט אמשפט ווען איינער אליין קומט פאר אים קלאגין זיך אויף איינעם וואס האט אים שלעכטין גיטאן · אדער אזו איז דער פשט אל תהי דן יחידי דו זאלסט ניט האלטין דאס דוא משפטשט אליין אונ קיינער וועהט ניט שאין דן יחידי אלא אחד דען עם משפט ניט אליין איינער נאר נאט אבער דוא גיהערשט צוא ווישין דאס גאט ב"ה שטייט לעבין דיר צוא וועהען אויב דוא וועסט דעם דין רעכט פסקנן: רבי יונתן אומר רבי יונתן זאגט כל המקיים את התורה מעוני ווער עס דער האלט דיא תורה תאמשע ער איז איין ארומאן סופו לקיימה מעושר וועט זיין סוף זיין דאס ער וועט ווערין איין עושר אונ ווינט בהרווחה מקיים זיין · אדער אזו איז דער פשט דער וואס האלט די תורה אין ארומקייט בעולם הזה וועט זיין סוף זיין דאס בעולם הבא וועט ער זוכה זיין צו לערנען זיא מיט גרוים עשירות דען דיא צדיקים זיינן דארט אלע רייך זייא האבן פילי שכר אויף זייערע מעשים טובים וואס זייא האבין גיטאן וכל המבטל את התורה מעושר אונ דער וואס איז מבטל די תורה אז ער איז איין עושר סופו לבטלה מעוני וועט זיין סוף זיין דאס ער וועט מבטל זיין דיא תורה מחמת גרוים ארומקייט · רבי מאיר אומר רבי מאיר זאגט הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה מאך וויניג דיין מידיקייט אונ לערין תורה · דען די טרחה פון האנדיל איז זייער שווער אונ עס דארף האבין פיל יגיעה פארין פון איין שטאט אין דער אנדערע · אונ בייא טאג ברענט דיא היץ אונ בייא נאכט שטארקט זיך דיא קעלט אבער דער וואס לערינט זיצט ער בבית אין זיין הויז גאר אן מיא והוי שפל רוח בפני כל אדם פון דעסט

זָדוֹן: יז רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר שְׁלשָׁה כְתָרִים הֵן כֶּתֶר תּוֹרָה וְכֶתֶר כְּהֻנָּה וְכֶתֶר מַלְכוּת וְכֶתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלֶה עַל גַּבֵּיהֶן: יח רַבִּי נְהוֹרָאִי אוֹמֵר הֱוֵי גוֹלֶה לִמְקוֹם תּוֹרָה וְאַל תֹּאמַר שֶׁהִיא תָבוֹא אַחֲרֶיךָ שֶׁחֲבֵרֶיךָ יְקַיְּמוּהָ

מעשה אבות

ווענֶן זאלסטו דיך ניט גרוים האלטין אנטקעגן דיא וואס מירין זיך צו האנדיל שאפט נייערט דיין דעה זאל זיין נידעריג אנקעגן איטליכן מענטשין · דער אברבנאל שרייבט דאס דער תנא גיט איין עצה אויף דעם וואס ער האט פריער גיזאגט מען זאל ווייניג האנדלען אונ מען זאל בעסער עוסק זיין בתורה · דרויף זאגט דער תנא דאס מען קען אנדערש ניט קומען דער צוא נייערט ווען ער ווערט זיך נידעריג האלטין ווערט ער ניט גילוסטין צוא מערין געלט · דען דער רוב האנדיל שאפט פון דעם מענטשין איז דאך נאר וועגין צוא מערין זיין כבוד אם בטלת מן התורה ווען דוא האשטו אום מישנע מבטל גיוועזן פון צוא לערנען תורה יש לך בטלים הרבה כנגדך איז פאר דאנדרין פיל מלאכי חבלה וואס זייא זיצין בטל אונ האפין ווען דוא וועסט שטארבין וועלין זייא ארוים גיין אנקעגין דיר ואם עמלת בתורה אונ אז דוא האסט זיך פיל גימיט אין דר תורה יש לו שכר הרבה ליתן לך איז פר האנדין פון דיינט וועגין פיל שכר צו געבין דיר:

רבי אליעזר בן יעקב אומר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זאגט העושה מצוה אחת דער וואס טוט איין מצוה קונה לו פרקליט אחד קויפט ער צוא זיך איין פיר שפרעכער ער זאל פאר אים תמיד דער מאנען דעם זכות פון דער מצוה והעובר עבירה אחת דער וואס טוט איין עבירה קונה לו קטגור אחד קויפט ער זיך איין קריגער וואס ער דער מאנט תמיד דיא עבירה תשובה ווידער קערין זיך צוא גאט חרטה האבין באמת אויף זיינע שלעכטע מעשים אונ זאל זיי שוין מער ניט טאן ומעשים טובים אונ טאן מצות כתרים כפני הפורענות זיינען גלייך וויא איין פאנצער וואש דיא מלחמה לייט טוען אן עש זאל ניט צו שטיין צוא זייער לייב קיין פייל אזו איז דאס אויך איין שיצונג אויף דעם מענטש עס זאל אויף אים ניט קומן קיין פורעניות אונ דרום גלייכט דער תנא תשובה ומעשים צו איין פאנציר · דען אזו וויא איין פאנציר קען זיין ער זאל אמאל ניט מציל זיין דעם מענטשין פון דער פייל ווייל ער האט דאך ניט גיוואוסט פריער ער זאל טאן דעם פאנצער אויף דעם ארט וואס דיא פייל וועט אים טרעפין אזו אויך גיהער דער מענטש נאך צו זוכין אין זיינע מעשים אונ זאל תשובה טאן מיט דעם זעלבינן וואש ער האט גיזינדיגט אויב ער האט גיזינדיגט מיט דיא הענט זאל ער טאן מעשים טובים מיט דיא הענט אונ אויב מיט דיא פיס זאל ער טאן מעשים טובים מיט דיא פיס · דען דענמאלט וועט זיין דער פאנציר דאס מיינט מען דיא תשובה אויף דעם ארט וואס דיא פייל כלומר דיא עונות האבין גיטראפין: רבי יוחנן הסנדלר אומר רַבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר זאגט כל כנסית שהיא לשם שמים אזו איין זאמלונג וואס עס איז פון גאטש וועגן סופה להתקיים איז דר סוף דאס זייער איין זאמלונג וועט האבין אקיום וכל כנסיה שאינה לשם שמים אונ אזו איין איין זאמלונג וואש עס איז ניט לשם שמים וועט דער סוף זיין אז עס וועט קיין קיום ניט האבין:

בְּיָדֶךָ וְאַל בִּינָתְךָ אַל תִּשָּׁעֵן׃ יט רַבִּי יַנַּאי אוֹמֵר אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים׃ כ רַבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ אוֹמֵר הֱוֵי

מעשה אבות

רבי אלעזר בן שמוע אומר רבי אלעזר בן שמוע זאגט יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך עס זאל זיין דער כבוד פון דיין תלמיד אויף דיר גיליבט אזוא וויא דיין כבוד וכבוד חברך כמורא רבך אונ דער כבוד פון דיין חבר זאל זיין גלייך אזו וויא דער כבוד וואס דוא טוסט צוא דיין רבי מחמת מורא ומורא רבך כמורא שמים אונ די מורא פון דיין רבי אזו וויא מען האט מורא פר גאט׃ רבי יהודה אומר רבי יהודה זאגט הוי זהיר בתלמוד זאלסט זיין גיווארינט אין לערנען דוא זאלסט עס גיט פאר געסין ששגגת תלמוד עולה זדון דען דאס וואס דו ווערסט זיך טועה זיין דורך דעם וואס דו ווערסט פר געסין וועט מיט ברייגגן דוא זאלסט נאך דעם טאן אום מישנע׃ דען איין עבירה ברייגגט צו דר אנדער עבירה׃

רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט שלשה כתרים הם דרייא קרוינען זיינען פאר האנדין כתר תורה דיא קרוין פון דער תורה כתר כהונה דיא קרוין פון כהונה וכתר מלכות אונ די קרוין פון מלוכה וכתר שם טוב אבער דיא קרוין וואס מען האט א גוטין שם עולה על גביהן איז גרעסער פון זייא׃

רבי נהוראי אומר רבי נהוראי זאגט הוי גולה למקום תורה דוא זאלסט ווערין פאר טריבין צו דעם ארט וואס מען לערינט תורה׃ רבי משה אלמושנינו שרייבט דרום זאגט ער ניט (למקום חכמים) צו אזו איין ארט וואס איז אין דעם פאר האנדין חכמים צוא ווייזין דאס ער מיינט אזו איין ארט וואס דער עיקר פון זייער עסק איז צוא לערנען תורה דען ווען ער וועט קומען זיך באזעצין אויף זויא איין ארט וועט ער זאויך קענען עוסק בתורה זיין ווייל ער וועט זעהן דאס די לייט פון דעם ארט איז גאר זייער באגער אונ זייער ווילין צוא לערנען תורה׃ אונ דאס איז דער בעסטער תכלית צום לערנען דען ווייל דער מענטש איז דאך בטבע צו נאך גיין נאך דיא תאוות פון דער וועלט אונ זאל אנטלויפין פון דער זאך וואס מאכט גאנץ זיין נשמה דרום ווען ער וויל אונטער טעניג מאכין זיין פאר שטאפט הארץ אונ וויל לערנען תורה גיהער ער פאר טריבין צוא ווערין צוא אזו איין ארט וואס דער עיקר זייער עסק איז נאר דאס לערנען׃ דען ווען ער וועט קומען אין אזו איין שטאט וואס עס איז דארט פאר האנדין נאר עטליכע תלמידי חכמים אונ דיא איבעריגע לייט לערנען גיט וועט ער ניוויס ניט גיין זוכין די תלמידי חכמים צוא לערנען מיט זייא ווען ער וועט זעהען דאס אלע לייט זוכין נאך געלט אונ די טבע פון דעם מענטשין איז דאך ער זאל דער צוא גילוסטין דרום האט דער תנא איין עצה גיגעבין דאס ער זאל בעסער פאר טריבין ווערין צוא אזוא איין ארט וואס אלע לייט זיינען נאר עוסק אין דער תורה׃ ואל תאמר שהיא תבוא אחריך אונ דוא זאלסט זיך ניט טראכטין דאס האטשע דיין טבע נייגט צו אנטלויפן פון דער תורה נאר ווייל דיין נשמה טוט גילושטין צו איר וועט זיא קומן נאך דיר אונ רוא ווענגט בוודאי נאך זוכין נאך דיא עטליכע חכמים אפילו אויף אזו איין ארט וואס דיא לייט פון דער

שטאט

מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לַשֻּׁעָלִים :

כא רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא

## מעשה אבות

שְׁטָאט זַיינֶען נִיט עוֹסֵק אִין דֶער תּוֹרָה · שחבריך יקיימוה בידך אוּנ אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִיט זָאגִין אַז דַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלִין דֶער הַאלְטִין דִיא תּוֹרָה אִין דַיינֶע הֶענְט נַייעֶרְט וֶוען דוּא וֶועסְט אַלֵיין נִיט מַאכִין אַז דִיא תּוֹרָה זָאל בַּייא דִיר דֶער הַאלְטִין וֶוערִין וֶועסְטוּ זִיא שָׁאדִין הָאבִּן ואל בינתך אל תשען אוּנ זָאלְסְט דִיךְ נִיט פַר לָאזִין אוֹיף דַיין פַר שְׁטַנְדִיקַייט :

רבי ינאי אומר רַבִּי יַנַאי זָאגְט אִין בידינו מִיר הָאבִּין נִיט אִיבֶּער צוּ טְרַאכְטִין אוֹיף דֶעם גַאנְג פוּן גָאט ב"ה משלות הרשעים וָואס עֶר גִיט צוּא דִיא רְשָׁעִים שַׁלְוָה וָוארוּם מֶען בַּאצָאלְט זַייא דֶעם שְׂכַר פוּן זַייעֶרֶע זְכִיּוֹת וָואס זַייא טוּעֶן עֶפִּיס אוֹיף דֶער וֶועלְט כְּדֵי מֶען זָאל זַייא פַאר טִילִיגִין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט ואף לא מיסורי הצדיקים אוּנ אוֹיךְ הָאבִּין מִיר נִיט צוּ אִיבֶּער טְרַאכְטִין וָואס עֶר גִיט צוּ דִי צַדִּיקִים יִסּוּרִים · דֶען מֶען בַּאצָאלְט זַייא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיף דִיא עֲבֵירוֹת וָואס זַייא הָאבִּין עֶפִּיס גִיטָאן אוֹיף דֶר וֶועלְט כְּדֵי זַייא זָאלִין פִיל שְׂכַר הָאבִּין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט :

רבי מתיא בן חרש אומר רַבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ זָאגְט הוי מקדים בשלום כל אדם דוּא זָאלְסְט פֶעדֶערִין צוּא פְרֶעגִין שָׁלוֹם אִיטְלִיכִין מֶענְטְשִׁין והוי זנב לאריות אוּנ זַייא אַיין עֶק צוּא לַייבִּין דָאס מֵיינְט מֶען צוּא גְרֶעסֶערֶע פוּן דִיר זָאלְסְטוּ זַיין אוּנְטֶער זַייא ואל תהי ראש לשועלים אוּנ זָאלְסְט נִיט זַיין קֵיין עֶלְצְטֶער צוּא פוּקְסִין דָאס מֵיינְט מֶען צוּא נִידֶערִיגֶע פוּן דִיר :

רבי יעקב אומר רַבִּי יַעֲקֹב זָאגְט העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא דִיא וֶועלְט אִיז גְלַייךְ וִויא אַיין פִיר הוֹיז פַאר יֶענֶע וֶועלְט התקן עצמך בפרוזדור גְרֵייט דִיךְ אָן אִין פִיר הוֹיז מִיט תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים כדי שתכנס לטרקלין כְּדֵי דוּא זָאלְסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַיץ אַרַיין מֵיינְט מֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט יפה שעה אחת עֶס אִיז בֶּעסֶר אֵיין שָׁעָה בתשובה ומעשים טובים וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּנ גוּטֶע מַעֲשִׂים בעולם הזה אוֹיף דֶער וֶועלְט מכל חיי העולם הבא פוּן גָאר דָאס לֶעבִּין עוֹלָם הַבָּא ויפה שעה אחת אוּנ עֶס אִיז ווידֶער בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה דֶער תַּעֲנוּג אוּנ הֲנָאָה וָואס מֶען הָאט אֵיין שָׁעָה בְּעוֹלָם הַבָּא מכל חיי העולם הזה פוּן גָאר דִי תַּעֲנוּגִים וָואס מֶען הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט :

רבי שמעון בן אלעזר אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט אל תרצה את חברך בשעת כעסו דוּא זָאלְסְט נִיט אִיבֶּער בֶּעטִין דַיין חָבֵר וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אִין כַּעַס דֶען עֶר וֶועטוּ נָאךְ מֶער אִין כַּעַס אַרַיין קוּמֶען נַייעֶרְט דוּא זָאלְסְט וַוארְטִין בִּיז וַואנֶען דֶער כַּעַס וֶועט אִים אָפּ גֵיין ואל תנחמהו בשעה שמתו מוטל לפניו אוּנ זָאלְסְט אִים נִיט טְרֵייסְטִין אִין דֶער צֵייט וֶוען דֶער מֵת לִיגְט נָאךְ פַאר אִים · ואל תשאל לו בשעת נדרו אוּנ זָאלְסְט אִים נִיט פְרֶעגִין אוֹיף אַיין פֶּתַח הֲרָטָה בְּשַׁעַת עֶר טוּט דֶעם נֶדֶר דֶען עֶר וֶועט דֶעמָאלְט זָאגִין אִיךְ טוּא אוֹיף אַלְץ אַנֶדֶר · ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו אוּנ זָאלְסְט דִיךְ נִיט פְלַייסִין צוּ זֶעהֶען דַיין חָבֵר וֶוען עֶר הָאט גִיטָאן וָואס נִיט רֶעכְט אִיז דֶען עֶר וֶועט מְבוּיָשׁ וֶוערִין

שמואל

# הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין: כג הוּא הָיָה אוֹמֵר יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא

### מעשה אבות

שמואל הקטן אומר שְׁמוּאֵל הַקָּטָן פְלֶעגְט תָּמִיד זָאגִין דֶעם פָּסוּק בנפול אויבך אל תשמח אַז דַיין פַיינְט פַאלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט פְרֵייעֶן ובכשלו אל יגל לבך און אַז עֶר וֶוערְט גִישְׁטְרוֹיכְלְט זָאל דַיין הַארְץ נִיט לוּסְטִיג זַיין פן יראה ה׳ טָאמֶער אַז השי״ת וֶועט זֶעהְן אַז דוּא פְרֵייעְסְט זִיךְ ורע בעיניו און עֶס וֶועט אִים אִיבֶּל גִיפֶעלִין אִין זַיינֶע אוֹיגִין והשיב מעליו אפו און וֶועט פוּן אִים אַוֶועק קֶערִין זַיין צָארִין

אלישע בן אבויה אומר אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה זָאגְט הלומד ילד דֶער וָואס לֶערִינְט יוּנְגֶער הֵייט למה הוא דומה צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לדיו כתובה על נייר חדש צוּא אַטִינְט וָואס עֶס אִיז גִישְׁרִיבִּין אוֹיף נַייא פַּאפִּיר וָואס עֶס אִיז נָאךְ נִיט גִישְׁרִיבִּין גִיוָוארִין דְרוֹיף קֶען מֶען דָאךְ דָאס כְּתָב גִישְׁווינְד לֵייעֶנְען אַזוֹא אוֹיךְ דֶער וָואס לֶערִינְט יוּנְגֶער הֵייט וֶועט עֶר גְרֵייכִין צוּא פַאר שְׁטֵיין אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט אִין זַיין יוּגִינְט והלומד זקן למה הוא דומה און וֶוער עֶס הוֹיבְּט אָן צוּא לֶערְנֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לדיו כתובה על נייר מחוק צוּא אַטִינְט וָואס אִיז גִישְׁרִיבִּין אוֹיף אַזוֹא אַיין פַּאפִּיר וָואס עֶס אִיז דְרוֹיף שׁוֹין גִיוֶועזְן גִישְׁרִיבִּין נַייעֶרְט מֶען הָאט עֶס אוֹיס גִימֶעקְט און מֶען הָאט ווידֶער עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ גִישְׁרִיבִּין וֶוערְט רָאךְ דָאשׁ כְּתָב נִיט גוּט בַּאהֶעפְט אַזוֹ אוֹיךְ דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן צוּא לֶערְנֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶוערְט דָאס לֶערְנֶען צוּא אִים נִיט בַּאהֶעפְט און עֶר פַאר גֶעסְט עֶס:

רבי יוסי ברבי יהודה איש כפר הבבלי אומר רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה דֶר הַאר פוּן דֶעם דָארְף בָּבֶל זָאגְט הלומד מן הקטנים דֶער וָואשׁ לֶערִינְט תּוֹרָה פוּן יוּנְגֶע לַייט לנוה הוא דומה צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לאוכל ענבים קהות צוּא דֶעם וָואס עֶסְט אַיילִיקֶע וַויין טְרוֹיבִּין ושותה יין מגתו און נָאךְ דֶעם טְרִינְקְט עֶר וַויין פוּן זַיין קֶעלְטֶער דָאס דִי צְוֵייא קֶענֶען נִיט זַיין בֵּיידֶע בַּאנַאנְד אִין מָאגִין דֶען דִיא וַויין טְרוֹיבִּין זַיינֶען אַיילִיק און דֶער וַויין פוּן דֶעם קֶעלְטֶער אִיז זִיס און עֶר מוּז עֶס אוֹיס מַייקֶענֶען אַזוֹ אוֹיךְ דֶער וָואס לֶערִינְט פוּן יוּנְגֶע לַייט וֶועט גָאר דָאשׁ לֶערְנֶען בַּייא אִים קַיין קִיוּם נִיט הָאבִּין והלומד מן הזקנים אָבֶּער וֶוער עֶס לֶערִינְט תּוֹרָה פוּן אַלְטֶע לַייט למה הוא דומה צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לאוכל ענבים בשולות צוּא דֶעם וָואס עֶסְט צַייטִיגֶע וַויין טְרוֹיבִּין ושותה יין ישן און נָאךְ דֶעם טְרִינְקְט עֶר אַלְטִין וַויין אִיז עֶס דָאךְ גוּט צוּם גוּף אַזוֹ אוֹיךְ דֶער וָואס לֶערִינְט פוּן אַלְטֶע הָאט דִיא תּוֹרָה בַּייא אִים אַקִיוּם:

רבי אומר רַבִּי זָאגְט אל תסתכל בקנקן דוּא זָאלְסְט נִיט קוּקִין אוֹיף דֶעם וָואס פַאר אַיין קְרִיגִיל דָאס אִיז אלא במה שיש בו נָאר זָאלְסְט קוּקִין וָואס אִינְוֵוייניג אִיז דָא יש קנקן חדש מלא ישן דֶען עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַיין נַייעֶר קְרוּג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט אַלְטֶע וַויין וישן שאפילו חדש אין בו און עֶס אִיז פַארַאן אַיין אַלְטֶער קְרוּג וָואס נָם אִיז אִין אִים נִיט דָא אֲפִילוּ קַיין נַייעֶר וַויין אַזוֹ אוֹיךְ אִיז פַאר הַאנְדִין אַיוּנְגֶער מַאן וָואס קָאן

בעסער

וְיָפָה שָׁעָה אַחַת שֶׁל קוֹרַת רוּחַ בָּעוֹלָם הַבָּא מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה: כג רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר אַל תְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרְךָ בִּשְׁעַת כַּעְסוֹ וְאַל תְּנַחֲמֵהוּ בְּשָׁעָה שֶׁמֵּתוֹ מֻטָּל לְפָנָיו וְאַל תִּשְׁאַל לוֹ בִּשְׁעַת נִדְרוֹ וְאַל תִּשְׁתַּדֵּל לִרְאוֹתוֹ בִּשְׁעַת קַלְקָלָתוֹ: כד שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹמֵר בִּנְפוֹל

מעשה אבות

בֶּעסֶער פון אַיין אַלְמָן · נָאךְ אַיין פְּשַׁט איז וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ איז דָאךְ צוּא גוּיף גִישְׁטֶעלְט פוּן אַיין גוּף מִיט אַיין נְשָׁמָה וָואס זֵייא זַיינֶען דֶער ווירֶער אֵיינְשׁ דֶעם אַנְדֶערְן · דִיא נְשָׁמָה גִילוּסְט צוּא תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ דֶער גוּף גִילוּסְט צוּא תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה אוּנ וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין איז זֵייעֶר שְׁטַארְק דְרוּם יָאגְט עֶר נָאךְ טָאג אוּנ נַאכְט נָאךְ דִיא תַּעֲנוּגִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה · דְרוּיף קוּמְט דֶער תַּנָּא אָן צוּא זָאגִין דֶעם מֶענְטְשִׁין (אל תסתכל בקנקן) זָאלְשְׁט נִיט קוּקִין אוֹיף דֶער עֶרְדֶענֶע קְרוּג דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיף דֶעם גוּף וָואס עֶר איז גְלַייךְ וִויא אַיין עֶרְדֶענֶע קְרוּג וָואס וֶוערְט גִימַאכְט פוּן לֵיים · דֶען דֶער גוּף איז דָאךְ אוֹיךְ גִינוּמֶען גִיוָוארִין פוּן עֶרְד · זָאלְשְׁטוּ נִיט קוּקִין אוֹיף אִים צוּא גֶעבִּין אִים דִיא תַּעֲנוּגִים פוּן דֶר וֶועלְט אוּנ זָאלְסְט גָאר נִיט טָאן דַיינֶע אוֹיגִין אוֹיף אִים גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז נִיט דָא (אלא במה שיש בו) נָאר דוּא זָאלְשְׁט קוּקִין צוּא דֶעם וָואס איז פַאר הַאנְדִין אִין גוּף דָאס מֵיינְט מֶען דִיא נְשָׁמָה אוּנ דֶער פִּיל אִיד גִילוּשְׁטוּנְג אוּנ אִיר ווילִין אוּנ אַלֶע צַייט זָאלְשְׁטוּ קוּקִין צוּא גוּטְשׁ טָאן מִיט אִיר:

רבי אלעזר הקפר אומר רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר זָאגְט הקנאה דָאס וָואס מֶען איז מְקַנֵּא והתאות אוּנ דָאס וָואס מֶען גִילוּשְׁט והכבוד אוּנ דָאס וָואס מֶען וִויל הָאבִּין כָּבוֹד מוציאין את האדם מן העולם צִיעֶן אוֹיס דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער וֶועלְט · קִנְאָה הֵיישְׁט עֶר איז מְקַנֵּא אַיעֶלְכִין וָואס הָאט מֶער עֲשִׁירוּת פוּן אִים · דִיא קִנְאָה קֶען קַיין מָאל נִיט בָּטֵל וֶוערִין פוּן אִים דֶען וֶוען אֲפִילוּ עֶר וֶועט רַייךְ וֶוערִין אַזוֹ וִויא דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אִים מְקַנֵּא גִיוֶועזְן · וֶועט עֶר אִיצוּנְד קוּמֶען צוּא מְקַנֵּא זַיין אַיין אַנְדֶער מֶענְטְשִׁין וָואס איז רַייכֶער פוּן אִים נוּא וֶועט דָאךְ תָּמִיד זַיין הַארְץ צוּא גֵיין אִין אִים אַזוֹ וִויא וַואסֶר מַחֲמַת דֶער קִנְאָה אוּנ דָאס וֶועט אוֹיף אִים בְּרֵיינְגֶען פִיל שְׁלַאפְקַייט בִּיז עֶס וֶועט אִים אוֹיס צִיעֶן פוּן דֶער וֶועלְט · תַּאֲוָה הֵייסְט עֶר איז נִיט מְקַנֵּא צוּ קַיינֶעם אוּנ עֶר ווִיל אַז אַלֶע זָאלִן זַיין עֲשִׁירִים נַייעֶרְט עֶר גִילוּסְט עֶר זָאל הָאבִּן זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד גָאר אָן אַיין גִיזֶעץ אוּנ וַוייל עֶר קֶען דָאךְ נִיט גְרֵייכִין צוּא אַזוֹא אַיין שִׁיעוּר וָואס עֶר זָאל שׁוֹין מֶער נִיט גִילוּסְטִין דֶען דֶער וָואס הָאט לִיבּ גֶעלְט קֶען עֶר נִיט זַאט וֶוערִין מִיט גֶעלְט אוּנ וִויפִיל עֶר הָאט וִויל עֶר נָאךְ מֶער הָאבִּן · אוּנ דְרוּם טוּט אִים זַיין הַארְץ וֵויא דְרוּיף אוּנ עֶס מַאכְט אִים קְרַאנְקְשַׁאפְט אוּנ עֶס צִיעֶט אִים אוֹיס פוּן דֶער וֶועלְט · כָּבוֹד מֵיינְט מֶען דֶר מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט נָאךְ כָּבוֹד · איז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין קַיין רְפוּאָה צוּא זַיין ווֵייטָאג אוּנ זַיין לֶעבִּין איז גָאר קַיין לֶעבִּין נִיט דֶען תָּמִיד הַאלְט עֶר אַז מֶען הָאט אִים פּוֹגֵעַ בִּכְבוֹדוֹ גִיוֶועזְן אוּנ וַוייל עֶר וִויל דָאס לַייט זָאלִן אִים גֶעבִּין כָּבוֹד אוּנ דָאס איז דָאךְ

אזו

אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל יָגֵל לִבֶּךָ פֶּן יִרְאֶה יְהוָֹה וְרַע בְּעֵינָיו וְהֵשִׁיב מֵעָלָיו אַפּוֹ: כה אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה אוֹמֵר הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמָה הוּא דוֹמֶה לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ וְהַלּוֹמֵד זָקֵן לְמָה הוּא דוֹמֶה לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר מָחוּק: כו רַבִּי יוֹסֵי בַּר יְהוּדָה אִישׁ כְּפַר הַבַּבְלִי אוֹמֵר הַלּוֹמֵד מִן הַקְּטַנִּים לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאוֹכֵל עֲנָבִים קֵהוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן מִגִּתּוֹ וְהַלּוֹמֵד מִן הַזְּקֵנִים לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאוֹכֵל עֲנָבִים בְּשׁוּלוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן יָשָׁן: כז רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אַל תִּסְתַּכֵּל בְּקַנְקַן אֶלָּא בְּמַה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יֵשׁ קַנְקַן חָדָשׁ מָלֵא יָשָׁן וְיָשָׁן שֶׁאֲפִילוּ חָדָשׁ אֵין בּוֹ: כח רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר אוֹמֵר הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם: כט הוּא הָיָה אוֹמֵר הַיִּלּוֹדִים לָמוּת וְהַמֵּתִים לְחִיוֹת וְהַחַיִּים לִדּוֹן לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ וּלְהִוָּדַע שֶׁהוּא אֵל הוּא הַיּוֹצֵר הוּא הַבּוֹרֵא הוּא הַמֵּבִין הוּא הַדַּיָּן הוּא הָעֵד הוּא בַּעַל דִּין הוּא עָתִיד לָדוּן בָּרוּךְ הוּא שֶׁאֵין לְפָנָיו לֹא עַוְלָה וְלֹא שִׁכְחָה וְלֹא מַשּׂוֹא פָנִים וְלֹא מִקַּח שֹׁחַד וְדַע שֶׁהַכֹּל לְפִי הַחֶשְׁבּוֹן וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל בֵּית מָנוֹס לָךְ

מעשה אבות

אזו איין זאך וואס מען קען גָם נים מאָנען מיט דעם מויל צוא זאגין יענעם גיב מיר כבוד דעק עס איז דאך איין חרפה דרום טוט ער דרויף זיפצין אונ זיינע יארין ווערין אים גיקירצט אונ עס ציעט אים אויש פון דער וועלט: הוא היה אומר ער פלעגט זאגן הילודים דיא וואס ווערן גיבארין אונ קומען אויף דער וועלט למות זיינען גיקומען זייא זאלין זיך מייטין כלומר פייניגן מיט סיגופים · אזו וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט (תרוצה שיחיה ימית עצמו) ווער עס וויל לעבין בעולם הבא זאל ער זיך מייטין כלומר פייניגן אויף דער וועלט · אדער מען מיינט ער זאל זיך איבער ענטפערין צום טויט והמתים אונ דיא וואס טוען אזו אונ מייטין זייערע תאוות להחיות איז דאס איין סבה זייא זאלין לעבין בעולם הבא והחיים לדון אונ דיא וואס לעבין אויף דער וועלט מיט פיל תענוגים איז דער סוף זייערד דאס זייא וועלין גימשפט ווערין דרויף לידע ולהודיע ולהודע מען גיהער צוא וויסין אונ צו מאכין וויסין יענעם אונ אליין פאר שטיין שהוא אל הוא היוצר הוא הבורא אז ער איז גאט ער מאלט אויס אלע צורות ער האט אלץ באשאפין הוא המבין ער איז דער פאר שטאנדיגער ער פאר שטייט אלץ הוא הדיין ער איז אליין אדיין ער פסקת הוא העד ער איז אליין דער עדות פון אלע מעשים הוא בעל דין ער טענת אליין הוא עתיד לדון אונ ער איז אן גיברייט צו פסקנן ברוך הוא גילויבט

איז

שֶׁעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹצָר וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹלָד וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה מֵת וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא : רבי חנניא וכו׳

# פרק חמישי

כל ישראל וכו׳

א בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת נִבְרָא הָעוֹלָם וּמַה תַּלְמוּד לוֹמַר וַהֲלֹא בְּמַאֲמָר אֶחָד יָכוֹל לְהִבָּרְאוֹת אֶלָּא לְהִפָּרַע מִן הָרְשָׁעִים שֶׁמְּאַבְּדִין

## מעשה אבות

איז עֶר שאין לפניו לא עולה עֶר טוּט נִיט קַיין שׁוּם אוּם רֶעכְט ולא שכחה עֶס אִיז בַּייא אִים נִיט דָא קַיין שׁוּם פַאר גֶעסוּנְג עֶר זָאל עֶפֶּעס פַאר גֶעסִין ולא משוא פנים אוּנ עֶר פַאר זֶעהְט נִיט דִיא עֲבֵירוֹת פוּן דֶעם וָואס אִיז בַּייא אִים חָשׁוּב ולא מקח שוחד אוּנ נִיט קַיין גֶעמוּנְג פוּן שׁוֹחַד עֶר זָאל אָפּ רֶעכֶענֶען אַיין מִצְוָה פַאר אַיין עֲבֵירָה נָאר פַאר דֶער מִצְוָה צָאלְט עֶר גוּטִין שָׂכָר אוּנ פַאר דֶער עֲבֵירָה צָאלְט עֶר בֵּייזִין שָׂכָר ודע שהכל לפי החשבון אוּנ וֵויים אַז אַלֶץ וֶוערְט גֶהֶשְׁבּוֹנְט ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך אוּנ דַיין יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִיט מַבְטִיחַ זַיין דָאס דֶער גֵיהִנָּם וֶועט זַיין צוּ דִיר אַיין אָרְט פוּן אַנְטְרִינוּנְג אוּנ וִוען מֶען הָאט דִיךְ שׁוֹין גְמִשְׁפָּט וִויפִל עֶס אִיז דִיר גִיקוּמֶען פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועט מֶען שׁוֹין דִיךְ אוֹיף בְּרֵיינְגֶען צוּ גִישִׁיצְט וֶוערִין אוּנְטֶער דִיא פְלִיגֶל פוּן דֶער שְׁכִינָה שעל כרחך אתה נוצר דֶען מִיט נוֹיט וֶועסְטוּ בַּאשַׁאפִין וֶוערִין נָאךְ אַיין מָאל בִּיז דוּא זָאלְסְט מְקַיֵים זַיין אַלֶע תרי״ג מִצְוֹת ועל כרחך אתה נולד אוּנ מִיט נוֹיט וֶועסְטוּ גִיבָּארִין וֶוערִין ועל כרחך אתה חי אוּנ מִיט נוֹיט וֶועסְטוּ לֶעבִין ועל כרחך אתה מת אוּנ נָאךְ דֶעם וֶועסְטוּ שְׁטַארְבִּין ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון אוּנ מִיט נוֹיט בִּיסְטוּ אָן גִיבְּרֵייט אַז דוּא וֶועסְט נָאךְ דֶעם שְׁטַארְבִּין אָפּ גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּא הָאסְט גִיטָאן לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה פַאר גָאט ב״ה וָואס עֶר אִיז אַקֵינִיג אִיבֶּער אַלֶע קֵינִיגִין :

פרק ה בעשרה מאמרות נברא העולם מִיט צֶעהֶען רֵייד וָואס גָאט הָאט גִירֶעט אִיז דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין ומה תלמוד לומר אוּנ וָואס פַאר אַיין מוּסָר קֶען אִיךְ דֶער פוּן אָפּ לֶערְנֶען ׳ זָאגְט דֶער תַּנָּא דָאס אִיז דֶער מוּסָר וָואס אִיךְ קָאן דֶער פוּן אָפּ לֶערְנֶען והלא במאמר אחד יכול להבראות וָוארוּם גָאט וָואלְט גִיקֶענְט בַּאשַׁאפִין דִיא וֶועלְט מִיט אַיין זָאג ׳ כְּלוֹמַר דֶען גָאר דִיא וֶועלְט אִיז דָאךְ בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין מַאֲמָר אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג אוּנ נָאךְ דֶעם אִיז אִיטְלִיכִין טָאג אַנְטְפְּלֶעקְט גִיוָוארִין דָאס בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ אוּנ עֶס אִיז נִתְגַשֵּׁם גִיוָוארִין אַזוֹ וִויא עֶס אִיז פַאר אוּנְז ׳ נוּא וָואלְט דָאךְ גִינוּג גִיוֶוען עֶס וָואלְט גִיבְּלִיבְּן אַזוֹ וִויא עֶס אִיז דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג גִיוֶוען אוּנ וָוארוּם הָאט מֶען גִידַארְפְט צֶעהֶען מַאֲמָרוֹת אלא נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם צוּ גִיצָאלְט וֶוערִין פוּן דִיא רְשָׁעִים וָואס

את העולם שנברא בעשרה מאמרות ולתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות: ב עשרה דורות מאדם ועד נח להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד

מעשה אבות

זייא מאכין פאר לירין דיא וועלט שנברא בעשרה מאמרות וואס זיא איז באשאפין גיווארן מיט צעהען מאמרות וליתן שכר טוב לצדיקים אונ צו געבין אגוטין שכר צו דיא צדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות וואס זייא דער האלטין דיא וועלט וואס זיא איז באשאפין גיווארין מיט צעהען מאמרות · כלומר דען גאר דיא כוונה וואס גאט האט דיא וועלט באשאפין איז גיוועזן כדי דיא נשמות זאלין ניט נהנה זיין פון דער שכינה אום זיסט דרום האט ער גיוואלט זייא ברייננען אויף אזו איין וועלט וואס זיא איז פול מיט תאוות אונ תענוגים · אונ ווען דער מענטש וועט זיין איין בגלויבטער שליח ער זאל ניט שטרעקין זיין האנד צו הנאה האבין פון דיא תענוגי העולם · דענמאלט וועט ער מעגין הנאה האבין פון זיין שכר דען ער האט דאך עס פאר דינט אונ ווען ער וועט טאן פאר קערט אונ וועט יוא דער פילין זיין לייב פון תענוגי עולם הזה אזו וועט מען אים זיין ניצאלט געבין אזו וויא ער האט פאר דינט אונ ווען דיא וועלט וואלט גיבליבין אזו וויא עס איז גיוועזן דעם ערשטין טאג וואלט דאך דיא וועלט ניט נתגשם גיווארין וואלט קיין יצר הרע ניט גיוועזן אונ ניט קיין שום תאוה וואלט דאך דעם מענטשין ניט גיקומען קיין מאל קיין שכר אדער עונש דרום האט גאט גימאכט דיא וועלט זאל נתגשם ווערין כדי ער זאל קענען שטראפין דיא רשעים אונ געבין גוטין שכר צו דיא צדיקים: עשרה דורות מאדם ועד נח צעהען דורות איז גיוועזן פון אדם ביז נח להודיע דיא תורה האט דאס גישטעלט פון דעסט וועגין צו מודיע זיין דעם עולם כמה ארך אפים לפניו וויא פיל איז פאר האנדין פאר השי"ת וואס ער דער לייגערט זיין צארין שכל הדורות דען אלע דיא דורות וואס פון אדם ביז נח היו מכעיסין פלעגין דער צארענען לפניו פאר גאט ברוך הוא כלומר האטשע זייא האבין גיוואוסט אז עס איז פאר האנדין איין גאט אויף דער וועלט האבין זייא גיטאן אויף צו להכעים · אונ השי"ת האט זייא דער לייגערט זיין צארין עד שהביא עליהם את מי המבול ביז ער האט גיבראכט אויף זייא דעם מבול · אזו אויך צאלט השי"ת איטליכין מענטשין וואס ער דער צארינט אים · אונ האטשע עס גיווערט לאנג אבער עס וועט אים ניט גישיינקט ווערן: עשרה דורות מנח ועד אברהם צעהען דורות זיינען גיוועזן פון נח ביז אברהם להוריע כמה ארך אפים לפניו צו מאכין וויסין דעם עולם וויא פיל איז פאר האנדין פאר השי"ת וואס ער דער לייגערט זיין צארין שכל הדורות היו מכעיסין לפניו דען אלע דורות וואס זיינען גיוועזן פון נח ביז אברהם האבין דער צערינט פאר אים עד שבא אברהם ביז אברהם איז גיקומען אונ האט גיטאן מעשים טובים וויא פיל זייא וואלטין גידארפט טאן וקבל שכר כולם אונ ער האט גינומען דעם שכר פאר זייא אלע · עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו מיט צעהען פרובין איז גיפרובט גיווארין

אונזער

שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל: ג עֲשָׂרָה דוֹרוֹת מִנֹּחַ וְעַד אַבְרָהָם לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין עַד שֶׁבָּא אַבְרָהָם אָבִינוּ וְקִבֵּל שְׂכַר כֻּלָּם: ד עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה

מעשה אבות

אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם · עֶס אִיז קָשֶׁה וָוארוּם הָאט דֶער תַּנָּא גִישְׁרִיבִּין אָבִינוּ אוּנ פְרִיעֶר בַּייא (עשרה דורות מנח ועד אברהם) הָאט עֶר נִיט גִישְׁרִיבִּן אָבִינוּ · דֶער תֵּירוּץ אִיז דֶער תַּנָּא קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מִיר זָאלִין בַּאגְרֵייפִין דִיא מַעֲשִׂים פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אִין דִיא הֶענְט אוּנ אַזוֹ וִויא אוּנְזֶער פָאטֶער אִיז גִיפְּרוּבְט גִיוָוארִין אוּנ אִיז בַּייא גִישְׁטַאנֶען בַּייא אַלֶע אַזוֹ זָאלִין מִיר זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ טָאן · נָאךְ אַתֵּירוּץ אִיז דְרוּם זָאגְט עֶר אָבִינוּ דֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט גִיזֶעהֶען אַז דֶער שָׂטָן וֶועט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף דִיא יוּדִין אִין מִצְרַיִם צוּ זָאגִין וָוארוּם וִוילְסְטוּ מַאכִין פַאר לִירִין דִיא מִצְרִים פַאר דִיא יִשְׂרָאֵל פַאר וָואר דִיא יִשְׂרָאֵל דִינֶען דָאךְ אוֹיךְ אָפּ גֶעטֶער · דְרוּם הָאט השי"ת גִימַאכְט שְׁפְּרַאצְן דִיא רְפוּאָה פַאר דֶער מַכָּה אוּנ הָאט גִיפְּרוּבְט צוּ אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם מִיט צֶעהֶן פְּרוּב כְּדֵי דָאס אִין זַיין זְכוּת זָאל עֶר אוּנְז טָאן אוֹיף דֶעם יַם דִיא צֶעהֶען נִסִּים וָואס וַוייטֶער שְׁטֵייט · להודיע אוּנ דִיא צֶעהֶען פְּרוּבִין זַיינֶען גִישְׁרִיבִּין אִין דֶער תּוֹרָה צוּ מַאכִין וִויסִין אוּנְז כמה חבתו של אברהם אבינו דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס השי"ת הָאט לִיבּ גִיהַאט צוּא אַבְרָהָם אָבִינוּ · עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים צֶעהֶען נִסִּים זַיינֶען גִיטָאן גִיוָוארִין צוּא אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אִין מִצְרַיִם · ועשרה על הים אוּנ צֶעהֶען נִסִּים זַיינֶען גִיטָאן גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם יַם · אֵיינְס · דֶער יַם אִיז גִישְׁפַּאלְטִין גִיוָוארִין · צְוֵוייא · דִיא וַואסֶער אִיז גִיוָוארִין וִויא אַגִיוֶועלְבּ · דְרַייא · דָארְטִין וואוּ דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִיגַאנְגֶן אִיז דִיא עֶרְד טְרוּקִין גִיוֶועְן · פִיר · וואוּ דִיא מִצְרַיִם זַיינֶען גִיגַאנְגֶען אִיז גִיוֶועְן נַאסֶע לֵיים אוּנ בְּלָאטֶע · פִינְף · דֶער יַם אִיז גִיוָוארִין וִויא צִיגִיל גִימוֹיֶערְט אֵיינְשׁ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין · זֶעקְס · דִיא וַואסֶער וָואס אִיז פַאר גְלִיוֶועְרְט גִיוָוארִין זַיינֶען גִיוָוארִין הַארְט וִויא שְׁטֵיינֶער אוּנ דִיא מִצְרַיִם זַיינֶען דְרוֹיף גִיהַרְגֶת גִיוָוארִין · זִיבִּין · דֶער יַם אִיז צוּא שְׁפַּאלְטִין גִיוָוארִין אוֹיף צְוֶועלְף עֶרְטֶער כְּדֵי יֶעדֶער שֵׁבֶט זָאל בַּאזוּנְדֶער גֵיין · אַכְט · דִיא שְׁטִיקֶער וַואסֶער זַיינֶען גִיוֶועְן לוֹיטֶער אַז אִיטְלִיכֶער שֵׁבֶט הָאט גִיזֶעהֶען דֶעם אַנְדֶערִין שֵׁבֶט גֵיין · נַיין · עֶס הָאט גִירוּנֶען זִיסֶע וַואסֶער מֶען זָאל קֶענֶען טְרִינְקֶען וָוארוּם דִיא וַואסֶער פוּן דֶעם יַם קָאן מֶען נִיט טְרִינְקֶען · צֶעהֶען · אַז מֶען הָאט אוֹיף גִיהֶערְט צוּא טְרִינְקֶען אִיז דִיא וַואסֶער וָואס הָאט גִירוּנֶען פַאר גְלִיוֶועְרְט גִיוָוארִין: עשר מכות צֶעהֶען מַכּוֹת הביא הקדוש ברוך הוא על המצרים במצרים הָאט השי"ת גִיבְּרַאכְט אוֹיף דִיא מִצְרִים אִין מִצְרַיִם ועשרה על הים אוּנ צֶעהֶען הָאבִּין זַייא גִיהַאט אוֹיף דֶעם יַם · עשרה נסיונות צֶעהֶען פְּרוּבִין נסו אבותינו את הקב"ה במדבר הָאבִּין גִיפְּרוּבְט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין צוּ גָאט אִין דֶער מִדְבָּר שנאמר אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וינסו אותי זה עשר פעמים אוּנ זַייא הָאבִּין מִיךְ גִיפְּרוּבְט שׁוֹין צֶעהֶען מָאל ולא שמעו בקולי אוּנ הָאבִּין נִיט גִיהֶערְט אִין מַיין קוֹל: עשרה נסים נעשו לאבותינו בבית המקדש צֶעהֶען נִסִּים זַיינֶען גִיטָאן

אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכֻלָּם לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ׃
ה עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם וַעֲשָׂרָה עַל הַיָּם׳ עֶשֶׂר מַכּוֹת
הֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם וְעֶשֶׂר עַל הַיָּם׃ ו עֲשָׂרָה
נִסְיוֹנוֹת נִסּוּ אֲבוֹתֵינוּ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּמִּדְבָּר שֶׁנֶּאֱמַר וַיְנַסּוּ
אֹתִי זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי׃ ז עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ

## מעשה אבות

געוואָרין צו אונזערע עלטערין אין בית המקדש׳ חאָטשע צווישין דיא נסים איז פאר האנדין אזעלכע וואס זיינען געוועזין איין באדערפעניש צו גאט דהיינו דאס וואס איז ניט פאר שטונקען געוואָרין קיין פלייש פון קרבנות און עס איז ניט געזעהען געוואָרין קיין פליג אין דעם שעכט הויז און נאך אזעלכע זאכין וואס ווייטער שטייט׳ פון דעסט וועגין שרייבט דער תנא דאס זייא זיינען געמאן געוואָרין צו אונזערע עלטערין צו ווייזין אז דיא אלע נסים זיינען געמאן געוואָרין כדי צו לערנען מוסר און פון איטליכן נס זאל מען זיך אפ לערנען חכמה וויא אזוי צו מורא האָבין פאר השי״ת׳ דער ערשטער נס איז לא הפילה אשה מריח בשר הקודש קיין אשה האָט קיין מאָל ניט מפיל געוועזין מחמת דעם ריח פון דעם פלייש פון דיא קרבנות און פון דעם קען זיך אמענטש איין מוסר נעמען ומה דאך ריח וואָס איז דאך גאר ניט איז פון דעם ניט ארוים געקומען קיין שום שאדין מכל שכן דער וואס טוט דיא מצוה אליין טרעפט אים ניט קיין שאדין דורך דעם׳ דער אנדערער נס איז ולא הסריח בשר הקודש מעולם און עס איז קיין מאָל ניט פאר שטונקען געוואָרין דאס פלייש פון דיא קרבנות חאָטשע עס איז לאנג געלעגין׳ פון דעם נס געהער זיך אמענטש אמוסר נעמען דאס עס איז בייא אים אין דער האנט צו מאכין אז זיין פלייש זאל ניט פאר שטונקען ווערין און קיין ווערים זאל ניט געוועלטיגין אין אים נאך זיין טויט אזוי וויא מיר געפינען בייא רבי אלעזר ברבי שמעון דאס ער פלעגט אלע יאָר אפ צאפין איין קאָרב שמאלץ און עס איז ניט פאר שטונקען געוואָרין און דיא זאך איז איין קל וחומר ומה דאך דאס פלייש פון דיא קרבנות וואס איז נאר הייליג געוואָרין דורך איין דבור וואס דער מענטש האָט געזאגט עס זאל זיין איין קרבן איז דרינען איין נס געשעהען און עס איז קיין מאָל ניט פאר שטונקען געוואָרין מכל שכן דער מענטש וואס זיין נשמה איז גענומען געוואָרין פון אונטער דעם כסא הכבוד ווען ער פירט זיך מיט הייליקייט און פרומקייט וועט זיין פלייש בוודאי ניט פאר שטונקען ווערין נאך זיין טויט׳ דער דריטער נס איז געוועזען ולא נראה זבוב בבית המטבחים עס איז ניט געזעהען געוואָרין קיין פליג אין דעם הויז וואס מען האָט געשעכט דיא קרבנות דאס איז געוועזין כדי אז אמענטש זאל גיט זאגין פון דעם וואס דאס פלייש פון דיא קרבנות איז ניט פאר שטונקען געוואָרין איז קיין ראיה. ניט דען דער מענטש אז עס ווערט צווא שפאלטין זיין בויך מוז ער פאר שטונקען ווערין מחמת דעם פייכטקייט און דאס מיסט און בלוט וואס פון אים גייט

אויים

בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ לֹא הִפִּילָה אִשָּׁה מֵרֵיחַ בְּשַׂר הַקֹּדֶשׁ וְלֹא הִסְרִיחַ בְּשַׂר
הַקֹּדֶשׁ מֵעוֹלָם וְלֹא נִרְאָה זְבוּב בְּבֵית הַמִּטְבְּחַיִם וְלֹא אִירַע קֶרִי לְכֹהֵן
גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים וְלֹא כִבּוּ הַגְּשָׁמִים אֵשׁ שֶׁל עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה וְלֹא
נִצְּחָה הָרוּחַ אֶת עַמּוּד הֶעָשָׁן וְלֹא נִמְצָא פְּסוּל בָּעֹמֶר וּבִשְׁתֵּי הַלֶּחֶם
וּבְלֶחֶם הַפָּנִים׳ עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים וְלֹא הִזִּיק נָחָשׁ

### מעשה אבות

אַרוּים זֶעצִין זִיךְ דִיא פְלִיגִין אוֹיף אִים אוּנ עֶר וֶוערְט גִיוִויס פַאר שְׁטִינְקֶען דְרוּם אִיז
דֶער נֵס גִיוֶועז צוּא מַאכִין אֱמֶת יֶענֶעם נֵס דָאס אֲפִילוּ אִין דֶעם אָרְט וָואס מֶען שֶׁעכְט
דִיא קָרְבָּנוֹת אוּנ עֶס אִיז פַאר הַאנְגֶען פִיל בְּלוּט אוּנ מִיסְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז דָארְט
קַיין פְלִיג נִיט גִיוֶועזְן אִיז שׁוֹין אַכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף דֶעם פְלֵייש דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר
הֵיילִיגְט זִיךְ : דֶער פֶערְטֶער נֵס אִיז גִיוֶועזְן ולא אירע קרי לכהן גדול ביום הכפורים עֶס הָאט
זִיךְ נִיט גִיטְרָאפִין אַז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל זָאל זֶעהֶען קֶרִי אוּם יוֹם כִּפּוּר פוּן דֶעם נֵס גִיהֶער
זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַיין מוּסָר נֶעמֶען דֶען חַאטְשֶׁע מֶען הָאט דָאךְ אָן גִיגְרֵייט אַיין אַנְדֶער
כֹּהֵן אַז עֶס וֶועט זִיךְ דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל עֶפֶּעס טְרֶעפִין אַיין טוּמְאָה זָאל עֶר טָאן דִיא
עֲבוֹדָה אוֹיף זַיין אָרְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט השי״ת גִימַאכְט עֶר זָאל קַיין מָאל נִיט
טָמֵא וֶוערִין כְּדֵי עֶר זָאל קַיין בִּזָיוֹן נִיט הָאבִין מִכָּל שֶׁכֵּן אַז אַיין מֶענְטְשׁ דֶעם אַנְדֶערִין
גִיהֶער נִיט אָן צוּ טָאן קַיין בִּזָיוֹן׳ דֶער פִינְפְטֶער נֵס אִיז גִיוֶועזְן ולא כבו הגשמים אש של
עצי המערכה עֶס הָאבִין נִיט פַאר לָאשִׁין קַיין רֶעגִין דָאס פַייעֶר פוּן דֶעם הָאלְץ וָואס
אִיז גִיוֶועזְן אָן גִירִיכְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ׳ כְּדֵי אַיין מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַיין מוּסָר גֶעמֶען
חָאטְשֶׁע פַייעֶר מִיט וַואסֶער זַייגֶען דָאךְ צְוֵוייא זַאכִין וָואס קֶענֶען נִיט זַיין בְּאַנַאנְד
פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִין זֵייא גִיטָאן דֶעם ווִילִין פוּן גָאט אוּנ דָאס וַואסֶער הָאט נִיט
פַאר לָאשִׁין דָאס פַייעֶר מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר מֶענְטְשִׁין גִיהֶערִין בְּוַדַאי מְבַטֵּל זַיין דֶעם ווִילִין
פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע אַנְטְקֶעגִין דֶעם ווִילִין פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ׳ דֶער זֶעקְסְטֶער נֵס אִיז
גִיוֶועזְן ולא נצחה הרוח את עמוד העשן דֶער ווִינְט הָאט נִיט גִישְׁטַארְקְט אוֹיף דֶעם רוֹיךְ
פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת וָואס אִיז גִיגַאנְגֶען ווִיא אַזֵייל אוּנ חָאטְשֶׁע עֶס אִיז גִיוֶועזְן גְרוֹיסֶע
ווִינְטִין הָאבִין זֵייא גִיקֶענְט צוּ טְרֵייבִין דֶעם רוֹיךְ׳ כְּדֵי אַיין מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַיין מוּסָר
נֶעמֶען׳ דֶען חָאטְשֶׁע ווִינְט אִיז דָאךְ אַשְׁטַארְקֶע זַאךְ וָואס קֶען צוּא רַייבִּין בֶּערְג אוּנ
צוּא בְּרֶעכִין שְׁטֵיינֶער אוּנ רוֹיךְ אִיז דָאךְ אַיין שְׁלַאפֶּערֶע זַאךְ פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט
דֶער ווִינְט נִיט גִיקֶענְט צוּא טְרַייבִין דֶעם רוֹיךְ וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועזְן הֵיילִיג׳ מִכָּל
שֶׁכֵּן אַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֵיילִיגְט זִיךְ מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין ווִיא
אַזוֹא שְׁלַאף גִיהֶער עֶר זִיךְ צוּא שְׁטַארְקִין אִין גָאטְס דִינְסְט׳ דֶער זִיבֶּעטֶער נֵס אִיז
גִיוֶועזְן ולא נמצא פסול בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים עֶס הָאט זִיךְ נִיט גִיטְרָאפִין קַיין
פְּסוּל אִין דֶעם עוֹמֶר וָואס מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אוּם פֶּסַח אוּנ אִין דִיא צְווֵייא בְּרוֹיט פוּן
ווֵייץ וָואס מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אוּם שָׁבוּעוֹת׳ אוּנ אִין דֶעם בְּרוֹיט וָואס מֶען הָאט

אלע

וַעֲקָרָב בִּירוּשָׁלַיִם מֵעוֹלָם וְלֹא אָמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלָיִם: ח עֲשָׂרָה דְבָרִים נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת וְאֵלוּ הֵן פִּי הָאָרֶץ פִּי הַבְּאֵר פִּי הָאָתוֹן הַקֶּשֶׁת וְהַמָּן וְהַמַּטֶּה וְהַשָּׁמִיר הַכְּתָב וְהַמִּכְתָּב וְהַלֻּחֹת · וְיֵשׁ אוֹמְרִים אַף הַמַּזִּיקִין וּקְבוּרָתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וְאֵילוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ וְיֵשׁ אוֹמְרִים אַף צְבַת בִּצְבַת עֲשׂוּיָה: ט שִׁבְעָה

### מעשה אבות

אַלֶע שַׁבָּת גִישְׁטֶעלְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ · דִיא אַלֶע דְרַייא וָוען זַייא זָאלִין פָּסוּל ווערין וָואלְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע נִיט גִיקֶענְט בַּאקוּמֶען · דֶעם עוֹמֶר הָאט מֶען גִימוּזְט שְׁנַיידִין בַּייא דֶער נַאכְט מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב · מֶען זָאל קָארְגִין מַקְרִיב זַיין · דִיא שְׁתֵּי לֶחֶם הָאט מֶען גִימוּזְט בַּאקִין פַאר יוֹם טוֹב אוּנ דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים פַאר שַׁבָּת · פוּן דֶעם זָאל מֶען זִיךְ אַיין מוּסָר נֶעמֶען דָאס אַזוֹא אַיין מִצְוָה וָואס עֶס אִיז צוּא אִיר גִיזֶעצְט אַיין צַייט אוֹיף צוּא טָאן זָאל מֶען נִיט עוֹבֵר זַיין דִיא צַייט דְהַיְינוּ דַאוֶונֶען אָדֶער קְדוּשָּׁה וּבָרְכוּ אָדֶער קַדִּישׁ · דֶער אַכְטֶער נֵס אִיז גִיוֶועֶן עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים אַלֶע יִשְׂרָאֵל וָואס זַיינֶען גִיוֶועֶן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען אֵיינְג גְלַייךְ וִויא אוֹיף גִיהוֹיבִּין אִין דֶער לוּפְטִין מֵחֲמַת אַיינְגֶעשַׁאפְט אוּנ אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ גִיבּוּקְט גִירַאמֶער הַייד עֶס אִיז גִירַאם גִיוֶועֶן פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערִין פִיר אֵיילִין כְּדֵי אֵיינֶער זָאל נִיט הֶערִין וָואס דֶער אַנְדֶערֶער אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה · דֶער נֵס וַוייזְט דָאס חָאטְשֶׁע דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פַאר זִינְדִיגְט אוּנ אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז צוּ גִינוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אִיז גָאט בָּרוּךְ הוּא אִים מוֹחֵל אוּנ עֶר וֶוערְט אַיין גִיזֶעסִין אוֹיף דֶער וֶועלְט · דֶער נַיינְטֶער נֵס אִיז גִיוֶועֶן וְלֹא הִזִּיק נָחָשׁ וְעַקְרָב בִּירוּשָׁלַיִם עֶס הָאט נִיט מַזִּיק גִיוֶועֶן קֵיינֶעם אַשְׁלַאנְג אָדֶער אַיין עֶגְדֶעשׁ אִין דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם · דֶער נֵס הָאט גִיוִויזִין דָאס קַיין מֶענְטְשׁ זָאל נִיט זָאגִין דָאס עֶר אִיז גִינֵייט צוּ זִינְדִיגִין דֶען דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז אַרוּם גִיוִויקִילְט אַרוּם זַיינֶע פִיס אַזוֹ וִויא אַשְׁלַאנְג דְרוּם הָאט גָאט גִיטָאן דֶעם נֵס צוּא וַוייזִין אַזוֹ וִויא יְרוּשָׁלַיִם חָאטְשֶׁע עֶס אִיז דָאךְ גִיוֶועֶן אַזוֹ אַיין אָרְט וָואס עֶס וָואלְט גִידַארְפְט זַיין שְׁלַאנְגֶען אוּנ עֶגְדֶעשִׁין וָוארוּם יְרוּשָׁלַיִם אִיז צְוִוישִׁין בֶּערְג אוּנ אוֹיף בֶּערְג אִיז פַאר הַאנְדִין שְׁלַאנְגֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט קֵיין שְׁלַאנְג אוּנ קֵיין עֶגְדֶעשׁ קֵיין מָאל נִיט מַזִּיק גִיוֶועֶן דָארְט צוּ קֵיין מֶענְטְשִׁין אַזוֹ אוֹיךְ וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע קֵיין כֹּחַ נִיט הָאבִּין צוּ מַאכִין זִינְדִיגִין דֶעם מֶענְטְשִׁין סַיידִין וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דֶער וֶוילְט מִיט זַיין וִוילִין דֶעם וֶועג פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע · דֶער צֶעהֶענְטֶער נֵס אִיז גִיוֶועֶן וְלֹא אָמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלַיִם עֶס הָאט קֵיין מָאל נִיט גִיזָאגְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין עֶס אִיז מִיר אֵיינְג דָאס אָרְט אַז אִיךְ זָאל גֶענֶעכְטִיגִין אִין יְרוּשָׁלַיִם · כְּלוֹמַר עֶס אִיז מִיר אֵיינְג אִין דֶער פַּרְנָסָה · דֶער נֵס אִיז גִיוֶועֶן צוּא מוֹדִיעַ זַיין דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל נִיט הַאלְטִין אַז דִי חָכְמָה גִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין עֲשִׁירוּת אוּנ דְרוּם וֶועט עֶר בֶּערִין צוּא הַאנְדְלֶען אוּנ וֶועט נִיט לֶערְנֶען דֶען פוּן דֶעם נֵס קֶען דֶער מֶענְטְשׁ

זעהען

דְּבָרִים בַּגֹּלֶם וְשִׁבְעָה בֶּחָכָם · חָכָם אֵינוֹ מְדַבֵּר לִפְנֵי מִי שֶׁגָּדוֹל מִמֶּנּוּ בְּחָכְמָה וּבְמִנְיָן וְאֵינוֹ נִכְנָס לְתוֹךְ דִּבְרֵי חֲבֵרוֹ וְאֵינוֹ נִבְהָל לְהָשִׁיב שׁוֹאֵל כְּעִנְיָן וּמֵשִׁיב כַּהֲלָכָה וְאוֹמֵר עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן וְעַל מַה שֶׁלֹּא שָׁמַע אוֹמֵר לֹא שָׁמַעְתִּי וּמוֹדֶה עַל הָאֱמֶת · וְחִלּוּפֵיהֶן בַּגֹּלֶם :

י שִׁבְעָה מִינֵי פוּרְעָנִיּוֹת בָּאִין לָעוֹלָם עַל שִׁבְעָה גוּפֵי עֲבֵרָה מִקְצָתָן

מעשה אבות

זעהען אז דיא זאך איז ניט בייא אים אין דער האנט · דען אין ירושלים איז געוועזן גרויש ברכה אונ אלע האבין פאר דינט אונ דאס איז געוועזן בדרך נס צוא ווייזין דעם מענטשין אז גאט ברוך הוא שפייזט אלעמען · דרום זאל דער מענטש אויך בטחון האבין נאר אויף גאט אונ ווען אפילו ער איז גאר ארום קען השם יתברך אים העלפין ער זאל רייך ווערין אזוא וויא מיר געפינען איין מעשה · עס איז געוועזן אגרויסער עושר וואס ער האט זיך באטראכט אין הארץ אונ האט געזאגט וואס קומט מיר ארויס פון נאר מיין מיא אונ וואס וועט מיר העלפין מיין גוטס אין דער צייט פון מיין טויט · האבין אים מענטשין געזאגט ער זאל געבין צדקה אונ דאס וועט אים בלייבין פון נאר זיין מיא · האט דער עושר געשווארין ער זאל ניט געבין קיין צדקה פון זיין געלט נאר צוא אזוא איין מענטש וואס ער האט זיך מיאש געוועזן בטחון צוא האבין אויף דער וועלט · ויהי היום איז ער ארויס געגאנגען אונ האט געזעהען איין עני זיצט אויף דעם מיסט אונ איז געגאנגען אין צו ריסענע אונ פאר פוילטע קליידער האט זיך דער עושר געטראכט פאר געוויס דאס דער עני האט זיך מיאש געוועזן פון בטחון איז ער געגאנגען אונ האט אים געגעבין הונדערט רענדליך האט זיך דער עני זייער געוואונדערט אונ האט געזאגט צוא אים ווארום האסטו מיר אזו פיל געלט געגעבין האט ער געזאגט צו אים איך האב געשווארין אז איך זאל ניט געבין קיין צדקה נאר צו אזו איין מענטש וואס האט זיך מיאש געוועזן פון צו האבין בטחון צו דער וועלט · האט דער עני געזאגט צוא אים נעם צוריק דיין געלט דוא נאר · דען דוא האסט זיך יוא מיאש געוועזן אבער איך האב בטחון אין גאט אונ האף אויף זיין רחמנות אלע צייט דוא געהערסט צו וויסין אז עס איז ניט שווער בייא גאט ער זאל מיך רייך מאכין אונ צוא מציל זיין מיך פון מיין צרה לאז אוועק דיין נארעשקייט אונ רעד ווייטער דיא זאך פון דיר · האט דער עושר געזאגט ניט גינוג וואס דוא האסט מיר ניט גידאנקט האסטו מיך נאך גילעסטערט אונ גישענדעט האט דר עני געזאגט דוא האסט געמיינט אז דוא האסט מיר גוטס גיטאן אבער דוא האסט דאך מיך גימאכט גלייך וויא גיהרגת · דען קיינער איז זיך ניט מיאש פון בטחון פון דער וועלט נאר דיא מתים · האט דער עושר זיך געטראכט אין הארץ ווען עס איז אזו וועל איך גיין באגראבין דאס געלט אויף דעם בית הקברות בייא דיא מתים · דען זייא האבין זיך מיאש געוועזן פון דעם בטחון פון דער וועלט אונ האט אזו גיטאן · אין אצייט ארום איז דער עושר זייער ארום געווארין אונ עס איז אים פון זיין עשירות

גאר

מעשרין ומקצתן אינן מעשרין רעב של בצורת בא מקצתן רעבים ומקצתן שבעים · גמרו שלא לעשר רעב של מהומה ושל בצרת בא · ושלא לטול את החלה רעב של כליה בא : יא דבר בא לעולם על מיתות האמורות בתורה שלא נמסרו לבית דין ועל פרות שביעית :

מעשה אבות

גאר ניט גיבליבין איז ער גיגאנגען אונ האט גיגראבין אויף דעם בית הקברות ארוים צו נעמען דאס געלט וואס ער האט באהאלטין האבין אים דיא שומרים פון דער שטאט גיפונגען אונ זייא האבין גימיינט אז ער גראבט ער זאל אראפ נעמען דיא תכריכים פון דיא מתים · האבין זייא אים גיבראכט צו דעם שר פון דער שטאט · אונ דאס איז גיוועזין דער עני וואס איז אויף דעם מיסט גילעגין · דען ער איז גיוועזן פון אנוטער משפחה אונ אז דער שר איז גישטארבין האט מען אים גימאכט פאר איין שר · אונ דיא שומרים האבין גיזאגט צום שר מיר האבין דעם מענטשין גיפונגען דאס ער האט גיגראבין אויף דעם בית הקברות אראפ צו נעמען דיא תכריכים פון דיא מתים · אז דער שר האט אים דער זעהען האט ער אים דער קענט האט ער זיך גימאכט גלייך וויא ער קען אים ניט אונ האט צוא אים גירעט הארטע רייד אונ האט גיזאגט דא שווער איך אז דוא בישט חייב מיתה האט ער גיזאגט צוא אים כיין האר ח"ו עס איז קיין מאל ניט אויף גיגאנגען אויף מיין הארץ אזו צו טאן נאר אזו אונ אזו איז דיא מעשה האט דער שר גיזאגט צוא אים דוא קענסט מיך ניט זאגט ער צוא אים וויא זאל איך דיך קענען · האט דער שר גיזאגט איך בין דער עני וואס איז אויף דעם מיסט גיזעסין וואס דוא האסט גיזאגט אז איך האב מיך מייאש גיוועזן פון צוא האבין בטחון אויף דער וועלט · איז ער אויף גישטאנען אונ האט אים גיהאלזט אונ גיקושט אונ האט גיבאטין מען זאל דאס געלט פון דעם בית הקברות אויס גראבין אונ מען זאל עס אים אפ געבין אונ כל זמן ער וועט לעבין זאל מען אים זיין פרנסה געבין פון זיין הויו :

עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות צעהען זאכין זיינען באשאפין גיווארין פרייטאג פאר נאכט ואלו הן אונ דאס זיינען זייא פי הארץ דאס מויל פון דער ערד עס זאל זיך עפענען קרח איין שלינגען פי הבאר דאס מויל פון דעם ברונען פון מרים אין דער מדבר עס זאל גיין וואסער צו דיא ישראל פי האתון דאס מויל פון בלעמס אייזיל ער זאל ריידין בשעת אז בלעם איז גיגאנגען שילטין דיא ישראל והקשת אונ דער רעגין בויגין והמן אונ דער מן וואס אין דער מדבר איז גיוועזן והמטה אונ דער שטעקין פון משה רבינו ער איז גיוועזן פון סנפירין הכתב דאס כתב פון דיא לוחות והמכתב אונ דאס וואס איז ווארין גישריבן מען זאל קענען פון אלע זייטין לייענען והלוחות אונ דיא לוחות אליין ויש אומרים אונ אטייל זאגין אף קברו של משה רבינו דער קבר פון משה רבינו איז אויך דערמאלט באשאפין גיווארין ואילו של אברהם אבינו אונ דער ווידער פון אברהם אבינו וואס ער האט מקריב גיוועזן אויף דעם ארט

חֶרֶב בָּאָה לָעוֹלָם עַל עִנּוּי הַדִּין וְעַל עִוּוּת הַדִּין וְעַל הַמּוֹרִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה: חַיָּה רָעָה בָּאָה לָעוֹלָם עַל שְׁבוּעַת שָׁוְא וְעַל חִלּוּל הַשֵּׁם: גָּלוּת בָּאָה לָעוֹלָם עַל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים וְעַל גִּלּוּי עֲרָיוֹת וְעַל שְׁפִיכוּת דָּמִים וְעַל שְׁמִטַּת הָאָרֶץ: יב בְּאַרְבָּעָה פְרָקִים הַדֶּבֶר מִתְרַבֶּה בָּרְבִיעִית וּבַשְּׁבִיעִית וּבְמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית וּבְמוֹצָאֵי הֶחָג שֶׁבְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה· בָּרְבִיעִית מִפְּנֵי מַעֲשַׂר עָנִי שֶׁבַּשְּׁלִישִׁית· בַּשְּׁבִיעִית מִפְּנֵי מַעְשַׂר עָנִי

מעשה אבות

פון יִצְחָק ויש אומרים אף המזיקין אוּנ אַטֵייל זָאגִין דִיא שֵׁדִים זַיינֶען אוֹיךְ דֶערְמָאלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין ואף צבת בצבת עשויה אוּנ אוֹיךְ אַצְוַואנְג וָואס מֶען גְלִיט אַייזִין הָאט מֶען אוֹיךְ גִימוּזְט מַאכִין מִיט אַיין אַנְדֶער צְוַואנְג וָוארוּם וִויא קָאן מֶען הַאלְטִין הַייס אַייזִין אִין דֶער הַאנְט וִויא אַזוֹ הָאט מֶען גִימַאכְט דִיא עֶרְשְׁטֶע צְוַואנְג מוּז זַיין אַז דִיא עֶרְשְׁטֶע צְוַואנְג הָאט השי"ת בַּאשַׁאפִין: שבעה דברים בג"לם זִיבִּין זַאכִין זַיינֶען בַּייא דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס אִיז אָן שֵׂכֶל עֶר וֶוערְט אָן גִירוּפִין גוֹלֶם דָאס אִיז טַייטְשׁ אַזוֹא אַיין זַאךְ וָואס עֶס אִיז נִיט גִיעֶנְדִיגְט דִיא אַרְבֶּעט פוּן דֶעם ושבעה בחכם אוּנ זִיבִּין זַאכִין זַיינֶען פַאר הַאנְדִין בַּייא אַיין חָכָם חכם אינו מדבר אֶהָכָם רֶעט נִיט לפני מי שגדול ממנו פַאר דֶעם וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אִים בחכמה ובמנין מִיט חָכְמָה אוּנ מִיט דֶער צָאל פוּן יָארִין עֶר אִיז עֶלְטֶער פוּן אִים ואינו נכנס לתוך דברי חבירו עֶר גֵייט נִיט אַרַיין אִין מִיטִין דִיא רֵייד פוּן זַיין חָבֵר אוּנ עֶר וַוארְט בִּיז יֶענֶער זָאגְט אוֹיס דָאס וָואס עֶר וִויל זָאגִין דֶער נָאךְ עֶנְטְפֶערְט עֶר עֶרְשְׁט ואינו נבהל להשיב אוּנ עֶר אַיילְט זִיךְ נִיט צוּא עֶנְטְפֶערִין אַז מֶען פְרֶעגְט אִים עֶפֶּעס אִיז עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב פְרִיעֶר אֵיי עֶר עֶנְטְפֶערְט שואל כענין עֶר פְרֶעגְט דֶעם רַבִּי אִין דֶעם עִנְיָן וָואס דֶער רַבִּי לֶערִינְט ומשיב כהלכה אוּנ עֶר עֶנְטְפֶערְט צוּ דֶעם וָואס פְרֶעגְט אִים עֶפֶּעס· אַזוֹ וִויא עֶס גִיהֶער צוּא זַיין ואומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון אוּנ אַז מֶען פְרֶעגְט אִים צְוֵוייא שַׁאֲלוֹת עֶנְטְפֶערְט עֶר אוֹיף דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁאֲלָה צוּם עֶרְשְׁטִין אוּנ נָאךְ דֶעם אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע שַׁאֲלָה· נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז דֶער תַּנָּא קוּמְט אוּנְז דֶער מִיט לֶאזִין וִויסִין דָאס אַחָכָם גִיהֶער צוּא וִויסִין דִיא שַׁאךְ פוּן דִיא דוֹרוֹת וָואס זַיינֶען גִיוֶוען פְרִיעֶר פַאר אִים אַז זֵייא זַיינֶען גְרֶעסֶער פוּן דִיא שְׁפֶּעטִיגֶערֶע דוֹרוֹת אוּנ עֶר זָאל נִיט זָאגִין אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹ וִויא זֵייא נָאר עֶר זָאל זָאגִין אַזוֹא וִויא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט (אם ראשונים כמלאכים) אוֹיבּ דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת זַיינֶען גִירֶעכִינְט אַזוֹא וִויא מַלְאָכִים (אנו כבני אדם) זַיינֶען מִיר גִירֶעכִינְט פַאר מֶענְטְשִׁין (ואם ראשונים כבני אדם) אוּנ אוֹיבּ דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת זַיינֶען גִירֶעכִינְט נָאר אַזוֹ וִויא מֶענְטְשִׁין (אנו כחמורים) זַיינֶען מִיר אַזוֹ וִויא אֵייזְלֶען (ולא כחמורו של ר' פינחס בן יאיר) אוּנ נִיט אַזוֹ וִויא דֶער אֵייזִיל פוּן רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר נָאר אַזוֹ וִויא פְּרָאסְטֶע אֵייזְלֶען· אוּנ דָאס מֵיינְט דֶער תַּנָּא ואומר על ראשון ראשון עֶר זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס אִיז פוּן דִיא פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת אַז עֶר אִיז

איין

שֶׁבַּשִּׁשִּׁית בְּמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית מִפְּנֵי פֵּרוֹת שְׁבִיעִית בְּמוֹצָאֵי הֶחָג שֶׁבְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה מִפְּנֵי גֶזֶל מַתְּנוֹת עֲנִיִּים: יג אַרְבַּע מִדּוֹת בָּאָדָם הָאוֹמֵר שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ זוֹ מִדָּה בֵינוֹנִית וְיֵשׁ אוֹמְרִים זוֹ מִדַּת סְדוֹם· שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי עַם הָאָרֶץ· שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ חָסִיד· שֶׁלְּךָ שֶׁלִּי וְשֶׁלִּי שֶׁלִּי רָשָׁע: יד אַרְבַּע מִדּוֹת בְּדֵעוֹת· נוֹחַ לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת יָצָא

מעשה אבות

איין ערשטער און זיין שכל איז זייער גרויס ועל אחרון אחרון און ער וואס ער איז פון דיא שפעטיגערע דורות איז ער איין שפעטיגער און ער האט ניט אזו פיל שכל ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי און אויף דעם וואס ער האט ניט גיהערט זאגט ער איך האב ניט גיהערט נאר איך זאג עס מיט מיין שכל און זאגט ניט איך האב עס גיהערט פון מיין רבי ומודה על האמת אז ער פאר שטייט אז יענער ווענט אים אפ רעכט איז ער מודה אז יענער איז גירעכט· נאך איין פשט איז דאס דער חכם ווען עס קומט אויף אים יסורים ווייס ער אז עס איז גיוויס דאס זיינע זינד האבין עס גורם גיוועזן און לויבט גאט ביא דער שלעכטע צייט גלייך וויא ביא דער גוטער צייט· און דאס מיינט דער תנא ומודה און ער לויבט גאט על האמת אויף דעם אמתין דין וואס גאט האט אים גימשפט אויף זיינע זינד ותלופיתן בגולם ביא איין גולם זיינען דיא אלע זיבן זאכין פאר קערט: שבעה מיני פורעניות באין לעולם זיבין ערלייא פורעניות קומען חס ושלום אויף דער וועלט על שבעה גופי עבירה אויף זיבן אפ גיטיילטע עבירות דרום זאגט ער פורעניות און זאגט ניט רעות דען פורעניות איז טייטש באצאלונג· כלומר השי"ת באצאלט דעם מענטשין מדה כנגד מדה און דאס וואס ער טוט דעם מענשין שלעכטין איז ניט כדי ער זאל זיך נוקם זיין אין אים נייערט ער זאל דער וועקין זיין הארץ צו אום קערין זיך פון זיין שלעכטין וועג און אזו וויא ווען איינער לייט עפעס ביא זיין חבר ניט ער דאך אים אפ דיא נעמליכע זאך אזו אויך השם יתברך צאלט אויף דער עבירה אזו איין שטראף וואס זיא איז גלייך צו דער עבירה מקצתן מעשרין ומקצתן אינן מעשרין ווען אטייל גיבין מעשר פון זייערע תבואות און אטייל גיבין ניט רעב של בצורת בא קומט איין הונגער מחמת דעם רעגין ווערט גימינערט און עס ווערט טייער דיא תבואות מקצתן רעבים ומקצתן שבעים און אטייל לייט זיינען זאט און אטייל לייט זיינען הונגעריג· גמרו שלא לעשר אז זיא האבין אויף גיהערט צו געבין מעשר רעב של מהומה ושל בצורת בא קומט אהונגער פון פאר טומלונג דאס הייסט איין פאר פלוכטונג גייט אריין אין דיא גידערים פון דעם מענטשין און ער האט גיט קיין זעט וויא פיל ער זאל עסין און ניט דאס אליין נאר קיין רעגין גייט אויך ניט עס זאל ניט זיין וואס צו עסין ושלא ליטול את החלה און אז מען נעמט ניט פון טייג קיין חלה צוא געבין דעם כהן רעב של כליה בא קומט אהונגער פון פאר לענגרונג· דער אברבנעל שרייבט דאס מיינט מען עס וועט אזו זיין ווייניג שפייז אז מען וועט קומען צו עסין

ראם

הַפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ · קָשֶׁה לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ · קָשֶׁה לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת חָסִיד · נוֹחַ לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת רָשָׁע : טו אַרְבַּע מִדּוֹת בְּתַלְמִידִים · מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ · קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וְקָשֶׁה לְאַבֵּד יָצָא הֶפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ · מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וְקָשֶׁה לְאַבֵּד זֶה חֵלֶק טוֹב · קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד זֶה חֵלֶק רָע : טז אַרְבַּע מִדּוֹת

## מעשה אבות

דאס פלייש פון זייערע זין אונ טעכטער דרום רופט עס אן דער תנא איין הונגער פון פאר לענדונג · דען דורך דעם ווערין פאר לענט דיא זין אונ טעכטער · דבר בא לעולם איין מארד קומט אויף דער וועלט על מיתות האמורות בתורה אויף דיא מיתות וואס זיינען גיזאגט גיווארין אין דער תורה אז עס קומט צו דיא מענטשין וואס האבין גיטאן אזעלכע עבירות שלא נמסרו לבית דין וואס דיא מיתות זיינען ניט איבער גיענטפערט גיווארין צום בית דין זייא זאלין משפטין פון דער צייט אן וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין · אונ דרום קומט אויף דעם מענטשין איין מארד · דען עס איז מדה כנגד מדה אזו וויא דיא מיתה וואס דער בית דין וואלט גידארפט משפטין קומט זיך צו דעם מענטשין גיזונטער הייט אזו אויך דער טויט פון מארד גידויערט ניט זאס שלאפט ער שטארבט גיך אונ עס קען זיין אז היינט זאל ער נאך זיין גאר גיזונד אונ מארגין זאל ער שוין שטארבין ועל פירות שביעית אונ אויף דעם וואס מען איז ניט מפקיר דיא פירות פון שמטה צו ארימע לייט קומט אויך איין מארד אונ דאס איז אויך מדה כנגד מדה ווייל זייא האבין ניט מקיים גיוועזן וואס גאט האט גיבאטין אז דיא תבואה פון שמטה זאל זיין דער בעל הבית מיט דעם עני גלייך דריגען צו ווייזין אז דיא וועלט איז גאטס דרום קומט אויף זייא איין עיפוש וואס דאס איז ניט קיין טויט על פי הטבע אונ עס איז נאר איין אן גישיקטע זאך פון גאט ברוך הוא צו ווייזין אז עס איז יוא זיין וועלט · חרב באה לעולם איין שווערד פון מלחמות קומט חס ושלום אויף דער וועלט על עיווי הדין פאר דעם וואס מען פייניגט דעם דין פלוטר ער וויים דעם דין אונ ער פסקנת ניט ועל עוות הדין אונ פאר דעם וואס מען פאר קרימט דעם דין מען פסקנת פאר קערט וויא דער דין איז האטשע מען וויים אז דער דין איז אנדערש ועל המורים בתורה שלא כהלכה אונ פאר דיא וואס לערנען פשטים אין דער תורה נים אזו וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט. דיא הלכה · אונ דרום קומט פאר דעם אשווערד פון מלחמה דען איבער דיא דרייא זאבין ווערט גיגוגין דאס דער עני ווערט ניגזלת מען פסקנת אים. ניט רעכט · דרום קומען אויף זייא מלחמות צו גזלנן גאר זייער גוטס : חיה רעה באה לעולם היזות רעות קומען אויף דער וועלט פלוטר זייא קומען צום ישוב פאר צוקין מענטשין על שבועת שוא אויף דעם וואס מען שווערט פאלש ועל חלול השם אונ אויף דעם וואס מען פאר שוועכט דעם נאמען פון גאט · אונ דאס איז מדה כנגד מדה · דען דרום איז דיא פארכט פון מענטשין גיווארפין גיווארין

בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה· הָרוֹצֶה שֶׁיִּתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים עֵינוֹ רָעָה בְּשֶׁל אֲחֵרִים· יִתְּנוּ אֲחֵרִים וְהוּא לֹא יִתֵּן עֵינוֹ רָעָה בְּשֶׁלּוֹ· יִתֵּן וְיִתְּנוּ אֲחֵרִים חָסִיד· לֹא יִתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים רָשָׁע: יז אַרְבַּע מִדּוֹת בְּהוֹלְכֵי בֵית הַמִּדְרָשׁ הוֹלֵךְ וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה שְׂכַר הֲלִיכָה בְּיָדוֹ· עוֹשֶׂה וְאֵינוֹ הוֹלֵךְ שְׂכַר מַעֲשֶׂה בְּיָדוֹ· הוֹלֵךְ וְעוֹשֶׂה חָסִיד· לֹא הוֹלֵךְ וְלֹא עוֹשֶׂה רָשָׁע: יח אַרְבַּע מִדּוֹת

מעשה אבות

געווארין אויף דיא חיות זייא זאלין ניט קומען צו איין ישוב· דען זייא פארכטין זיך פאר דעם צלם אלהים וואס אויף דעם מענטשין איז אבער ווען דער מענטש שווערט פאלש אונ פאר שוועכט גאטש נאמען טוט זיך פון אים אפ דער צלם אלהים דרום קומען דיא חיות צום ישוב צוא פאר צוקין דיא מענטשין· גלות באה לעולם אגלות קומט חם ושלום אויף דער וועלט על עבודת כוכבים אויף דעם וואס מען דינט צוא דיא שטערין אונ מזלות· אונ עס איז מדה כנגד מדה ווייל זייא דינען צו כוכבים ומזלות דרום קומט אויף זייא אגלות אונ זייא ווערין פאר טריבין צוא אזוא איין פאלק וואס דינט צוא כוכבים ומזלות· ועל גלוי עריות אונ איבער זנות· אונ עס איז מדה כנגד מדה ווייל זייא האבין גיטריבין זנות· דרום ווערין זייא פאר טריבין אין גלות אונ זייערע טעכטער ווערין גיצוואונגען צו דיא וואס האבין זייא גיפאנגען· ועל שפיכות דמים אונ איבער דעם וואס מען פאר גיסט בלוט דאס ביינט מען איינער דעם אנדערין הרגעט אום זיסט אונ עס איז מדה כנגד מדה ווייל זייא האבין פאר גאסין בלוט אום זיסט דרום ווערין זייא פאר טריבין אונ זיינען אלע צייט אין דער סכנה פון דעם טויט אויך האבין זייא גרויסע צרות אונ פאר זובין טעם מיתה ועל שמיטת הארץ אונ פאר דעם וואס מען האלט ניט קיין שמטה· מען אקערט אונ מען זייעט אין דעם יאר פון שמטה אונ דאס איז אויך מדה כנגד מדה ווייל זייא האבין ניט גיוואלט לאזין רוען זייערע פעלדער אין שמטה; דרום ווערין זייא פאר טריבין פון זייער לאנד אונ דענטמאלט רוען דיא פעלדער אונ בלייבין ליידיג· בארבעה פרקים הדבר מתרבה אין פיר צייטין ווערט חם ושלום דער דבר גימערט ברביעית אין דעם פערטין יאר פון שמטה ובשביעית אונ אין שמטה ובמוצאי שביעית אונ אין דעם אנדערין יאר וואס נאך שמטה ובמוצאי החג אונ נאך סוכות שבכל שנה ושנה איטליכם יאר· איצונד איז דער תנא מפורש פאר וואס עס קומט אין דיא צייטין ברביעית אין דעם פערטין יאר פון שמטה קומט עס מפני מעשר עני שבשלישית מחמת דעם וואס מען האט ניט גיגעבין קיין מעשר עני אין דריטין יאר· ובשביעית אונ אין שמטה קומט עס מפני מעשר עני שבששית פאר דעם וואס מען האט ניט גיגעבין קיין מעשר עני אין דעם זעקסטין יאר פון שמטה דאס איז דאס יאר וואס פאר שמטה במוצאי שביעית אין דעם יאר וואס נאך שמטה קומט עס מפני פירות שביעית ווייל מען האט ניט מפקיר גיוועזן דיא פירות פון שמטה ובמוצאי החג שבכל שנה ושנה אונ נאך סוכות פון אלע יאר קומט עס מפני גזל

מתנות

בְּיוֹשְׁבִים לִפְנֵי חֲכָמִים סְפוֹג וּמַשְׁפֵּךְ מְשַׁמֶּרֶת וְנָפָה · סְפוֹג שֶׁהוּא סוֹפֵג אֶת הַכֹּל · וּמַשְׁפֵּךְ שֶׁמַּכְנִיס בְּזוֹ וּמוֹצִיא בְזוֹ · מְשַׁמֶּרֶת שֶׁמּוֹצִיאָה אֶת הַיַּיִן וְקוֹלֶטֶת אֶת הַשְּׁמָרִים · וְנָפָה שֶׁמּוֹצִיאָה אֶת הַקֶּמַח וְקוֹלֶטֶת אֶת הַסֹּלֶת: יט כָּל אַהֲבָה שֶׁהִיא תְלוּיָה בְדָבָר · בָּטֵל דָבָר בְּטֵלָה אַהֲבָה ·

מעשה אבות

מתנות עניים ווייל מען גזלת דיא עניים לֶקֶט שִׁכְחָה פֵּאָה: ארבע מדות באדם פיר ערלייא מדות איז פאר האנדין ביא דעם מענטשין וויא אזו ער פירט זיך מיט זיין חבר · האומר דער וואס זאגט כלומר ער פירט זיך מיט אזו איין אופן שלי שלי ושלך שלך מיינס איז מיינס · אונ דיינס איז דיינס · לאמיר איינער פון דעם אנדערין קיין הנאה ניט האבין זו מדה בינונית דאס איז אמיטעלסטע מדה ויש אומרים זו מדת סדום אונ אטייל זאגין דיא מדה האבין דיא לייט פון סדום גיהאט אז איינער פון דעם אנדערין זאל קיין הנאה ניט האבן · שלי שלך ושלך שלי אז ער האלט מיינס איז דיינס אונ דיינס איז מיינס עם הארץ דיא מדה איז פון איין עם הארץ ער וויל אזו פיל הנאה האבין פון יענם אזו וויא יענער פון אים שלי שלך ושלך שלך אז ער האלט מיינס איז דיינס אונ דיינס איז אויך דיינס חסיד דער איז איין פרומער שלי שלי ושלך שלי אז ער האלט מיינס איז מיינס אונ דיינס איז אויך מיינס רשע דער איז איין רשע: ארבע מדות ברעות פיר מדות איז פאר האנדין ביא דיא דעות פון מענטשין נוח לכעוס ונוח לרצות ווער עס ווערט גרינג ברוגז אונ איז ווידער גרינג באוויליגט צו ווערין עס גייט אים אפ דער כעס גיך יצא שכרו בהפסדו גייט אוועק זיין שכר כלומר דאס גוטסקייט וואס ער ווערט גיך גוט פאר דעם וואס ער איז גרינג צו ברוגז ווערין קשה לכעוס וקשה לרצות ווער עס איז שווער ער זאל ברוגז ווערין אבער עס איז אויך שווער צו איבער בעטין אים ווען ער ווערט ברוגז יצא הפסדו בשכרו גייט אוועק זיין שאדין כלומר דיא שלעכטע מדה וואס עס איז שווער איי מען בעט אים איבער אנטקעגין דעם וואס ער ווערט ניט גיך ברוגז · דען דאס וועגט איבער יענעם · קשה לכעוס ונוח לרצות ווער עס איז שווער איי ער ווערט ברוגז אונ איז גרינג אים איבער צו בעטין חסיד דער איז אן גיברייט צו זיין אפרומער אין אנדערע מצות אויך · ווייל ער האט אין זיך דיא מדה פון ניט צו זיין אין כעס אונ גיך איבער גיבעטין ווערין וואס דאס רוב מצות הייגען אין דער מדה · קען ער דער פון קומען צום גאנצין פרומקייט אונ חאטשע ער איז נאך ניט קיין חסיד מעג מען אים שוין מיט דעם נאמען רופין · דען ער איז אן גיברייט דער צו · דער לב אבות שרייבט דרום איז ער גירופין חסיד דען ווען ער האט דיא מדה ווייזט אוים אז ער איז ביא זיך גאר קליין דרום צארינט ער ניט אויף זיין חבר אונ אויך ווייזט אויש אז דיא שאץ פון זיין חבר איז ביי אים זייער גרוים · דען דרום ווערט ער גיך איבער גיבעטין · נוא וועט ער פאר גיווים זיין איין חסיד · דען אחכויר הייסט דער וואס טוט לפנים משורת הדין · נוח לכעוס וקשה לרצות דער וואס איז גרינג

וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר · אֵינָהּ בְּטֵלָה לְעוֹלָם · אֵיזוֹ הִיא אַהֲבָה שֶׁהִיא
תְלוּיָה בְדָבָר זוֹ אַהֲבַת אַמְנוֹן וְתָמָר · וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר זוֹ אַהֲבַת
דָּוִד וִיהוֹנָתָן: כ כָּל מַחֲלֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם: וְשֶׁאֵינָהּ
לְשֵׁם שָׁמַיִם אֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם · אֵיזוֹ הִיא מַחֲלֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם

## מעשה אבות

צו בְּרוֹגֶז וֶוערִין אונ איז שְׁוֶוער צו אִיבֶּער בֶּעטִין רשעדער וֶועט ניזוים זַיין אַיין רָשָׁע
חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ גִיט גיזינדיגְט דֶען וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ דִיא אונגְרִייגֶע מִדָּה
פוּן כַּעַס וֶועט דָאס אִים בְּרֵיינְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת · נוּא אִיז דָאךְ בְּשַׁעַת
עֶר אִיז אִין כַּעַס גְלַייךְ וִויא עֶר טוּט שׁוֹין דִיא עֲבֵירוֹת וָואס דֶער כַּעַס וֶועט אִים
מִיט בְּרֵיינְגֶען דֶער צוּ · דְרוּם רוּפְט אִים דֶער תַּנָא פַאר דֶער מִדָּה פוּן כַּעַס אַלֵיין
אוֹיךְ רָשָׁע · ארבע מדות בתלמידים פִיר מִדוֹת אִיז פַאר הַאנְדִין בַּייא דִיא תַּלְמִידִים וָואס
לֶערְנֶען מהיר לשמוע וֶוער עֶס אִיז גְרִינְג צוּ מְקַבֵּל זַיין וָואס עֶר לֶערִינְט ומהיר לאבד
אונ אִיז וִוידֶער גְרִינְג צוּ פַאר לִירִין עֶר פַאר גֶעסְט גִיךְ יצא שכרו בהפסדו גֵייט אַוֶועק זַיין
גוּטֶע מִדָּה וָואס עֶר אִיז גִיךְ מְקַבֵּל מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטֶס וָואס עֶר פַאר גֶעסְט גִיךְ קשה
לשמוע וקשה לאבד וֶוער עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּא מְקַבֵּל זַיין אונ אִיז שְׁוֶוער צוּא פַאר גֶעסִין
עֶר פַאר גֶעסְט נִיט גִיךְ יצא הפסדו גֵייט אַוֶועק דֶער שָׁאדִין וָואס עֶר קֶען נִיט גִיךְ
מְקַבֵּל זַיין בשכרו מִיט דֶעם נוּצְקַייט וָואס עֶר אִיז שְׁוֶוער צוּם פַאר גֶעסִין מהיר לשמוע
וקשה לאבד דֶער וָואס אִיז גִיךְ מְקַבֵּל אונ אִיז שְׁוֶוער צוּם פַאר גֶעסִין חכם דֶער אִיז
אַחָכָם קשה לשמוע ומהיר לאבד וֶוער עֶס קֶען נִיט גִיךְ מְקַבֵּל זַיין אונ עֶר פַאר גֶעסְט
גִיךְ וָואס עֶר לֶערִינְט זה חלק רע דָאס אִיז גָאר אִיבֶּער זַיין שְׁלֶעכְטִין חֵלֶק כְּלוֹמַר זַיינֶע
מַעֲשִׂים רָעִים הָאבִין גוֹרֵם גִיוֶועזֶען דֶער צוּ אונ דְרוּם הָאט זַיין חָכְמָה אִין אִים קַיין קִיּוּם
נִיט · ארבע מדות בנותני צדקה פִיר עֶרְלַייא מִדוֹת אִיז פַאר הַאנְדִין אִין דֶעם גֶעבֶּען
פוּן צְדָקָה הרוצה שיתן דֶער וָואס ווִיל עֶר אַלֵיין זָאל גֶעבִּין צְדָקָה ולא יתנו אחרים אונ
אַנְדֶערֶע זָאלִין גֶעבִּין וִויל עֶר נִיט · דֶען עֶר וַוייס אַז פוּן צְדָקָה וֶוערְט מֶען רַייךְ עינו
רעה בשל אחרים דֶער הָאט אַיין בֵּייז אוֹיג אוֹיף לַייט עֶר פַאר גִינְט נִיט יֶענֶער זָאל רַייךְ
וֶוערִין יתנו אחרים דֶער וָואס ווִיל אַנְדֶערֶע זָאלִין גֶעבִּין והוא לא יתן אונ עֶר זָאל נִיט
גֶעבִּין עינו רעה בשלו אִיז זַיין שְׁלֶעכְט אוֹיג גָאר אוֹיף זִיךְ וָואס אִים טוּט בַּאנְק זַיין גֶעלְט
יתן ויתנו אחרים דֶער וָואס עֶר ווִיל אַלֵיין גֶעבִּין אונ אַנְדֶערֶע זָאלִין אוֹיךְ גֶעבִּין חסיד
דֶער אִיז אַיין פְרוּמֶער לא יתן דֶער וָואס ווִיל אַלֵיין נִיט גֶעבִּין ולא יתנו אחרים אונ עֶר
ווִיל אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אוֹיךְ נִיט גֶעבִּין רשע דֶער אִיז אַיין רָשָׁע · עֶס אִיז קָשֶׁה דֶער
תַּנָא רֶעכִינְט דָאךְ דִיא פִיר דֵעוֹת וָואס בַּייא דִיא וָואס גִיבִּין צְדָקָה אונ עֶס אִיז דָאךְ
סֶער נִיט פַאר הַאנְדִין צְווִישִׁין דִיא וָואס עֶר רֶעכִינְט אוּיס נָאר צְווייא וָוארוּם דֶער
וָואס ווִיל אַנְדֶערֶע זָאלִין גֶעבִּין אונ עֶר נִיט · אונ אוֹיךְ דֶער וָואס ווִיל אַלֵיין נִיט
גֶעבִּין אונ אַנְדֶערֶע זָאלִין אוֹיךְ נִיט גֶעבִּין גִיהֶער דָאךְ נִיט גִירֶעכִינְט וֶוערִין צְווִישִׁין
דיא

זוֹ מַחֲלֹקֶת הִלֵּל וְשַׁמַּאי וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם זוֹ מַחֲלוֹקֶת קֹרַח וְכָל
עֲדָתוֹ: כא כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ וְכָל הַמַּחֲטִיא
אֶת הָרַבִּים אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה׃ מֹשֶׁה זָכָה וְזִכָּה אֶת
הָרַבִּים זְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ שֶׁנֶּאֱמַר צִדְקַת יְיָ עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו עִם יִשְׂרָאֵל:
כב יָרָבְעָם בֶּן נְבָט חָטָא וְהֶחֱטִיא אֶת הָרַבִּים חֵטְא הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ

מעשה אבות

דיא וואס גיבין צדקה וואָרום ער גיט ניט׃ דער תירוץ איז דרום רופט ער אן זאלע געבערם פון צדקה חאטשע צווייא פון זייא גיבין ניט׃ דען ווען עס זאל בטל ווערן דיא סבה וואס איבער דעם גיבין זייא ניט וואלטין זייא אויך גיגעבין׃ אונ דער יענין פון דעם איז אזו דער וואס וויל ער זאל געבין אונ אנדערע זאלין ניט געבין׃ דען ער האלט יענע האבין ניט צו געבין נאר ער וואס ער האט פיל עשירות ער מעג געבין׃ דער איז זיין אויג שלעכט אויף דיא אנדערע׃ דען עס ווערט גיזעהען אז זיין אויג איז ניט זאט מיט אביסל אונ ער האלט אז דער וואס האט ווייניג זאל ניט געבין׃ אונ דער וואס האלט ער זאל ניט געבין דען ער פאר מאגט ניט׃ אונ דאס וואס ער האט איז ווייניג פאר אים אבער אנדערע זאלין יוא געבין׃ דען זייא זיינען רייכער פון אים׃ דער האט איין שלעכט אויג אין זיינעם׃ עס איז אים קארג וואס ער האט אבער ער זאל האבין מער וואלט ער גיגעבין׃ דרום רעכינט אים דער תנא אויך צווישין דיא וואס גיבין׃ אונ דער וואס וויל ער זאל געבין אונ אנדערע זאלן אויך געבן חאטשע ער האט ווייניג אונ יענע האבן אויך ווייניג דער איז אחסיד אונ דער וואס וויל ער זאל ניט געבין אונ אנדערע זאלין אויך ניט געבין אפילו ווען ער פאר מאגט אונ יענע פאר מאגין אויך דער איז איין רשע׃ אבער עס זאל זיך צים אלם מאלען אז ער האט גאר אן שיעור וואלט ער גיטאן צדקה אלע צייט דרום רעכינט אים דער תנא צווישין דיא וואס גיבין צדקה: ארבע מדות בהולכי בית המדרש פיר מדות איז פאר האנדין בייא דיא וואס גייען אין בית המדרש אונ עס טרעפט זיך אים בשעת מעשה צוא טאן איין מצוה הולך ואינו עושה איינער גייט בעסער אין בית המדרש אונ טוט ניט דיא מצוה׃ ער לאזט זיא אוועק ווייל ער וויל גיין אין בית המדרש שכר הליכה בידו האט ער שכר פאר דעם וואס ער גייט אין בית המדרש עושה ואינו הולך אונ איינער טוט בעשער דיא מצוה אונ מחמת דעם גייט ער ניט אין בית המדרש דען ער דארף טאן דיא מצוה שכר מעשה בידו האט ער שכר פאר דעם וואס ער טוט דיא מצוה הולך ועושה אונ איינער פלייסט זיך ער זאל ביידע זאכין טאן ער זאל גיין אין בית המדרש אונ זאל דיא מצוה אויך טאן חסיד דער איז איין פרומער לא הולך ולא עושה דער וואס האט צייט צו טאן ביידע צו גיין אין בית המדרש אונ אויך צו טאן דיא מצוה אונ ער גייט ניט אונ טוט ניט רשע דער איז איין רשע: ארבע מדות ביושבים לפני חכמים פיר טייל איז אין דיא וואס זיצין פאר

חכמים

שֶׁנֶּאֱמַר עַל חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר חָטָא וַאֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת יִשְׂרָאֵל :
כג כָּל מִי שֶׁיֶּשׁ בּוֹ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הַלָּלוּ הוּא מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ וּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים הוּא מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע ׳ עַיִן טוֹבָה וְרוּחַ נְמוּכָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ ׳ עַיִן רָעָה וְרוּחַ גְּבוֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע ׳ מַה בֵּין תַּלְמִידָיו

### מעשה אבות

חכמים ספוג ומשפך משמרת ונפה איז דיא משנה מפורש ספוג אשוואם ׳ אזו וויא אשוואם נעמט איין אין זיך אונ אז מען וויל פון איר אויס ציהען מוז מען מיט דער האנט קוועטשין עס זאל אויס ריגען פון איר אזו אויך איז פאר האנדרין איין תלמיד וואס ער האט אין זיך דיא מעלה ער נעמט איין אין זיך גיך וואס ער הערט פון זיין רבי אבער ער האט אחסרון ער וויל ניט לערנען מיט זיין חבר דאס וואס ער האט מקבל גיוועזן פון זיין רבי נאר מיט גרויס נויט אונ גיבעט לערנט ער מיט זיין חבר אויך ומשפך אלייקע ׳ אזו וויא אלייקע וואס מען גיסט אין איר רינט גיך אויס אזו איז פאר האנדרין איין תלמיד וואס ער האט אין זיך דעם חסרון ער פאר געסט גיך וואס ער האט גילערינט אבער ער האט ווידער דיא מעלה ער לערינט מיט זיין חבר אויך וואס ער איז מקבל ׳ משמרת אזייערי אזו וויא פון אזייער רינט אויס דיא ווין אונ דיא הויבין בלייבין אין אים אזו איז פאר האנדרין איין תלמיד וואס דיא גוטע זאכין וואס ער הערט פאר געסט ער גיך אונ דיא שלעכטע זאכין בלייבט ביא אים אין זכרון ׳ אבער ער האט דיא מעלה אז דיא גוטע זאכין לערינט ער מיט זיין חבר אויך אונ דיא שלעכטע זאכין בלייבין ביא אים אונ ער זאגט ניט קיינעם אזוא וויא אזייער וואס לאזט ארויס דעם ווין אונ דיא הויבין בלייבין אין אים : ונפה אונ אזיפ ׳ אזו וויא אזיפ וואס מען זיפט ווייץ פאלט ארויס דיא פסולת אונ דיא מעל בלייבט ׳ אזוא אויך איז פאר האנדרין איין תלמיד וואס דיא גוטע זאכין גידיינקט ער אונ דיא שלעכטע פאר געסט ער ׳ אבער ער האט אין זיך אחסרון אז דיא שלעכטע זאכין וואס ער הערט פון זיין חבר דער ציילט ער פאר אנדערע כדיי יענער זאל מבוזה ווערין ׳ אונ דיא גוטע זאכין וואס ער האט פון אים גיהערט דער ציילט ער ניט : כל אהבה שהיא תלויה בדבר אזוא איין ליבשאפט וואס הייננט אין אזאך בטל דבר בטלה אהבה אז דיא זאך ווערט בטל ווערט דאס ליבשאפט אויך בטל ׳ דער תנא לאזט אונז הערין אז איין מענטש גיהער צו ליב האבין השי"ת אזוא איין ליבשאפט וואס הייננט ניט אין קיין זאך וועט דיא אהבה קיין מאל ניט בטל ווערין ׳ אבער אז דער מענטש האט ליב השי"ת איבער אזאך ׳ למשל ווייל ער גיט אים עשירות אדער נאך אזוא איין גלייכין ׳ דערנאך אז גאט ב"ה מבטל דיא זאך ער נעמט ביא אים צוא דאס עשירות ווייל ער זעהט אז ער האט אים נאר ליב צוא ליב דעם אונ מחמת דעם ווערט בטל דאס ליבשאפט וואס ער האט ליב גיהאט צוא

שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע · תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין הָעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר לְהַנְחִיל אֹהֲבַי יֵשׁ וְאוֹצְרוֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא · אֲבָל תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע יוֹרְשִׁין גֵּיהִנֹּם וְיוֹרְדִין לִבְאֵר שַׁחַת שֶׁנֶּאֱמַר וְאַתָּה אֱלֹהִים תּוֹרִדֵם לִבְאֵר שַׁחַת אַנְשֵׁי

מעשה אבות

גָאט · איזו היא אהבה שהיא תלויה בדבר וָואס אִיז דִיא אַהֲבָה וָואס זִיא הֵיינְגְט אִין אֵיין זַאךְ זו אהבת אמנון ותמר וָואס אַמְנוֹן הָאט לִיבּ גִיהַאט צוּא תָּמָר וָואס דָאס אִיז נָאר גִיוֶוען כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר לִיגִין · אָבֶער נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיא פֵיינְד גִיקְרִיגִין · אַזוֹא אוֹיךְ אִיז דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּא השי״ת וֶוען עֶס אִיז קֵיין גוּטֶע מַחֲשָׁבָה נִיט פַאר הַאנְדִין דְרִינֶען נָאר עֶס הֵיינְגְט אִין אַזַאךְ וֶועט גִיוִויס דִיא זַאךְ בָּטֵל וֶוערִין אוּנ דִיא אַהֲבָה וֶועט אוֹיךְ בָּטֵל וֶוערִן · אוּנ וֶוען דוּא וֶועסְט זֶעהֶען אַז אֵיינֶער הָאט לִיבּ השי״ת אִיבֶּער אַיין זַאךְ אוּנ עֶס הָאט פָּארְט אַקִיוּם אִיז מַסְתְּמָא אִין זַיין לִיבְּשַׁאפְט פַאר הַאנְדִין אַגוּטֶע מַחֲשָׁבָה אוֹיךְ · ושאינה תלויה בדבר אוּנ וֶועלְכֶע לִיבְּשַׁאפְט הֵיינְגְט נִיט אָן אִין אַיין זַאךְ · זו אהבת דוד ויהונתן דָאס אִיז דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דָוִד הָאט זִיךְ לִיבּ גִיהַאט מִיט יְהוֹנָתָן · כל מחלוקת שהיא לשם שמים דִיא קְרִיג וָואס אִיז פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִינְס כָּבוֹד וֶוענִין סופה להתקיים אִיז דֶער סוֹף פוּן זֵייא אַז זֵייא הָאבִּין בֵּיידֶע אַקִיוּם ושאינה לשם שמים אוּנ דִיא קְרִיג וָואס אִיז נִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם אין סופה להתקיים אִיז דֶער סוֹף הָאבִּין זֵייא קֵיין קִיוּם נִיט איזו היא מחלוקת שהיא לשם שמים וֶועלְכֶעס מַחֲלוֹקֶת אִיז יוֹא גִיוֶועזְן לְשֵׁם שָׁמַיִם זו מחלוקת הלל ושמאי דָאס אִיז דָאס מַחֲלוֹקֶת פוּן הִלֵּל מִיט שַׁמַּאי וָואס זֵייא הָאבִּין גִיקְרִיגְט אִין דִיא דִינִים פוּן דֶער תּוֹרָה · אוּנ הָאטְשֶׁע עֶס בְּלַייבְּט נִיט דִיא הֲלָכָה אַזוֹא וִויא בֵּית שַׁמַּאי פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז זֵייעֶר שְׂכַר אַזוֹ גְרוֹיס אַזוֹ וִויא דֶער שְׂכַר פוּן בֵּית הִלֵּל · דֶען זֵייעֶר קְרִיג אִיז דָאךְ גִיוֶועזְן פוּן גָאטְס וֶועגִין ושאינה לשם שמים וֶועלְכֶעס מַחֲלוֹקֶת אִיז נִיט גִיוֶועזְן לְשֵׁם שָׁמַיִם זו מחלוקת קרח וכל עדתו דָאס מַחֲלוֹקֶת וָואס קֹרַח מִיט זַיין עֵדָה הָאבִּין גִיקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן : כל המזכה את הרבים וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה פִיל מֶענְטְשִׁין זֵייא זָאלִין טָאן מִצְוֹת אין חטא בא על ידו קוּמְט אִים נִיט אִין הַאנְט קֵיין עֲבֵירָה · וכל המחטיא את הרבים אוּנ וֶוער עֶס מַאכְט זִינְדִיגִין פִיל לַייט אין מספיקין בידו לעשות תשובה לָאזְט מֶען נִיט מִן הַשָּׁמַיִם עֶר זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טָאן · משה זכה וזכה את הרבים מֹשֶׁה הָאט אַלֵיין גוּטְס גִיטָאן אוּנ הָאט גִימַאכְט רַבִּים זָאלִין גוּטְס טָאן זכות הרבים תלוי בו הֵיינְגְט דֶער זְכוּת פוּן רַבִּים אִין אִים שנאמר אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט צדקת ה׳ עשה דִיא גִירֶעכְט פוּן גָאט הָאט עֶר גִיטָאן · ומשפטיו עם ישראל אוּנ דִיא מִשְׁפָּטִים וָואס דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִיטָאן אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט גִיטָאן : ירבעם בן נבט חטא והחטיא את הרבים יָרָבְעָם הָאט אַלֵיין גִיזִינְדִיגְט אוּנ הָאט גִימַאכְט זִינְדִיגִן פִיל מֶענְטְשִׁין חטא הרבים תלוי בו הֵיינְגְט דִיא זִינְד פוּן רַבִּים אִין אִים שנאמר אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט על חטאות ירבעם בן נבט אשר חטא

דָּמִים וּמִרְמָה לֹא יֶחֱצוּ יְמֵיהֶם וַאֲנִי אֶבְטַח בָּךְ: כד יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא אוֹמֵר הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר וְקַל כַּנֶּשֶׁר רָץ כַּצְּבִי וְגִבּוֹר כָּאֲרִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ שֶׁבַּשָּׁמָיִם: כה הוּא הָיָה אוֹמֵר עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם וּבוֹשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן:

### מעשה אבות

אויף דיא זינד פון יָרָבְעָם בֶּן נְבָט וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גִיזִינְדִיגְט ואשר החטיא את ישראל אונ וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט זִינְדִיגֶן דיא יִשְׂרָאֵל דָאס אִיז אַלְץ גִירֶעכִינְט אויף יָרָבְעָם וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט (חטאות) דיא זִינְד אִיז מַשְׁמַע צְווייא דָאס וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גִיזִינְדִיגְט אונ וָואס דיא רַבִּים הָאבִּין גִיזִינְדִיגְט וֶוערְט אויך אָן גִירוּפִין זַיין זִינְד: כל מי שיש בו דֶער וָואס בַּייא אִים אִיז פַאר הַאנְדִין שלשה דברים הללו דִיא דָאזִיגֶע דְרַייא זַאכִין וָואס וַוייטֶער שְׁטֵייט הוא מתלמידיו של אברהם אבינו אִיז עֶר פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ · ושלשה דברים אחרים אונ אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע דְרַייא זַאכִין וָואס וַוייטֶער שְׁטֵייט · הוא מתלמידיו של בלעם הרשע אִיז עֶר פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע · עין טובה וֶוער עֶס הָאט אַיין גוּטֶע אויג עֶר פְרֵייעֶט זִיךְ מִיט זַיין טַייל וָואס גָאט הָאט אִים גִיגֶעבִּין ורוח נמוכה אונ אַיין נִידֶערִיג גִימִיט עֶר הַאלְט זִיךְ נִיט גְרוֹיס · ונפש שפלה אונ אַיין נִידֶערִיגֶע גִילוּסְט עֶר גִילוּסְט נִיט צוּא קֵיין תַּעֲנוּגִים מתלמידיו של אברהם אבינו דֶער אִיז פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ: עין רעה אָבֶּער דֶער וָואס הָאט אַשְׁלֶעכְט אויג עֶס אִיז אִים קַארְג וִויא פִיל עֶר הָאט ורוח גבוהה אונ אַהוֹיךְ גִימִיט עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס ונפש רחבה אונ אַבְּרֵייט גִילוּסְטוּנְג עֶר גִילוּסְט צוּ תַּעֲנוּגִים מתלמידיו של בלעם הרשע אִיז עֶר פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע: מה בין תלמידיו של אברהם אבינו וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישִׁין דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ לתלמידיו של בלעם הרשע צוּ דִיא תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע תלמידיו של אברהם אבינו דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוכלין בעולם הזה עֶס אִיז זֵייא גוּט אויף דֶער וֶועלְט דֶען דֶער וָואס הָאט אַגוּטֶע אויג אונ עֶר פְרֵייעֶט זִיךְ מִיט זַיין טַייל וָואס השי"ת גִיט אִים זָארְגְט עֶר קֵיין מָאל נִיט אונ זַיין הַארְץ טוּט אִים נִיט וֵוייא · אונ אויךְ דֶער וָואס הָאט אַנִידֶערִיגֶע גִימִיט אונ הַאלְט זִיךְ נִיט גְרוֹיס אִיז עֶר קֵיין מָאל נִיט אִין צַארִין · אונ אויךְ דֶער וָואס הָאט אַיין נִידֶערִיגֶע גִילוּסְט אונ גִילוּסְט נִיט צוּא דִיא תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט אִיז עֶר תָּמִיד גִיזוּנְד · נוא הָאט עֶר דָאךְ עוֹלָם הַזֶּה ונוחלין העולם הבא אונ זֵייא יַרְשְׁעֶנֶען עוֹלָם הַבָּא אויךְ דֶער מִיט · שנאמר אַזוֹא וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט להנחיל אוהבי יש צוּא מַאכִין אַרְבִּין מַיינֶע לִיבּ הָאבֶּערְס אִיז פַאר הַאנְדִין · ואוצרותיהם אמלא אונ זֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת וֶועל אִיךְ מָאן דֶער פִּילִין: אבל תלמידיו של בלעם הרשע אָבֶּער דִיא תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע יורשים גיהנם זֵייא יַרְשְׁעֶנֶען דֶעם גֵיהִנֹּם אויף דֶער וֶועלְט עֶס אִיז זֵייא אויךְ דֶר וֶועלְט שְׁלֶעכְט · דֶען דֶער וָואס הָאט אַשְׁלֶעכְטֶע אויג עֶס אִיז אִים קַארְג וִויא פִיל עֶר הָאט קֶען עֶר זִיךְ קֵיין מָאל נִיט בַּאנוּגִין אונ הָאט תָּמִיד דַּאֲגָה עֶר זָאל מֶער הָאבִּין · אונ אויךְ דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אִיז עֶר תָּמִיד אִין צַארִין אונ אַלֶע זַיינֶע טֶעג זַיינֶען מִיט וַוייטָאגִן · דֶען עֶס וַוייזְט זִיךְ אִים אַלְץ

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ׃ כו הוּא הָיָה אוֹמֵר בֶּן חָמֵשׁ שָׁנִים לַמִּקְרָא בֶּן עֶשֶׂר שָׁנִים לַמִּשְׁנָה בֶּן שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה לַמִּצְוֹת בֶּן חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה לַגְּמָרָא

מעשה אבות

אוּים אַז מֶען רִירְט אָן אִין זַיין כָּבוֹד · אוּנ אוֹיךְ דֶער וָואס גִילוּסְט צוּא תַּעֲנוּגִים דָאס מַאכְט שְׁלַאף דֶעם מֶענְטְשִׁין נוּא הָאט עֶר דָאךְ נִיט קַיין עוֹלָם הַזֶּה ויורדים לבאר שחת אוּנ נִידֶערִין צוּם פַאר דָארְבֶּענִים גְרוּבּ שנאמר אַזוֹא וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ואתה אלהים תורידם לבאר שחת אוּנ דוּא גָאט וֶועסְט זֵייא מַאכִין נִידֶערִין צוּם פַאר דָארְבֶּענֶעם גְרוּבּ אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם דִיא לַייט פוּן שוּלְד בְּלוּט אוּנ שַׁאלְקְהַאפְטִיגֶע וֶועלִין נִיט קוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע הַאלְבֶּע יָארִין ואני אבטח בך אוּנ אִיךְ וֶועל מִיךְ פַאר זִיכֶערִין אִין דִיר גָאט בָּרוּךְ הוּא׃

יהודה בן תימא אומר יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא זָאגְט הוי עז כנמר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז מִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער צַייט אָן וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין מוּטֶערְס בּוֹיךְ אוּנ דְרוּם אִיז דִיא טֶבַע פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל נָאךְ גֵייגִין נָאךְ אִים · אוּנ אַלֶע זַיינֶע אֵבָרִים זַיינֶען מְשׁוּעְבָּד צוּם יֵצֶר הָרָע דְרוּם הָאט דֶער תַּנָּא גִיזָאגְט דוּא זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אַזוֹא וִויא אַלֶעמְפֶערְט אַנְטְקֶעגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ זָאלְסְט נִיט בַּאגֶערִין זַיין גוּטְס וָואס עֶר וֶועט דִיר אַיין רֵיידִין אוּנ זָאלְסְט גִיט צוּ הֶערִין זַיין קוֹל וקל כנשר אוּנ זָאלְסְט זַיין גְרִינְג אַזוֹא וִויא אַיין אָדְלֶער פְלִיט אַזוֹא זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע · אוּנ אֲפִילוּ וֶוען דוּא לוֹיפְשְׁט פוּן אִים אַוֶועק זָאלְסְטוּ זַיין ורץ כצבי אַזוֹא וִויא אַהִירְשׁ אַז עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִיא וָואס קוּמֶען אִים חַאפִּין קוּקְט עֶר אַרוּנְטֶער אַלֶע מָאל צוּא זֶעהֶען אוֹיבּ מֶען יָאגְט נָאךְ אַזוֹא אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֶע מָאל אוּם קוּקֶען צוּא זֶעהֶען טָאמֶער יָאגְט דֶער יֵצֶר הָרָע דִיךְ נָאךְ וגבור כארי אוּנ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע יָאגְט דִיךְ נָאךְ אוּנ בַּאקוּמְט דִיךְ זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק וִויא אַיין לֵייבּ · נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז עז כנמר דָאס גֵייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן פְרוּמְקֵייט דָאס אָפְט מָאל שֶׁעמְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּא טָאן אַיין דְבַר חֲסִידוּת וַוייל מֶען וֶועט אוֹיס אִים שְׁפֶּעטִין · דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא דוּא זָאלְסְט אִין זִיךְ הָאבִּין שְׁטַארְקֵייט אַזוֹא וִויא אַלֶעמְפֶערְט צוּ טוּאן אַיין דְבַר חֲסִידוּת אוּנ זָאלְסְט זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען פַאר קֵיינֶעם · וקל כנשר אוּנ זָאלְסְט זַיין גְרִינְג אַזוֹ וִויא אַיין אָדְלֶער פְלִיט גִיךְ צוּא זַיין עֶסִין אַזוֹא זָאלְסְטוּ זַיין גִיאַייְלְט צוּא טָאן אַמִצְוָה דֶען דָאס אִיז שְׁפַּייז צוּא דַיין נְשָׁמָה · ורץ כצבי אוּנ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפִין פוּן אַיין עֲבֵירָה אַזוֹ וִויא אַהִירְשׁ לוֹיפְט וגבור כארי אוּנ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק וִויא אַלֵייבּ צוּא בְּרֶעכִין שְׁלֶעכְטִקֵייט לעשות רצון אביך שבשמים אוּנ דָאס זָאל אַלְץ זַיין פוּן וֶועגִין צוּא טָאן דֶעם ווילִין פוּן דַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימִיל דָאס אִיז גָאט ב״ה אוּנ עֶס זָאל נִיט זַיין דְרִינֶען קַיין אַנְדֶער מַחֲשָׁבָה · דֶער אַבְּרְבַּנֶעל שְׁרַייבְּט עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין פִיר סִבּוֹת וָואס זֵייא בְּרֵיינְגֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּא דֶער וַוייטֶערִין אִים פוּן מִצְוֹת · דִיא עֶרְסְטֶע סִבָּה אִיז דִיא בּוּשָׁה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שֶׁעמְט זִיךְ צוּא טוּאן

פאר

**בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַחֻפָּה בֶּן עֶשְׂרִים לִרְדּוֹף בֶּן שְׁלֹשִׁים לַכֹּחַ בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה בֶּן חֲמִשִּׁים לְעֵצָה בֶּן שִׁשִּׁים לְזִקְנָה בֶּן שִׁבְעִים לְשֵׂיבָה בֶּן שְׁמוֹנִים**

### מעשה אבות

פאר דיא וואס וועלין שפעטין פון איהם דרויף זאגט דער תנא עז כנמר דוא זאלסט זיין שטארק אזוא וויא אלעמפערט מיינט מען דוא זאלסט זיך נים פאר מיירין פון צוא טאן מצות ווייל מען וועט שפעטין פון דיר אונ זאלסט ארוים שטעלין דיין שטערין אנטקעגין זייא אזוא וויא אלעמפערט שטייט אין מיטין וועג אונ פארכט זיך נים פאר דיא מענטשין וואס פארין היין אונ הער · דיא אנדערע סבה איז דיא טרדה וואס דער מענטש האט אונ טראכט טאג אונ נאכט אויף זיין גוטם ער זאל נים שאדין האבין דרום פאר לאזט ער דיא מצות איבער זיין טרדה · דרויף זאגט דער תנא וקל כנשר דוא זאלסט זיין גרינג אזוא וויא איין אדלער וואס פליט הויך כלומר אפילו דענטמאלט ווען דוא ביסט עוסק אין דיא זאכין פון עולם הזה זאלסטו דער עיקר מיינען דיא זאך וואס קומט פון דעם ארוים לעולם הבא דיא וועלט וואס זיא איז העכער פון דיר · דיא דריטע סבה איז דאס פוילקייט אונ דאס שלאפריקייט פון דעם מענטשין אונ ווען ער איז שלאף · דאס ברייננט איהם ער זאל זיך פוילין צוא טאן מצות אונ דאס איז דאך ניוויס ווען איין מענטש איז נים בייא זיין כח אונ ער ליגט אויף זיין בעט אין איין נאכט וואס עס גיסט אגרויסער רעגין אונ עס איז פינסטער אונ ער איז שלעפערדיג ווען מען זאל איהם זאגין אז איין גייטיל מיט געלט ליגט אויף דער גאס אונ קיינער זעהט איהם נים וואלט ער גיווים גיאיילט אונ גיצישטערט אויף צוא שטיין אונ וואלט אפ גיטאן דאס פוילקייט פון זיך אונ מחמת גרוים איילעניש וואלט ער נים גיקענט טרעפין זיינע מלבושים וועלכעס ער זאל פריער אן טאן אונ וואלט גילאפין אזוא וויא אהירש לויפט ער וואלט גאר נים גיפילט דיא שטיינער וואס ליגין אויף דעם וועג אונ דאס אלץ איז דאך צוא ליב דעם געלט וועגין וואס עס קען זיין ער זאל עס גאר נים גיפינען אונ אפילו ווען ער וועט עס יוא גיפינען איז עס דאך גאר ווינציג אונ שטויב · ער וועט עס נים מיט נעמען נאך זיין טויט · מכל שכן אז עס איז ראוי דער מענטש זאל לויפין אזוא וויא אהירש צוא טאן גאטס ווילין וואס דאס איז בעסער פון גאלד אונ גין גאלד דאס מיינט דער תנא ורץ כצבי זאלסט לויפין וויא אהירש · דיא פערטע סבה איז וואס דער מענטש האט מורא צו טאן מצות איבער דיא רשעים וואס זייא ווילין איהם שלעכטס טאן · דרויף זאגט דער תנא וגבור כארי זאלסט זיין שטארק וויא איין לייב אונ זאלסט קיין פארכט נים האבין פאר זייא : הוא היה אומר ער פלעגט צוא זאגין עז פנים לגיהנם איין עז פנים וועט זיין אין גיהנם ובושת פנים לגן עדן אונ דער וואס האט אין זיך דיא מדה פון בושה וועט זיין אין גן עדן ווייל דער תנא האט דא פריער גישריבין אז מען זאל אין זיך האבין עזות אזוי וויא אלעמפערט צוא גאטס דינסט דרום פירט ער אויס אבער צוא אנדערע זאכין טאר מען קיין עזות נים האבין · דען מען האט

פון

לִגְבוּרָה בֶּן תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ בֶּן מֵאָה כְּאִלּוּ מֵת וְעָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם: כו בֶּן בַּג בַּג אוֹמֵר הֲפָךְ בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ דְּכֹלָּא בָהּ וּבָהּ תֶּחֱזֵי וְסִיב וּבְלֵה

### מעשה אבות

פון דעם גיהנם׳ אונ ווייל עס קען זיין דאס מיט רעם וואס דער מענטש וועט באקומען דיא מדה פון עזות צוא עבודת הבורא יתברך שמו׳ וועט ער מסילא קומען צוא דער מדה פון עזות אנטקעגין אנדערע זאכין אויך׳ דרום האט דער תנא דרויף נאט געבעטין אונ האט געזאגט יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר אונזער גאט שתבנה עירך במהרה בימינו דוא זאלסט בויען דיין שטאט גיך אין אונזערע טעג וועלין מיר שוין ניט דארפין אן קומען צוא דער מדה פון עזות אפילו צוא גאטס דינסט דען עס וועט דעמאלט ניט זיין קיין יצר הרע׳ ותן חלקנו בתורתך אונ גיב אונזער חלק אין דיין תורה׳ דען דיא תורה וואס דער מענטש לערינט מאכט אונטער טעניג דעם יצר הרע: הוא היה אומר ער פלעגט זאגין בן חמש שנים אז דער מענטש ווערט אלט פינף יאר למקרא זאל מען מיט אים לערנען הומש אונ פסוק בן עשר שנים למשנה אז ער איז אלט צעהען יאר זאל מען מיט אים לערנען משניות בן שלש עשרה למצות אז ער ווערט אלט דרייצעהען יאר איז ער חייב צוא טאן אלע מצות בן חמש עשרה לגמרא אז ער איז אלט פופצעהען יאר זאל ער לערנען גמרא בן שמונה עשרה להופה אז ער ווערט אכצעהען יאר זאל ער חתונה האבין בן עשרים לרדוף אז ער איז אלט צוואנציג יאר זאל ער נאך יאגין נאך דער פרנסה בן שלשים לכח אז ער איז אלט דרייסיג יאר דעמאלט איז דער רעכטער כח נאך יאגין נאך מצות אונ נאך פרנסה בן ארבעים לבינה אז ער איז אלט פערציג יאר קומט ער צום רעכטין פאר שטאנד בן חמשים לעצה אז ער איז אלט פופציג יאר איז ער ראוי מען זאל אים פרעגין איין עצה בן ששים לזקנה אז ער איז אלט זעכציג יאר ווערט ער גירופין זקן בן שבעים לשיבה אז ער איז אלט זיבעציג יאר הייסט דאס שיבה׳ דאס לאזט מיך דער תנא הערין כדי א מענטש זאל מקיים זיין דעם פסוק (מפני שיבה תקום) אונ אונזערע חכמים האבין גידרשת אז מען מיינט איי דוא וועסט קומען צוא דיא טעג פון שיבה זאלסטו תשובה טאן אונ זאלסט זיך שטארקין אויף דעם יצר הרע׳ דען עס איז ניט גלייך דער וואס טוט תשובה איי ער קומט צוא דער צייט פון שיבה צוא דעם וואס ער האט גיגרייכט צוא דער צייט פון שיבה אונ זיינע זינד זיינען נאך פאר בונדין אין זיין קלייד אויף דעם אקזיל׳ בן שמונים לגבורה אז ער איז אלט אכציג יאר זאל ער זיך פארט שטארקין אויף דעם יצר הרע אונ ער זאל זיך ניט טראכטין ער איז שוין אזוא אלט וועט דער יצר הרע אים געוויס ניט ברייננען צוא קיין שלעכטין בן תשעים אז ער איז אלט נייגציג יאר וואס דעמאלט איז ער שוין גאר שלאף אונ דארף זיך שוין ניט שטארקין אויף דעם יצר הרע דען ער האט שוין קיין כח ניט צוא טאן איין עבירה לשוח פון דעסט וועגין זאל ער זיך אפ היטין צו זינדיגין מיט רייד דען ער האט נאך כח צואריידין

הע׳

בָּהּ וּמָנֶה לָא תָזוּעַ שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה הֵימֶנָּה: בֶּן הֵא הֵא אוֹמֵר לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא: רבי חנניא וכו׳

# פרק ששי

כל ישראל וכו׳

שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם: א רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁכָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי הוּא לוֹ נִקְרָא רֵעַ אָהוּב אוֹהֵב אֶת הַמָּקוֹם

מעשה אבות

קָען אים דער יֵצֶר הָרָע מַאכִין זינְדִיגִין ער זָאל הֵיידין שְׁלֶעכְטֶע רֵייד בן מאה אַז עֶר אִיז אַלְט הוּנְדֶערְט יָאר כאלו מת אִיז גְלַייךְ וויא עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין ועבר ובטל מן העולם אוּנ אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגְען אוּנ אִיז בָּטֵל פוּן דֶער וֶועלְט · דֶער מִיט לָאוְט מִיךְ דֶער תַּנָא הֶערִין אַז אַיין מֶענְטְשׁ זָאל נִיט וַוארְטִין תְּשׁוּבָה טָאן בִּיז עֶר וֶועט אַלְט זַיין הוּנְדֶערְט יָאר דֶען דֶענְמָאלְט אִיז גְלַייךְ וויא עֶר טוּט נָאר קַיין תְּשׁוּבָה נִיט אוּנ אַזוֹ וויא אַמֶענְטְשׁ אַז עֶר שְׁטַארְבְּט הָאט עֶר דָאךְ גִיווִיס חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע זִינְד אָבֶער עֶס הֶעלְפְט אִים נִיט · דֶען דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹ אוֹיךְ אִיז דִיא תְּשׁוּבָה פוּן דֶעם וָואס אִיז שׁוֹין אַלְט הוּנְדֶערְט יָאר אִיז גְלַייךְ וויא עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין דֶען דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ בְּכֹחַ צוּא זִינְדִיגִין: בן בג בג אומר בֶּן בַּג בַּג זָאגְט הפך בה קֶער אוּם אִין אִיר אִין דֶער תּוֹרָה והפך בה אוּנ נָאךְ אַמָאל קֶער אוּם אִין דֶער תּוֹרָה דכולא בה אַלֶץ וֶועסְטוּ גִיפִינֶען אִין דֶער תּוֹרָה וָואשׁ דוּא וֶועסְט מֶער טְרַאכְטִין אִין דֶער תּוֹרָה וֶועסְטוּ גִיפִינֶען נַייעֶשׁ ובה תחזי אוּנ אִין דֶער תּוֹרָה זָאלְסְטוּ אַלֶץ קוּקִין ומנה לא תזוע אוּנ פוּן דֶער תּוֹרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט אַוֶועק רִירִין שא ין לך מדה טובה הימנה דֶען עֶשׂ אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶער תּוֹרָה: בן הא הא אומר בֶּן הֵא הֵא זָאגְט לפום צערא נָאךְ דֶעם צַעַר וָואשׁ אַמֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַטְרִיחַ פוּן דֶער תּוֹרָה וֶוענִין אגרא אַזוֹ פִיל אִיז זַיין גִיצָאלְט לְעוֹלָם הַבָּא:

פרק ששי שנו הכמים דִיא חֲכָמִים וָואס הָאבִּין כְּסֵדֶר גִיוֶועִן דִיא גְמָרָא הָאוּנִין דֶעם פֶּרֶק גִישְׁטֶעלְט אוֹיף לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ חָאטְשֶׁע עֶס אִיז אַבְרַיְיתָא וָואלְט גִיקֶענְט שְׁטֵיין בִּלְשׁוֹן תַּרְגּוּם הָאבְּן זַייא דֶעם פֶּרֶק חָשׁוּב גִימַאכְט אַזוֹ וויא מִשְׁנָיוֹת ברוך גִילוֹיבְּט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ שבחר בהם וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס.דֶער וֶויילְט אִין דִיא חֲכָמִים ובמשנתם אוּנ אִין זַייעֶר לֶערְנוּנְג: רבי מאיר אומר רַבִּי מֵאִיר זָאגְט כל העוסק בתורה לשמה וֶוער עֶס לֶערְינְט תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם זוכה לדברים הרבה אִיז עֶר זוֹכֶה צוּא פִיל זַאכִין ולא.עוד אוּנ נָאךְ מֶער אלא שכל העולם כולו נָאר גָאר דִי וֶועלְט כדאי.הוא לו אִיז נִיגְנ פַאר אִים כְּלוֹמַר גָאר דִיא וֶועלְט הָאט אַקִיוּם פוּן זַיינְט וֶועגְן · נקרא רע עֶר וֶוערְט גִירוּפְן גִיזֶעלְן כְּלוֹמַר וַוייל גָאר דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אִין זַיין זְכוּת אִיז עֶר גְלַייךְ וויא אַשׁוּתָּף צוּ נָאמוּ בָּרוּךְ הוּא אִין דֶר וֶועלְט אהוב עֶר אִיז גִילִיבְּט בַּייא הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אוהב את המקום עֶר הָאט לִיבּ נָאמוּ בָּרוּךְ הוּא אוהב את הבריות עֶר הָאט לִיבּ לַייטִין הֶחָסִיד דֵל שְׁרַייבְּט דְרוּם בְּרַייגְנְט

כים

**אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת מְשַׂמֵּחַ אֶת הַמָּקוֹם מְשַׂמֵּחַ אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמַלְבַּשְׁתּוֹ עֲנָוָה וְיִרְאָה וּמַכְשַׁרְתּוֹ לִהְיוֹת צַדִּיק חָסִיד יָשָׁר וְנֶאֱמָן וּמְרַחַקְתּוֹ מִן**

מעשה אבות

מיט דאס לערנען מען זאל ליב האבן לייט · דען ער איז ניט מקנא אויף דעם גוטשקייט פון דער וועלט ווייל ער איז באהעפט אין דיא מצות פון גאט ב"ה איז בייא אים ניט פאר האנדין קיין סבה אז דורך איר זאל ער יענעם פיינד האבן · דען די טבע פון דעם מענטשין איז ער זאל יוא ליב האבן מענטשן נייערט ווען עס שלאגט זיבער קנאה אונ תאוה אונ כבוד משמח את המקום ער מאכט פרייען גאט · דען השם יתברך וויל דאך נאר גוטש טאן צוא זיינע באשעפענעש אונ ער פרייט זיך ווען ער טוט מיט זייא גוטש אונ איצונד אז דער וואס לערינט תורה איז גורם צוא ברייננען גוטש אויף דער וועלט מאכט ער דאך אז השם יתברך זאל זיך פרייען משמח את הבריות ער מאכט פרייען לייטין דען אין זיין זכות טוט מען מיט זייא גוטש ומלבשתו ענוה אונ די תורה קליידעט אים אן נידעריקייט ער זאל בייא זיך נידעריג זיין ויראה אונ פארכט האטשע ער איז בייא זיך נידעריג איז זיין פארכט גיווארפין אויף לייט מען האט מורא פר אים ומכשרהו להיות צדיק אונ זיא מאכט אים רעכט פארטיג ער זאל זיין א צדיק דאס הייסט ער גייט מיט זיין גאנצקייט אונ עס איז ניט פאר האנדן אין זיינע וועגן קיין אום רעכט חסיד נאך דעם ווערט ער א חסיד ער טוט לפנים משורת הדין ישר ארעכט פארטיגער חסיד · דען עס איז פאר האנדן המידות וואס עס איז נארישקייט · דהיינו ווען א מענטש זעהט איין אשה טרינקט זיך אין טייך אונ ער זאגט איך וועל זיא ניט גיין מציל זיין טאמער וועל איך זיך אן רירין אין איר דרום זאגט דער תנא אז די תורה מאכט דעם מענטשן ער זאל זיין א חסיד מיט רעכט פארטיקייט נאמן אונ איין באגלייבטער ער זאל קיין מאל ניט אפ קערין פון דעם גוטין וועג ומרחקתו מן החטא אונ זיא דער ווייטערט אים פון זינד ומקרבתו לידי זכות אונ זיא מאכט אים גינעהנען צוא מצות ונהנין ממנו עצה אונ מען האט פון אים הנאה וואס ער גיט איין עצה ותושיה בינה וגבורה אונ ער לערינט יענעם תורה אונ פארשטאנדיקייט אונ שטארקייט אויף דעם יצר הרע שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט לי עצה ותושיה אני בינה לי גבורה צוא מיר תורה איז דיא ראט אונ גדולה אונ פארשטאנדיקייט אונ שטארקייט ונותנת לו מלכות וממשלה אונ זיא גיט אים קיניגשאפט ער ווערט אחשוב בייא מלכים אונ דורך דעם האט ער אליין אויך גיוועלטיקייט אזו וויא מיר גיפינען בייא הרב רבי משה בר מיימון זצ"ל וואס ער ווערט גירופין רמב"ם אונ אזוא איז דיא מעשה גישעהען · זיין פאטער רבי מיימון איז אגרויסער גאון גיוועזן אונ ווייל ער האט גרויס חשק גיהאט צוא לערנען האט ער ניט גיוואלט קיין ווייב נעמען · אמאל איז ער גישלאפין בייא נאכט איז מען אים צוא חלום גיקומען דאס ער זאל גיין אין דער שטאט קרטובא אין שפניא דארטין איז פאר האנדן איין קצב זאל ער זיין טאכטער נעמען אונ ער וועט פון איר איין גרויסן תלמיד חכם האבן · אז רבי מיימון איז אויף גישטאנען האט ער

פון

הַחֵטְא וּמְקָרַבְתּוֹ לִידֵי זְכוּת וְנֶהֱנִין מִמֶּנּוּ עֵצָה וְתוּשִׁיָּה בִּינָה וּגְבוּרָה שֶׁנֶּאֱמַר לִי עֵצָה וְתוּשִׁיָּה אֲנִי בִינָה לִי גְבוּרָה ׳ וְנוֹתֶנֶת לוֹ מַלְכוּת וּמֶמְשָׁלָה

מעשה אבות

פון דעם חלום זייער גילאכט אבער דער חלום האט זיך אים פיל מאל גיחלומט אזוא איז אים דאס אריין אין הארץ אונ זאגט איך וויל זעהען וואס דאס איז אונ איז גיפארן קיין קרטובא אונ דיא אלע פרנסים אונ גאר די קהלה זיינען ארויס גיגאנגען אנקעגין אים ׳ אונ האבן אים מיט גרויס כבוד גיבראכט אין שטאט אריין אונ ער איז גיגאנגען מיט דעם עלצטין פרנס אהיים אונ זייא עסין אונ טרינקען מיט אנגדער אונ פרייען זיך מיט דעם גאסט ׳ אזו וויא זייא זיצין בייא דעם טיש פרעגט רבי מיימון אויף דעם קצב זאגט דער פרנס רבי לעבן וואס פרעגט איר אויף דעם קצב ער איז אגרויסר עני ׳ האט רבי מיימון אים שוין מער ניט גיזאגט אונ זיינען ווידער פריילך גיוועזן ׳ בייא דער נאכט זאגט מען צוא רבי מיימון ווידער בחלום דוא זאלסט ניט הערין דיא רייד פון דעם פרנס נייערט דוא זאלסט נעמען דיא טאכטער פון דעם קצב ׳ דען דוא וועסט אגרויסין תלמיד חכם האבין ׳ מארגין פריא שטייט רבי מיימון אויף אונ שיקט נאך דעם קצב אונ זאגט אים איך בין דרום אהער גיקומען ׳ דען איך וויל דיין טאכטער פאר איין ווייב נעמען אונ וויל היינט נאך חתונה מאכין ׳ דא זאגט דר קצב ׳ ליבער רבי זייט מיך ניט מיצר איך בין ניט ווערט איך זאל מיט איך ריידן מכל שכן איך זאל אייער שווער זיין ׳ דא זאגט רבי מיימון מיין פריינד איך בין ניט דער מענטש איך זאל חלילה מיצר זיין לייט ׳ נייערט עס איז מיר צוא חלום גיקומען פיל מאל איך זאל דיין טאכטער נעמן ׳ אז דער קצב האט גיזעהען אז רבי מיימון מיינט עס גאנץ ערינשט אזו באלד האט ער איין קנס מאל גימאכט אונ אין דעם זעלביגין טאג חתונה גימאכט אונ תיכף האט רבי מיימון זיין ווייב גינומען אונ איז מיט איר אהיים גיפארין ׳ נון רבי מיימון איז אגרויסער עושר גיווארין אונ וויא זיא איז צוא קינד גיגאנגען איז

איר זייער שווער גיוועזן אונ זיא האט גיוואונען למזל טוב איין זון אונ זיא איז באלד גישטארבין אונ רבי מיימון האט דאס קינד אנאמען גיגעבין משה ׳ אונ רבי מיימון האט איין אנדער ווייב גינומען אונ האט מיט איר אויך קינדער גיהאט ׳ אונ דער יונג איז אגרויסער עם הארץ גיוועזן ווען ער איז שוין אלט גיוועזן אכצעהען יאר האט ער נאך קיין חומש ניט גיקענט אונ דיבער האבן אים זיין גאנצע משפחה פיינד גיהאט אונ האבין אים פיל צרות אן גיטאן אז ער האט גימוזט אוועק פון זייא ׳ אזו איז ער גיקומען אין איין שטאט אבינט צייט אונ איז אין שול גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אין אווינקיל אונ איז אנשלאפין גיווארין ווייל ער איז פון דעם וועג מיד גיוועזן ׳ אונ דער שמש האט אים ניט גיזעהען האט ער דיא שול פאר שלאסין בייא נאכט ׳ אז עס איז גיקומען שפעט אין דער נאכט האט ער זיך אויף גיוואכט האט ער גאר ניט גיוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט ׳ נאך דעם האט ער זיך באדיינקט

וְחִקּוּר דִּין וּמְגַלִּין לוֹ רָזֵי תוֹרָה וְנַעֲשֶׂה כְּמַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר וּכְנָהָר שֶׁאֵינוֹ פּוֹסֵק וְהֹוֶה צָנוּעַ וְאֶרֶךְ רוּחַ וּמוֹחֵל עַל עֶלְבּוֹנוֹ וּמְגַדַּלְתּוֹ וּמְרוֹמַמְתּוֹ עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים: ב אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת

מעשה אבות

אַז עֶר אִיז אִין אַיין שׁוּל · דֶען עֶר הָאט גִיזֶעהֶען דֶעם נֵר תָּמִיד בְּרֶענֶען · אַזוֹ קוּמְט אוֹיף אִים אַגְרוֹיסֶע מוֹרָא · אוּנ הֵייבְּט אָן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען דְרוֹיף וָואס זַיינֶע בְּרִידֶער זַיינֶען גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים אוּנ עֶר אִיז אַיין עַם הָאָרֶץ אוּנ עֶר בֶּעט פַאר הַשֵּׁי״ת מִיטִ׳ן גַאנְצְן הַארְצְן דָאס וֶוען עֶר זָאל אַגוּטֶע הַארְץ הָאבְּן וָואלְט עֶר גִילֶערִינְט אוּנ עֶר וֵויינְט גָאר גִישְׁמַאק אוּנ וֶוערְט ווִידֶער אַנְטְשְׁלָאפְין אוּנ שְׁלָאפְט בִּיז טָאג עֶר חַאפְּט זִיךְ זוֹיף פִילְט עֶר אַז עֶר אִיז אַיין אַנְדֶער מֶענְטְשׁ גִיוָוארִין אוּנ עֶר הָאט מֶער שֵׂכֶל׳ אַזוֹ גֵייט עֶר צוּם שַׁמָּשׁ אוּנ זָאגְט אִיךְ בִּין אַיין אָרוּמֶער יָתוֹם אוּנ מַיינֶע עֶלְטֶערְן זַיינֶען בַּייא מַיין יוּגֶענְט גִישְׁטָארְבִּין אוּנ אִיצוּנְד וָואלְט אִיךְ גֶעהֶערֶען אַיין רֶבִּי הָאבְּן עֶר זָאל מִיט מִיר לֶערְנֶען אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוְונֶען אוּנ לֶערְנֶען · אִיז דֶער שַׁמָּשׁ גִיגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם רָב פְרֶעגְט אִים דֶער רָב וֶוער זַיין מִשְׁפָּחָה אִיז זָאגְט עֶר עֶר ווֵייס אַלֵיין אוֹיךְ נִיט דֶען עֶר אִיז אַיוּנְגֶער יָתוֹם גִיבְּלִיבִּין פוּן זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער נֵייעֶרְט עֶר בֶּעט דָאךְ מֶען זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען אוּנ עֶר וָואלְט גֶערֶען צוּ ווִיסִין יוּדֶעשְׁקֵייט · אַזוֹ דִינְגְט אִים דֶר רָב אַיין מְלַמֵּד אוּנ עֶר הֵייבְּט מִיט אִים אָן אַלֶף בֵּית · אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין זְמַן הָאט עֶר שׁוֹין גִיקָאנְט גְמָרָא אוּנ הָאט זֵייעֶר וואוֹל גִילֶערִינְט · דֶעם אַנְדֶערִין זְמַן הָאט עֶר שׁוֹין גִיקָאנְט מֶער אַזוֹ זַיין רֶבִּי הָאט אִים דֶר רָב גִינוּמֶען צוּ זִיךְ אוּנ הָאט מִיט אִים גִילֶערִינְט אוּנ אִיז אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב גִיוָוארִין אוּנ נָאךְ דֶעם אִיז עֶר אַוֶועק אִין אַיין אַנְדֶער אָרְט אוּנ הָאט דָארְטִין גִילֶערִינְט פִיל שְׁפְּרַאךְ אוּנ חָכְמוֹת אוֹיךְ חָכְמַת הָרְפוּאָה אוּנ עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב גִיוָוארִין אוּנ הָאט דָארְטִן זִיךְ אַוַוייבּ גִינוּמֶען אוּנ הָאט מִיט אִיר קִינְדֶר גְהַאט אוּנ אִיז אַגְרוֹיסֶר עוֹשֶׁר גִיוָוארְן · אִין אַצַייט אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ בַּאדֵיינְקְט נָאךְ זַיין עֶלְטֶער פָאטֶער אוּנ גָאר זַיין מִשְׁפָּחָה אַזוֹ אִיז עֶר גִיפָארִין אִין דֶער שְׁטָאט אַהַיין וואוּ דער פָאטֶער אִיז גִיוֶעסִין אָבֶער עֶר אִיז נִיט גִיקוּמֶען צוּם פָאטֶער נֵייעֶרְט צוּם פַּרְנָס פוּן דֶער שְׁטָאט אוּנ עֶר לָאזְט זִיךְ נִיט דֶער קֶענֶען צוּם פַּרְנָס נֵייעֶרְט עֶר בֶּעט פוּן אִים מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין עֶר זָאל אַיין דְרָשָׁה זָאגִין הָאט דֶער פַּרְנָס אַיין יְדִיעָה גִיגֶעבְּן צוּא דִיא לַייט פוּן דֶער שְׁטָאט זַיינֶען זֵייא אַלֶע צוּא פְרִידֶען גִיוָוארִין אוּנ עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּא דַרְשְׁנֶען אַז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַאר ווָאוּנְדֶערְט אוּנ צוּם סוֹף דְרָשָׁה הָאט עֶר גִיזָאגְט אַפְּשַׁט אוּנ דֶער גַאנְצֶער פְּשַׁט אִיז גִיוֶוען אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט אַקִינְד אוּנ עֶר קֶען נִיט לֶערְנֶען אוּנ לְסוֹף קָאן נָאךְ זַיין דָאס עֶר זָאל זַיין אַגְרוֹיסֶר תַּלְמִיד חָכָם חָאטְשֶׁע זַיין עֶלְטֶער פָאטֶער אִיז אַקַצָּב גִיוֶועןְ אוּנ דָאס אַלְס הָאט עֶר אִין פָּסוּק מְרַמֵּז גִיוֶוען · ווִיא עֶר הָאט דֶעם פְּשַׁט אוֹיס גִיזָאגְט · אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפִין אִיר זָאלְט ווִיסִין אַז אִיךְ בִּין דֶער משֶׁה דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם קַצָּב אוּנ הָרַב רַבֵּינוּ מַיימוֹן אִיז מַיין פָאטֶער אוּנ דָאס זַיינֶען מַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ זָאגְט זֵייא פִיל סִימָנִים

אז

מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה · שֶׁכָּל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה נִקְרָא נָזוּף שֶׁנֶּאֱמַר נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר אִשָּׁה יָפָה וְסָרַת טָעַם · וְאוֹמֵר וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב

מעשה אבות

אַז עֶס אִיז אֱמֶת · זַיינֶען גִיקוּמֶען זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ זַיינֶען אִים צוּא דִיא פִיס גִיפַאלִין אוּנ קוּשִׁין אִים אוּנ דֶער פַּאטֶער קוּשְׁט אִים אוֹיךְ אוּנ נָאךְ שׁוּל פִירְט אִינוּ דֶער פַּאטֶר אַהֵיים אוּנ פְרַייעט זִיךְ מִיט אִים אוּנ עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב גִיוָוארִין אוּנ עֶר וֶוערְט אַיין מֶעכְטִיגֶער דָאקְטֶער · אוּנ אִיז גִיוָוארִין אַיין גְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּייא דֶעם מֶלֶךְ פוּן שְׁפַּנְיָא אוּנ בְּלַייבְּט זַיין לַייבּ דָאקְטֶער אוּנ עֶר הָאט אַ רוֹיסִין שֵׁם בַּאקוּמֶען דָאס עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט צוּא עֶסִין דֶען עֶר הָאט גִימוּזְט אַלֶע טָאג זַיין בַּייא דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִיא מַלְכָּה אוּנ אַנְדֶערֶע שָׂרִים אוּנ פִיל לַייט פְלֶעגִין צוּא אִים אַהֵיימ קוּמֶען נָאךְ רְפוּאוֹת אוּנ בַּייא נַאכְט הָאט עֶר גִילֶערִינְט אוּנ הָאט זַיינֶע סְפָרִים גִישְׁרִיבִּין אוּנ מַחֲמַת גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט בַּייא דֶעם מֶלֶךְ הָאבִּין זִיךְ פִיל שָׂרִים מְתַקְנָא גִיוֶועזְן אִין אִים אוּנ הָאבִּין אוֹיף אִים מַלְשִׁינוּת גִיזָאגְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ בִּיז דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַאר טְרִיבִּין פוּן זִיךְ אַזוֹא אִיז עֶר גִיקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם אוּנ דִיא יוּדִין הָאבִּין אִים מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד צוּא גִינוּמֶען · אָבֶּער וַוייל עֶר הָאט דֶעם לָשׁוֹן מִצְרַיִם נִיט גִיקֶענְט אִיז עֶר בַּייא דֶעם מֶלֶךְ נִיט חָשׁוּב גִיוֶועזְן · אִין עֶטְלִיכֶע יָאר אַרוּם וָואס עֶר אִיז אִין מִצְרַיִם גִיזֶעסִין הָאט עֶר שׁוֹין זֵייעֶר לָשׁוֹן גִיקֶענְט אוּנ הָאט בַּייא דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִיא שָׂרִים אַגְרוֹיסִין שֵׁם בַּאקוּמֶען אוּנ דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גִיקְרִיגִין אַז אַלֶע דָאקְטוֹירִים אוּנ שָׂרִים זַיינֶען בַּייא אִים נִיט גִיאַכְט גִיוֶועזְן אַנְטְקֶעגִין אִים אוּנ מַחֲמַת גְרוֹיס קִנְאָה הָאבִּין זֵייא זִיךְ גִיטְרַאכְט עֵצוֹת וִויא אַזוֹא זֵייא זָאלִין אִים פוּן דֶעם לֶעבִּין אוּם בְּרֵיינְגֶען · אַמָאל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין דָאס רַבֵּינוּ מֹשֶׁה אוּנ אַלֶע דָאקְטוֹירִים זַיינֶען גִיוֶועזְן פַאר דֶעם מֶלֶךְ · אַזוֹא הָאבִּין זֵייא אָן גִיהוֹיבִּין זִיךְ מְפַלְפֵּל צוּא זַיין אִין דֶער חָכְמָה פוּן רְפוּאָה · אַזוֹ זָאגִין דִיא דָאקְטוֹירִים צוּם מֶלֶךְ דָאס זֵייא וֶועלִין אַיין סַם הַמָּוֶת טְרִינְקֶען אוּנ וֶועלִין זִיךְ זֶעלְבְּשְׁט קוּרִירִין דָאס עֶס זָאל זֵייא נִיט שָׁאטִין אוּנ וֶוער עֶס קָאן עֶס נִיט אִיז נִיט רֶעכְט עֶר זָאל בַּייא דֶעם מֶלֶךְ אַדָאקְטֶער זַיין · אַזוֹ הָאט רַבֵּינוּ מֹשֶׁה גִימוּזְט זָאגִין עֶר קֶען עֶס אוֹיךְ · נוּן דָא אִיז גִיבְּלִיבִּין בַּייא דֶעם מֶלֶךְ אוּנ בַּייא דִיא דָאקְטוֹירִים דָאס זֵייא זָאלִין דֶעם רַמְבַּ"ם אַיין סַם אַיינְגֶעבִּין · אוּנ עֶר זָאל עֶס טְרִינְקֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוּנ דִיא שָׂרִים אוּנ דֶער נָאךְ זָאל עֶר זֵייא אוֹיךְ סַם אַיינְגֶעבִּין זֵייא זָאלִין טְרִינְקֶען · אוּנ הָאבִּין בַּאשְׁטֶעלְט אַטָאג וֶוען עֶס זָאל זַיין · אִיז רַבֵּינוּ מֹשֶׁה אַהֵיים גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט עֶס דֶער צֵיילְט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ צוּא זַיין הוֹיז גִיזִינְד · זַיינֶען זֵייא זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין · אוּנ עֶר הָאט גִימַאכְט פִיל רְפוּאוֹת אֵיי עֶר אִיז צוּא דֶעם טְרִינְקֶעל גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט אַלְץ אוֹיז גִישְׁרִיבִּין אוּנ הָאט עֶס גִיגֶעבִּין צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ הָאט זֵייא גִיזָאגְט וִויא אַזוֹ זֵייא זָאלִין זִיךְ נוֹהֵג זַיין דֶער מִיט אוּנ דִיא תַּלְמִידִים הָאבִּין גוֹזֵר תַּעֲנִית גִיוֶועזְן · אוּנ וֶוען עֶר

## מכתב אלהים הוא חרות על הלחות · אל תקרא חרות אלא חרות שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה וכל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה שנאמר וממתנה נחליאל ומנחליאל

### מעשה אבות

האט שוין אלע זאכין פארטיג גימאכט איז ער גיגאנגען צום מלך אונ אטייל תלמידים זיינען אויך גיגאנגען מיט אים · אונ איז גיקומען צוא דעם מלך האבין דיא שרים אים דעם סם גיגעבין · אונ ער האט אים גיטרונקען אונ באלד האבין אים די תלמידים גינומען אונ האבין אים אהיים גיפירט אונ האבין גיטאן אלע רפואות וואס ער האט זייא פריער גיבאטן · צום דריטן טאג איז ער גיזונד גיווארין אונ איז גיקומען צום מלך האט ער זיך זייער פר וואונדערט · אונ אויך אלע שרים · נון שיקט דער מלך נאך דיא דאקטורים אונ זאגט צוא זייא נון דער ערליכער דאקטער האט זיין זאך גיטאן נוזט איר אייער זאך אויך טאן · אונ רבינו משה האט זייא אסם המות גיגעבין אונ זייא האבין גיטרונקען אבער זייא זיינען באלד צוא דער ערד טויט גיפאלן אונ רבינו משה איז נאך מער חשוב גיווארין בייא דעם מלך אונ אלע שרים אונ האט אנגרויסין שם באקומען · וחקור דין אונ דיא תורה מאכט אים ער זאל קענען אויש פארשטין צו פסקנן אמת ומגלין לו רזי תורה אונ מען איז אים מגלה סודות התורה פון דעם הימל ונעשה כמעין המתגבר אונ ער ווערט וויא איין קוואל וואס שטארקט זיך וכנהר שאינו פוסק אונ אזוא וויא אטייך וואס הערט ניט אויף והוה צנוע אונ ער ווערט זיין באהאלטין האטשע מען ווערט אים מגלה זיין סודות התורה · ווערט ער זייא ניט זאגן פאר דעם וואס איז ניט ראוי צו זייא וארך רוח אונ ער ווערט האבן אלאנגין אטום קלומר ער ווערט ליידין דאם מידיקייט פון דעם לערנען · דען איין מלמד גיהער ניט צוא צערנען אויף דעם תלמיד וואס ער פרעגט אים האטשע ער פרעגט ניט רעכט ומוחל על עלבונו אונ ער איז מוחל אויף זיין בזיון ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים אונ דיא תורה מאכט אים גרויס אונ דר הייבט אים אויף אלע מעשים טובים דען בשעת ער לערינט דיא תורה איז גירעכינט גלייך וויא ער איז דענמאלט מקיים דיא מצות וואס ער לערינט אזו וויא דיא גמרא זאגט דער וואס לערינט דיא פרשה פון קרבן עולה איז גלייך וויא ער איז מקריב אויף דעם מזבח איין קרבן עולה. אונ אז ער לערינט דיא פרשה פון קרבן חטאת איז גלייך וויא ער איז מקריב אקרבן חטאת · אונ אזוא אויך יעדער מצוה וואס דער מענטש לערינט דיא פרשה אין דער תורה איז גלייך וויא ער טוט דענמאלט דיא מצוה :

אמר רבי יהושע בן לוי רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב אלע טאג גייט ארויס איין בת קול פון דעם בארג סיני ומכרזת ואומרת אונ רופט אויס אונ זאגט אוי להם לבריות מעלבונה של תורה וויא צוא זייא צוא דיא לייט פון דער שאנד פון דער תורה · דען איי דיא וועלט איז באשאפן גיווארן האט גאט זיך אליין מיטגעשעע גיווען מיט דער תורה אינ אז משה רבינו איז גיקומען נעמען דיא תורה האבין דיא מלאכים גיזאגט פאר השם יתברך ווארום זאלסטו דיין תורה געבין צוא אמענטשין

בָּמוֹת: ג הַלּוֹמֵד מֵחֲבֵרוֹ פֶּרֶק אֶחָד אוֹ הֲלָכָה אַחַת אוֹ פָּסוּק אֶחָד אוֹ דִּבּוּר אֶחָד אוֹ אֲפִילוּ אוֹת אַחַת צָרִיךְ לִנְהָג בּוֹ כָּבוֹד שֶׁכֵּן מָצִינוּ בְּדָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא לָמַד מֵאֲחִיתוֹפֶל אֶלָּא שְׁנֵי דְבָרִים בִּלְבָד קְרָאוֹ רַבּוֹ אַלּוּפוֹ וּמְיֻדָּעוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וְאַתָּה אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי · וַהֲלֹא

מעשה אבות

גיב בעסער צו אונז · אונ השם יתברך האט זייא גיט גיהערט אונ האט פארט גינעבי דיא תורה צוא דיא ישראל אונ האטשע עס איז פאר דער תורה אשאנד · דען פריער איז זיא גיוועזן בייא גאט אליין אונ איצונד האט ער זיא איבער גיענטפערט צוא איין ילוד אשה אבער ווען דער מענטש לערינט דיא תורה סוז זיא ליידין איר שאנד ווייל עס איז אזו דער ווילין פון השם יתברך אבער ווען דיא לייט לערנען ניט דיא תורה אונ לאזין זיא אוועק טוט זיא בודאי דענמאלט שרייען אויף איר שאנד פאר השם יתברך אונ ער מאנט פאר איר שאנד בייא דיא לייט · אדער אזו איז דער פשט וויא צוא זייא צוא דיא לייט פון דער שאנד וואס זייא ווערין האבין ווייל זייא האבין ניט גילערינט קיין תורה · דאס מיינט מען בעולם הבא · דען אויף יענער וועלט איז דיא אמתע חרפה אונ עס איז דארטין אגרויסע בושה צוא דעם וואס איז ניט ערליך אויף דער וועלט שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף ווארום איין ישראל וועלכער א״ז ניט עוסק אין דער תורה ווערט אן גירופין נזוף דאס הייסט ער איז אפ גישייט אונ מנודה · דרום אז ער שטארבט לאזט מען אים ניט אריין גיין אויף דעם ארט וואו צדיקים זיצין אונ האבין גרויס תענוג · אונ ער וועהעט עס אלץ אונ גילוסט דער צוא שנאמר אזוא וויא אין פסוק שטייט נזם זהב באף חזיר אזו וויא אגילדרענע נאז באנו אויף איין נאז פון אחזיר אשה יפה וסרת טעם אזו איז אשיינע אשה אונ אפ גיקערטער טעם · דאס מיינט מען די נשמה פון דעם מענטשין האטשע זיא איז שיין אונ זים מיט אירע מעשים אבער ווען זיא קערט אפ ניט צוא לערנען דיא תורה מיט אירע טעמים ווערט דער מענטש אן גירופין נזוף ואומר אונ עס שטייט אין פסוק והלוחות מעשה אלהים המה דיא לוחות זיינען גאטש ווערק והמכתב מכתב אלהים הוא אונ דאס גישריפט איז גישריבן פון גאט חרות על הלוחות עס איז גיקריצט אויף דיא לוחות · אל תקרי חרות דוא זאלסט ניט לייענען חרות אלא חירות נאר חירות דאס איז טייטש פרייא שאין לך בן חורין דען עס איז ניט פאר האנדין קיין פרייער מענטש אלא מי שעוסק בתלמוד תורה נאר דער וואס לערינט תורה ער ווערט אן גירופין אפרייער מענטש דען זיין נשמה איז ניט משועבד צום גוף ווייל ער איז ניט עוסק אין אזעלכע זאכין וואס גיהערין צום גוף נאר אין אזעלכע זאכין וואס דיא נשמה גילוסט דער צוא אבער דער וואס איז גיאיילט צו דיא זאכין פון עולם הזה דער הייסט איין משועבד ווארום ער איז גיבונדין צום גוף ער זאל טאן זיין ווילין אונ אויך נייט ער דיא נשמה זיא זאל נאך גייגין צום גוף · האטשע דער וואס לערינט תורה איז דאך אויך משועבד דער גוף צוא דער נשמה ווערט דאך גיפונען דאס זיין גוף איז ניט פרייא אונ ווארום רופט ער אים אן אז ער איז נאר

אפרייער

**דברים קל וחומר ומה דוד מלך ישראל שלא למד מאחיתופל אלא שני דברים בלבד קראו רבו אלופו ומיודעו הלומד מחברו פרק אחד או הלכה אחת או פסוק אחד או. דבור אחד או אפילו אות אחת**

מעשה אבוה

אפרייער מענטש · דער תירוץ איז דער אמת איז דאך אבער אז דיא זאך וואס ער לערינט תורה איז אטובה צוא דעם גוף ער זאל ניט גילוסטין צוא תאוות עולם הזה ווערט דאך גיפונען אז ער מאכט דעם גוף פרייא ער זאל ניט גילושטין צו זייא דרום איז ניט פאר האנדן קיין פרייער מענטש נאר דר וואס לערינט תורה וכל מי שעוסק בתורה אונ ווער עס לערינט תורה הרי זה מתעלה ווערט ער גיהייכט שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט: וממתנה נחליאל. דער מענטש וואס האט דיא תורה במתנה מאכט אים גאט ירשנן ומנחליאל במות אונ פון דעם ווערט ער גיהייכט הלומד מחבירו ווער עס לערינט פון זיין חבר איין פרק אדער איין הלכה איין פסוק אדער איין ווארט אדער איין אות מוז ער אים נוהג כבוד זיין שכן מצינו ווארום מיר גיפינען אזו ביא דוד המלך וואס ער האט מער ניט גילערינט ביא אחיתופל נאר צווייא זאכין האט ער אים גירופין מיין רבי מיין לערנער אונ מיין פריינד והלא דברים ק"ו ומה דאך דוד וואס איז גיוועזן א מלך איבער דיא ישראל וואס ער האט מער ניט גילערינט פון אחיתופל נאר צווייא זאכין האט ער אים גירופין רבי אונ מיין לערנער מכל שכן ווען אפראסטער מענטש לערינט ביא איינעם נאר אפילו איין אות גיהער ער גיוויש אים כבוד אן טאן ואין כבוד אלא תורה עס קומט ניט קיין כבוד נאר דעם וואס איז עוסק אין תורה שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט כבוד חכמים ינחלו כבוד ירשנן דיא חכמים מיט דער תורה ותמימים אונ די וואס זייער הארץ מיינט ערינסט צו לערנען תורה ינחלו טוב וועלין ירשנן גוטש ואין טוב אלא תורה וואס פאר אגוטש וועלין זייא ירשנן דאס מיינט מען דיא תורה שנאמר אזוא וויא אין פסוק שטייט כי לקח טוב נתתי לכם אגוטע לעהרע האב איך אייך גיגעבין תורתי אל תעזובו מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזין: כך היא דרכה של תורה אזו איז דיא וועג פון דער תורה וואס עס גיהער זיך צו פירין אפילו אזו איין מענטש וואס האט גינוג ער זאל לעבין זמיט ברייטקייט פת במלח תאכל דוא זאלסט עסין נאר ברויט מיט זאלץ · ווארום אז דוא וועסט זיך גיוואוינען מיט איידילקייט וועסטו ניט קענען לערנען וויא פיל מען דארף אונ אויך דוא וועסט מוזן מבטל זיין פון לערנען כדי צו פאר דינען פון דיין הוצאה וועגין ומים במשורה תשתה אונ חאטשע דער שטייגער איז ווער עס עסט זאלץ איז ער דארשטיג אונ דארף טרינקען פיל וואשר פון דעסט וועגן זאלסטו טרינקן וואסער מיט איין מאס · דא לאזט ער מיך הערין צווייא זאכין · ער זאל נאר טרינקען וואשער אונ ניט קיין וויין · אונ אויך נאר מיט איין מאס אונ ניט פיל ועל הארץ תישן אונ חאטשע דער וואס עסט ברויט מיט זאלץ אונ טרינקט נאר וואשער וואלט דאך גיגעהרט על כל פנים ער זאל שלאפין אין איין בעט כדי ער זאל זיך דער ווארימען פון זיעסט וועגין זאלסטו שלאפין אויף דער ערד וחיי צער תחיה אונ חוץ עסין אונ טרינקען אונ שלאפין זאלכטו אלץ אויך לעבין מיט צער אונ זאלכט זיך ניט אן טאן קיין תענוגים

ובתורה

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁצָּרִיךְ לִנְהָג בּוֹ כָּבוֹד וְאֵין כָּבוֹד אֶלָּא תּוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ וּתְמִימִים יִנְחֲלוּ טוֹב וְאֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזוֹבוּ׃ ד כַּךְ הִיא דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה וְעַל הָאָרֶץ תִּישַׁן

מעשה אבות

ובתורה אתה עמל אונ דוא זאלסט ניט זאגן ווען איך האב דיר גיזאגט אז דאס איז דיא וועג פון דער תורה אונ אז דוא וועסט אזו טאן וועט שוין צו דיר קומען דאס לערנען אן מיא אונ אז דוא וועסט זעהען אז דורך די זאכין קומט דיר אויך ניט אן דאס לערנען גרינג וועסטו מבטל זיין מיינע רייד דרום זאג איך דיר אז דוא זאלסט זיך פארט מידין אין דער תורה ואם אתה עושה כן אונ אז דוא וואס דוא ביסט איין עושר וועסטו אזו טאן אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא וועט דיר וואול זיין אויף דער וועלט אונ גוט זיין אויף יענער וועלט · דען ווען איין עני טוט עס שיקט זיך אויף אים ניט צוא זאגין אז ער וועט פאר דעם האבין שכר דען ער טוט דאך דאס ניט מיט זיין גוטין ווילן אבער ווען איין עושר טוט עס האטשע ער האט פיל גוטש אונ קען זיך אן טאן תענוגים ווערט דאך גיפונען אז ער טוט דיא זאך מיט זיין גוטין ווילין דרום האט ער דרויף שכר : דער אברבנעל שרייבט פת במלח תאכל ווען דוא האסט ברויט צוא עסין האטשע דוא האסט ניט קיין גיקעכטש דער צוא נאר זאלץ זאלסטו זיך דער מיט באנוגינען ומים במשורת תשתה אונ האטשע דוא האסט ניט קיין ויין צו טרינקען נאר וואסער אונ די וואסער האסטו אויך נאר מיט איין מאס פון דעסט וועגין זאלסטו זיך ניט פאר מיידין פון צוא לערנען תורה · אונ ווען דוא וועסט אזו טאן אשריך בעולם הזה וועט דיר וואול זיין אויף דער וועלט דען דוא וועסט ניט פאר לענדין דיינע טעג אויף אזעלכע זאכין וואס זיינען איבעריג אונ נאך צו זוכין נאך כבוד · די חכמים האבן גיזאגט ווער עס זארגט ניט אויף דעם וואס ער האט ניט איז זיין לייב בארועט אונ זיין שכל איז לויטער אונ זיינע טעג זיינען לאנג · נאך האבין דיא חכמים גיזאגט וועלכער איז דר טייערשטר מענטש · דער וואס קוקט ניט אויף דער וועלט אונ עס הארט אים ניט ביא וועמען זיא איז אין דער האנט וטוב לך לעולם הבא אונ עס וועט דיר זיין גוט לעולם הבא דען פאר דעם וואס דוא האסט גימינערט צוא הנאה האבין פון דער וועלט וועט מען דיר געבין שכר אויף יענער וועלט : אל תבקש גדולה לעצמך דוא זאלסט ניט זוכין קיין גדולה צוא דיר אליין כלומר דער מענטש וואס האלט זיך גירעריג ווייל ער ווייס אז דאש האפונג פון דעם מענטשן איז דאך נאר צוא ווערים · אונ דרום וועט ער קומען צוא מבזה זיין לייט ווייל עס וועט זייא צוא דעקין ווערים אזו וויא אים דרום זאגט דער תנא דאס וואס איך זאג דוא זאלסט ניט זוכין קיין גדולה דאס איז נאר צו דיר אליין אבער צוא דיין חבר זאלסטו געבין גדולה אונ כבוד ואל תחמוד כבוד אונ זאלסט ניט גילוסטין צו כבוד יותר מלמודך עשה מער פון דיין לערנען זאלסטו טאן מעשים טובים כלומר ואפילו אזו איין זאך וואס דוא ביסט מסופק אונ ווייסט ניט דעם דין זאלסטו

אויף

וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל אִם אַתָּה עֹשֶׂה כֵּן אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא : ה אַל תְּבַקֵּשׁ גְּדֻלָּה לְעַצְמְךָ וְאַל תַּחְמוֹד כָּבוֹד יוֹתֵר מִלִּמּוּדֶךָ עֲשֵׂה וְאַל תִּתְאַוֶּה לְשֻׁלְחָנָם שֶׁל שָׂרִים שֶׁשֻּׁלְחָנְךָ גָּדוֹל מִשֻּׁלְחָנָם וְכִתְרְךָ גָּדוֹל מִכִּתְרָם וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם לָךְ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ : ו גְּדוֹלָה תּוֹרָה יוֹתֵר מִן

מעשה אבות

אויף זיך מַחְמִיר זַיין כְּדֵי דוא זָאלְסְט ניט גִישְׁטְרוֹיכִילְט וֶוערְן אִין אַיין עֲבֵירָה ואל תתאוה לשלחנם של שרים דוא זָאלְסְט נִיט גִילוּסְטִין עֶס זָאל בַּייא דַיין טִישׁ צוּא זַיין אַזוֹי וִויא בַּייא דִיא עֲשִׁירִים · דֶען דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעט אָן דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּא אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס עֶס וַוייזְט אוֹיס אַז עֶס אִיז פְרוּמְקַייט אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז זַיינֶע רֵייד זַיינֶען נַאלְשׁ אוּנ שַׁאלְקְהַאפְטִיקַייט · עֶר זָאגְט צוּם מֶענְטְשִׁין וֶוען דוּא וֶועסְט זִיךְ נָאר פְלַייסִין צוּם לֶערְנֶען אַזוֹ וֶועסְטוּ קֵיין מָאל נִיט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּנ פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם אוּנ נָאךְ אַזוֹ אַיין גְלַייכִין דֶען הַלְוַאי זָאל דִיר גִינוּג זַיין דָאס וָואס דוּא דַארְפְשְׁט פוּן דַיינְט וֶועגִין אַלֵיין דְרוּם הֶער צוּא מַיין עֵצָה אוּנ הֶער אוֹיף צוּ לֶערְנֶען גֵייא בֶּעשֶׂר הַאנְדְלֶען אוּנ פַאר דִינֶען גֶעלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען גֶעבִּין אָרִימֶע לַייט עֶסִין בַּייא דַיין טִישׁ אַזוֹ וִויא אַלֶע עֲשִׁירִים טוּעֶן · אַזוֹ וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע דִיר אַלְץ אַיין רֵיידְן דְרוּם זָאגְט דֶער תַּנָּא דוּא זָאלְסְט נִיט גִילוּשְׁטִין צוּא דֶעם טִישׁ פוּן דִיא עֲשִׁירִים ששולחנך גדול משולחנם דֶען דַיין טִישׁ אִיז גְרֶעשֶׂער פוּן זֵייעֶר טִישׁ וָוארוּם דוּרְךְ דַיין זְכוּת וָואס דוּא לֶערִינְשְׁט תּוֹרָה וֶוערְט גִישְׁפַּייזְט גָאר דִיא וֶועלְט אַזוֹ וִויא דִיא גְּמָרָא זָאגְט אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא דָאס גָאר דִיא וֶועלְט אִיז אִין זַיין זְכוּת גִישְׁפַּייזְט גִיוָוארִין וכתרך גדול מכתרם אוּנ דַיין קְרוֹין אִיז גְרֶעשֶׂער פוּן זֵייעֶר קְרוֹין · רַבִּי מֹשֶׁה אַלְמוֹשְׁנִינוֹ שְׁרַייבְּט דִי דְרַייא זַאכִין וָואס שְׁטֵייעֶן דָא אִין דֶער מִשְׁנָה מַיינְט מֶען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פוּן זִיךְ אָפּ טָאן דִיא דְרַייא זַאכִין קִנְאָה אוּנ תַּאֲוָה אוּנ כָּבוֹד וָואס זֵייא צִיהֶען אוֹיס דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ דָאס דֶער וַוייטֶערוּנְג וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דֶער וַוייטֶערְט זִיךְ פוּן זֵייא בְּרֵיינְגְט אִים צוּם גַאנְצִין עֶרְלִיכְקַייט · דִיא עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז (אל תבקש גדולה לעצמך) זָאלְסְט דִיר נִיט זוּכִין קֵיין גְדוּלָּה · דָאס אִיז אַנְקֶעגִין דֶר וַוייטֶערוּנְג פוּן קִנְאָה דֶען דִיא זַאךְ פוּן קִנְאָה אִיז נָאר וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז זַיין חָבֵר אִיז גְרֶעשֶׂער פוּן אִים אוּנ אִיז מֶער בַּאגְלִיקְט פוּן אִים אוּנ מֵחֲמַת דֶעם בַּאגֶערְט עֶר אַלְץ עֶר זָאל זַיין גְרֶעשֶׂער פוּן זַיין חָבֵר אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט נִיט קֵיין גְדוּלָּה הָאט עֶר נִיט קֵיין קִנְאָה אוֹיף זַיין חָבֵר · דִיא אַנְדֶערֶע זַאךְ אִיז (ואל תחמוד כבוד יותר מלמודך) אוּנ זָאלְסְט נִיט גִילוּשְׁטִין קֵיין כָּבוֹד מֶער פוּן דַיין לֶערְנֶען · דָאס אִיז אַנְקֶעגִין דֶעם דֶער וַוייטֶערוּנְג פוּן כָּבוֹד וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וָואס מֶען בַּאגֶערְט גְדוּלָּה אוּנ מֶען הָאט קִנְאָה דְרוֹיף זָאגְט דֶער תַּנָּא דוּא זָאלְסְט נִיט גִילוּשְׁטִין דֶעם כָּבוֹד וָואס דוּא זֶעהְסְט אַז מֶען גִיט יֶענֶעם כָּבוֹד דֶען דָאס צִיהְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער וֶועלְט וֶוען עֶר גִילוּשְׁט דֶער צוּא אוּנ פְלַייסְט זִיךְ עֶר זָאל הָאבִּין כָּבוֹד · דֶען דֶער סוֹף פוּן כָּבוֹד אִיז דָאס עֶר

וועט

# הכהנה ומן המלכות שהמלכות נקנית בשלשים מעלות והכהנה נקנית בעשרים וארבעה והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים · ואלו הן בתלמוד בשמיעת האזן בעריכת שפתים בבינת הלב באימה ביראה בענוה בשמחה בטהרה בשמוש חכמים בדקדוק חברים

## מעשה אבות

וועט אליין קומען צו דיר אונ עס איז ניט ראוי נאך זוכן אים אונ פליישן זיך צו גרייכן אים · דיא דריטע זאך איז (ואל תתאוה לשלחנם של שרים) אונ זאלסט ניט גלושטין צו דעם טיש פון עשירים דאס איז אנקעגין דעם דער ווייטערונג פון תאוה · דאס זאגט דער תנא דוא זאלסט ניט גילושטין צו פיל עסין אונ טרינקען אזו וויא דיא עשירים דען די תאוה ציהט אויס דעם מענטשין פון דער וועלט (ששולחנך גדול משולחנם) ווארום ווען דוא וועסט זיך באנוגענען נאר מיט אזעלכש וואס דוא מוזט עס האבין אונ וועסט זיין דער ווייטערט פון קנאה אונ כבוד אונ תאוה אונ אזו וויא מיר האבין פריער גישריבן אונ דוא וועסט זיך תמיד פרייען מיט דעם ביסיל וואס דוא האסט אונ עס וועט דיר זיס זיין וואסער עסין דוא וועסט עסין ווערט ראך גיפונען אז דיין טיש איז גרעסער איי דער טיש פון דיא עשירים · דען דיא עשירים וויפיל זייא האבין איז עס בייא זייא נאר ווייניג ווייל זייא האבין קנאה צוא האבין נאך מער אונ עס ווייזט זייא תמיד אויס אז זייער טיש איז גאר קליין אבער דער וואס באנוגנט זיך מיט דעם וואס ער האט גילושט ער ניט צו אנדערע עסין ווארג איז זיין טיש בייא אים גרוים ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך דוא זאלסט וויסין אז דר וואס האט דיר גהיישין ארבעטין מיינט מען מצות טאן איז באגלייבט אז ער וועט דיר בודאי צאלין פאר דיין ארבעט · רבי מתתיה היצהרי שרייבט דאס דער תנא מיינט מיט דעם אז אמענטש זאל ניט זאגין נון איך האב גיפייניגט מיין לייב מיט פאסטין אונ לערנען אונ האב מיך דער ווייטערט פון עבירות אונ האב גאר ניט הנאה גיהאט פון די זאכין וואס דר גוף האט הנאה דער פון אונ נון תאטשע איך האף דאס מיין נשמה וועט גרוים תענוג האבין אויף יענער וועלט אבער מיין גוף וואס האט פיל צער גיליטן וואס וועט זיין שכר זיין · דרויף זאגט דער תנא דוא זאלסט וויסין אז גאט איז באגלייבט ער זאל דיר צאלין שכר דעם גוף אויך פאר זיין ארבעט דוא וועסט גיצול ווערין פון חבוט הקבר אונ קיין ווערים וועלין ניט גיוועלטיגין אין דיין גוף: גדולה תורה יותר מן הכהונה: די תורה איז גרעסער פון דער כהונה ומן המלכות אונ פון מלוכה וואס עס איז גיוועזן ביי יודין אין יענע צייטין שהמלכות נקנית בשלשים דען אמלך ישראל האט קונה גיוועזן מלוכה איבער יודין מיט דרייסיג מעלות וואס שטייען גירעכינט אין ספר שמואל ווען די יודין האבין באגערט צוא מאכין אמלך איבער זייא אונ אויך אין דער גמרא סנהדרין שטייען מעלות וואס אמלך ישראל האט גיהאט אונ אין איינעם זיינען זייא דרייסיג מעלות והכהונה בעשרים וארבעה אונ דיא כהונה איז מען קונה מיט פיר אונ צוואנציג מעלות והתורה נקנית בארבעים ושמונה אבער דיא תורה איז מען קונה מיט אכט אונ פערציג

מעלות

בְּפִלְפּוּל הַתַּלְמִידִים וּבְיִשּׁוּב בְּמִקְרָא בְּמִשְׁנָה בְּמִעוּט סְחוֹרָה בְּמִעוּט דֶּרֶךְ אֶרֶץ בְּמִעוּט תַּעֲנוּג בְּמִעוּט שֵׁנָה בְּמִעוּט שִׂיחָה בְּמִעוּט שְׂחוֹק בְּאֶרֶךְ אַפַּיִם בְּלֵב טוֹב בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים בְּקַבָּלַת הַיִּסּוּרִין הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ וְהַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו וְאֵינוֹ מַחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמוֹ אָהוּב אוֹהֵב אֶת הַמָּקוֹם אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת אוֹהֵב אֶת הַצְּדָקוֹת אוֹהֵב

### מעשה אבות

מַעֲלוֹת ואלו הן אונ דאס זיינען זייא, בלמור מיט דעם וואס מען לערינט תמיד אונ האלט אלע צייט אז ער איז גימינערט אונ גילוסט מער צו לערנען מיט דעם ורייכט מען צוא דער מעלה פון דער תורה בשמיעת האוזן מיט צוא הערונג מיט דעם אויער כלומר ער זאל נייגין זיינע אויערין צו דיא רייד פון זיינע לערנער בעריכת שפתים מיט ריידונג מיט דיא לעפצין ער זאל תמיד חזרין וואס ער לערינט בבינת הלב באימה מיט פאר שטאנדונג אונ קלונשאפט מיטין הארצין ער זאל פאר שטיין דיא רייד וואס ער רעט ארוים מיט זיין מויל בענוה מיט נידעריקייט ער זאל זיך ניט גרויס האלטין אנטקעגין אנדערע דען דרום האט משה רבינו זוכה גיוועז דיא תורה זאל דורך אים גיגעבין ווערין וייל ער האט זיך גיהאלטין נידעריגער פון אלע ביראה מיט פארכט כלומר ער זאל זיך נידעריג האלטין ווייל ער ווייס אז דאס איז איין מדה פון פרומקייט אבער זיין דעה איז אז ער איז טאקע גרעסער פון יענעם נייערט ער זאל זיך פארכטין פאר אלע אונ זאל האלטין אז יענער איז גרעסער פון אים בשמחת מיט פרייד דע, ווען ער וועט ניט לערנען מיט פרייד אונ דאס לערנען איז אויף אים אטרחה וועט דער סוף זיין אז ער וועט מיד ווערין אונ וועט זיך אפ שיידין פון צוא לערנען בשמוש הכמים מיט באדינונג פון חכמים זיין ארט זאל מיט זיין בייא זיין רבי ער זאל אים באדינגן דען אפילו אין דער צייט וואס ער באדינט אים וועט ער אויך פון אים זיך לערנען דברי תורה ווארום דיא פראסטע רייר פון תלמידי חכמים דארף מען אויך לערנען בדקדוק חברים ער זאל מיט דעם וואס מען באהעפט זיך מיט די חברים בפלפול התלמידים מיט דעם וואס מען איז זיך מפלפל מיט תלמידים · בישוב אז מען פרעגט אים עפעס זאל ער ענטפערין גיך נאר ער זאל פריער זיך מישב זיין וואס צוא ענטפערין במקרא במשנה ער זאל זיין בקי אין פסוק אונ משניות בטהרה מיט ריינקייט ער זאל גינז האבן קיין שלעכטע מחשבות במיעוט שנה מיט ווינציג שלאף ער זאל אויף שטיין האלבע נאכט צוא לערנען תורה במיעוט שיחה מיט ווינציג רייר ער זאל ניט ריידין איבעריג פראסטע רייד אונ אויך ער זאל לערנען מיט אקורץ לשון במיעוט סחורה מיט ווינציג האנדילשאפט דען דיא תורה ווערט ניט גיפונען בייא דיא בירגער אונ סוחרים וואס פארין אויף דעם ים אונ דרום זאגט ער ניט בלא סחורה אן האנדילשאפט ווען אן האנדלען קען ניט זיין מען מוז עפעס האנדלען נאר ער זאגט אן אז דער עיקר זאל זיין דאס לערנען אונ דאס האנדלען זאל זיין ווייניג במיעוט שחוק מיט ווינציג לאכין במיעוט תענוג מיט ווינציג תענוג במיעוט דרך ארץ מיט ווינציג דרך ארץ אז ענו וועט

קובען

אֶת הַמֵּישָׁרִים אוֹהֵב אֶת הַתּוֹכָחוֹת וּמִתְרַחֵק מִן הַכָּבוֹד וְלֹא מֵגִיס לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ וְאֵינוֹ שָׂמֵחַ בְּהוֹרָאָה נוֹשֵׂא בְעוֹל עִם חֲבֵרוֹ וּמַכְרִיעוֹ לְכַף זְכוּת וּמַעֲמִידוֹ עַל הָאֱמֶת וּמַעֲמִידוֹ עַל הַשָּׁלוֹם וּמִתְיַשֵּׁב לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ שׁוֹאֵל וּמֵשִׁיב שׁוֹמֵעַ וּמוֹסִיף הַלּוֹמֵד עַל מְנָת לְלַמֵּד וְהַלּוֹמֵד

## מעשה אבות

קומען פאר דיר איין אדם חשוב בשעת דוא לערינשט זאלסטו ניט מבטל זיין דיין לערנען כדי צוא געבין כבוד צוא דעם מענטשין באדך אפים מיט דער ליינגערונג פון צארין מען זאל ניט האבין אין זיך דיא מדה פון כעס · אדער עס גייט אויף דעם תלמיד ער זאל ניט צערינען אויף זיין רבי ווען ער שטראפט אים בלג טו: עס זאל בייא דיר אין הארץ ניט בלייבין קיין האס אויף דיין רבי דרויף וראנ ער האט דיר גישטראפט נייערט דיין הארץ זאל זיין גוט צוא אים באמונת חכמים מען זאל גלויבין אז אלץ וואס אונזערע חכמים האבין גיזאגט איז גלייך וויא עס איז גיגעבין גיווארין צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני בקבלת היסורין האטשע ער האט יסורים זאל ער ניט מבטל זיין פון זיין לערנען אונ זאל מקבל זיין דיא יסורים באהבה המכיר את מקומו ער זאל ווישין זיין ארט מיינט מען ער זאל ווישין אז דיא וועלט איז ניט זיין ארט דען אויף דער וועלט איז ער גלייך וויא אגר וואס ער קומט אין אפרעמד לאנד · ער זאל גידיינקען אז ער דארף שטארבין אונ אויף וואש פר איין ארט ער וועט גיין העושה סיג לדבריו וועך עס מאכט אצאם צוא זייגע זאכין ער אסרת אויף זיך אזעלכעש וואס מען מעג כדי ער זאל ניט קומען צוא טאן אזעלכעס וואס מען טאר ניט תשמח בחלקו וועך עס פרייט זיך מיט זיין חלק עס איז פאר אים גינוג וואס ער האט אונ איז ניט מבטל זיין לערנען פון וועגין צוא באקומען געלט : ואינו מחזיק טובה לעצמו אונ וואס ער טוט גוטס האלט ער ניט אז ער האט עס גיטאן דען ער וויים אז ווען השי"ת וואלט אים ניט העלפין וואלט ער עס ניט גיקענט טאן אונ וואלט ניט גיקענט צווינגען זיין יצר הרע אהוב ער איז גיליבט בייא אלע אונ דורך דעם קומען אלע פון אים לערנען אוהב את המקום ער האט ליב גאט אוהב את הבריות ער האט ליב לייט אונ גינעהענט זייא צוא דער תורה · אוהב את התוכחות ער האט ליב וואס זיין רבי שטראפט אים · אוהב את המישרים ער האט ליב רעכטפארטיקייט אונ חנפת ניט צוא קיינעם · ומתרחק מן הכבוד ער דער ווייטערט זיך פון כבוד ער לערינט ניט כדי מען זאל אים רופין רבי נייערט וייל ער האט ליב גאט ואינו מגיס לבו בתלמודו אונ אפילו אין הארץ האלט ער זיך אויך ניט גרוים מיט זיין לערנען ואינו שמח בהוראה ער פרייט זיך ניט אז ער פסקנת ער האט מורא טאמער פסקנת ער ניט רעכט נושא בעול עם חברו ער טראגט דעם יאך פון זיין חבר אז זיין חבר איז אין צער האט ער אויך צער פון דעם ומכריעו לכף זכות אונ וועגט אלץ צוא מאכין דעם חבר' גירעכט ומעמידו על האמת אונ מאכט שטעלין זיין חבר אויף דעם אמת ער פרייעט זיך ניט דרויף וואס זיין חבר זאגט ניט רעכט נייערט ער ווייזט אים וויא דר אמת איז ומעמידו

על

עַל מְנָת לַעֲשׂוֹת הַמַּחְכִּים אֶת רַבּוֹ וְהַמְכַוֵּן אֶת שְׁמוּעָתוֹ וְהָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ הָא לָמַדְתָּ שֶׁכָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם שֶׁנֶּאֱמַר וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ בְּשֵׁם מָרְדֳּכָי׃ ז גְּדוֹלָה תוֹרָה שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעֹשֶׂיהָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא׃ וְאוֹמֵר רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי

מעשה אבות

על השלום אונ װען זַיין חָבֵר קְרִיגְט אױף אִים אִין לֶערְנֶען אִיז עֶר פוּן דֶעסְט װֶעגִין מִיט אִים שָׁלוֹם ׳ ומתישב בלמודו עֶר לֶערִינְט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת נִיט גִיךְ שואל כענין עֶר פְּרֶעגְט אִיז דֶעם עִנְיָן װָאס מֶען לֶערִינְט אוּנ פְרֶעגְט נִיט בְּשַׁעַת מֶען לֶערִינְט דֶעם עִנְיָן פוּן אַיין אַנְדֶר עִנְיָן ומשיב כהלכה אוּנ עֶנְטְפֶערְט מִיט אַשֵׂכֶל מֶען זָאל פַאר שְׁטֵיין שומע ומוסיף עֶר הֶערְט דִבְרֵי תּוֹרָה אוּנ מֶערְט נָאךְ צוּהֶערִין עֶס אִיז אִים אַלְץ קַארְג׃ הלומד על מנת ללמד עֶר לֶערִינְט כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען הלומד על מנת לעשות עֶר לֶערִינְט אױף דֶעם תְּנַאי כְּדֵי עֶר זָאל טָאן װָאס עֶר לֶערִינְט דֶען עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיינֶר װָאס לֶערִינְט נִיט מְקַיֵּים צוּא זַיין נָאר כְּדֵי עֶר זָאל שַׁארְפִין זַיין שֵׂכֶל אָבֶּער אַזוֹא אַלֶערְנֶען הָאט קֵיין קִיוּם נִיט נַייעֶרְט דָאס לֶערְנֶען װָאס מֶען לֶערִינְט כְּדֵי צוּ װִיסִין דִּיא דִינִים אוּנ דִיא מִצְוֹת עֶר זָאל דֶער מִיט דִינֶען צוּא גָאט ב״ה המחכים את רבו װַייל עֶר גִילוּשְׁט זַייעֶר צוּא לֶערְנֶען פוּן זַיין רַבִּי הַאלְט עֶר אַז זַיין רַבִּי אִיז אַגְרוֹיסֶער חָכָם והמכוין את שמועתו אוּנ עֶר קְלֶערְט עֶר זָאל פַאר שְׁטֵיין מִיט זַיין שֵׂכֶל דִּיא הֲלָכָה װָאס עֶר אִיז מְקַבֵּל והאומר דבר בשם אומרו אוּנ עֶר זָאגְט אַלְץ פוּן װֶעמֶען עֶר הָאט מְקַבֵּל גִיװֶען הא למדת פוּן דֶעם לֶערִינְט מֶען אַז שכל האומר דבר בשם אומרו אַז װֶער עֶס זָאגְט אַלְץ פוּן װֶעמֶען עֶר הָאט גִיהֶערְט מביא גאולה לעולם בְּרֵיינְגְט עֶר אַגְאוּלָה אױף דֶער װֶעלְט שנאמר אַזוֹא װִיא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי אֶסְתֵּר הָאט גִיזָאגְט צוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ פוּן מָרְדֳּכַיְס װֶעגִין ׳ אוּנ דֶער פוּן אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען אַגְאוּלָה צוּא דִּיא יוּדִין׃ גדולה תורה דִּיא תּוֹרָה אִיז אַזוֹא גְרוֹיס אַז מֶען לֶערִינְט לִשְׁמָהּ שהיא נותנת חיים לעושיה בעולם הזה זִיא גִיט לֶעבִּין אױף דֶער װֶעלְט אוּנ זִיא בַּאהִיט עֶס זָאל נִיט קוּמֶען אױף דֶעם מֶענְטְשִׁין קֵיין טוֹיט פַאר דֶער צַייט אוּנ קֵיין פַיינְד קֶען אִין אִים נִיט גִיװֶעלְטִיגִין צוּא בֵּייז טָאן אִים אַזוֹא װִיא מִיר גִיפִינֶען אַמַעֲשֶׂה אִין דִּיא צַייטִין פוּן רש״י אִיז גִיװֶען אַיין שַׂר אַיין אִישׁ מִלְחָמָה אוּנ אַגְרוֹיסֶער אַכְזָר עֶר הָאט גִיהֶערְט דִּיא חָכְמָה פוּן רש״י װָאס עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב גִיװֶען אֲפִילוּ בַּייא דִּיא חַכְמֵי אוּמוֹת הָעוֹלָם ׳ הָאט דֶער שַׂר גִישִׁיקְט נָאךְ אִים עֶר זָאל קוּמֶען צוּם אִים הָאט רש״י נִיט גִיװָאלְט גֵייעִן צוּא אִים דֶען עֶר הָאט גִיװוּאסְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַגְרוֹיסֶער אַכְזָר׳ אוּנ דֶער שַׂר הָאט גִיצֶערְנְט אױף רש״י אִיז עֶר גִיקוּמֶען מִיט זַיין חַיִל אִין דֶער שְׁטָאט װאו רש״י הָאט גִיװוֹאוּנְט אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען צוּא דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ װָאס רש״י הָאט גִילֶערִינְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים ׳ הָאט עֶר גִיפוּנֶען דָאס אַלֶע טִירִין זַיינֶען אָפִין אוּנ פִיל סְפָרִים זַיינֶען אָפִין אוּנ זָעהעט קֵיין מֶענְטְשִׁין נִיט הָאט עֶר גִישְׁרִיעֶן מִיט אַיין קוֹל

שלמה

לְעַצְמוֹתֶיךָ: וְאוֹמֵר עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר: וְאוֹמֵר כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶיךָ: וְאוֹמֵר תִּתֵּן לְרֹאשְׁךָ לִוְיַת חֵן עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת תְּמַגְּנֶךָּ: וְאוֹמֵר כִּי בִי יִרְבּוּ יָמֶיךָ וְיוֹסִיפוּ לְךָ שְׁנוֹת חַיִּים: וְאוֹמֵר אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד: וְאוֹמֵר כִּי

## מעשה אבות

שְׁלמה שְׁלמה (דען רש״י האט גיהייסן רבינו שְׁלמה יִצְחָק) האט רש״י גיענטפערט איך בין דא אונ אזו איז גיוועזן עטליכע מאל האט זיך דער שר זייער גיוואונדערט אונ איז ארויס גיגאנגען פון דעם בית המדרש אונ האט גיפרעגט אויב עס איז דא פאר האנדין איין יהודי האט מען אים גיבראכט איינעם פון דיא תלמידים פון רש״י האט דער שר גיזאגט צוא אים זאג צוא דיין רבי ער זאל קומען צוא מיר אונ איך זאג אים צוא בייא מיין לעבין אז איך וועל אים גאר גיט טאן · איז רש״י גיגאנגען צום שר אונ האט זיך גינייגט פאר אים · אונ דער שר האט אים אויף גיהויבין אונ זאגט צוא אים איצונד האב איך גיזעהען דיין חכמה אונ מיין ווילין איז דוא זאלסט מיר איין עצה געבין אויף איין זאך וואס איך וויל טאן איך האב אן גיגרייט הונדערט טויזינד חיל לייט אונ צוויי הונדערט גרויסע שיפין אונ אויך האב איך אין דער שטאט עקרון זיבין טויזינד חיל לייט אנדערע אונ איך בין זיכער אין גאט אז איך וועל איין נעמען דיא ישמעאלים וואס זיצין אין ירושלים ווייל זיי זיינען ניט גילערינט אין חכמת מלחמה · דרום זאג מיר דיין דעה אונ שרעק דיך ניט פאר מיר · האט רש״י גיזאגט צום שר דוא וועסט גיין אונ וועסט איין נעמען ירושלים אונ וועסט קריגין אויף איר דרייא טעג אונ אין דעם פערטין טאג וועלין דיך דיא ישמעאלים פאר טרייבין אונ דו וועסט אנטלויפין אונ וועסט קומען אהער נאר מיט דרייא פערד · האט דער שר גיזאגט עס קען זיין דיינע רייד זיינען אמת אבער ווען איך וועל מיך אום קערין מיט פיר פערד וועל איך מאכין עסין דיין פלייש צו הינט אונ וועל הרגנען אלע יודין וואס זיצין בייא מיר אין לאנד אונ דר שר איז גיגאנגען צו דער מלחמה אונ עס איז אים גישעהען אלץ וואס רש״י האט אים גיזאגט אונ ער האט זיך אום גיקערט מיט פיר פערד · אי ער איז גיקומען פאר דער שטאט פון רש״י האט ער זיך דער מאנט דיא רייד פון רש״י אונ האט אין זינען גיהאט ער זאל אים בייז טאן אבער השי״ת האט פאר שטערט זיין עצה דען אז ער איז גיקומען אין דעם טויער פון דער שטאט איז אראפ גיפאלין איין שטיין פון דעם טויער אונ האט גיהרגת איינעם פון זיינע לייט מיט דעם פערד וואס ער האט דרויף גירייטין ובעולם הבא אונ אויך גיט די תורה לעבין אויף יענער וועלט שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט כי חיים הם למוצאיהם דיא תורה איז אלעבין צו דיא וואס ריידין איר מיט דעם מויל ולכל בשרו מרפא אונ צו גאר זיין לייב איז זיא אהיילונג ואומר אונ נאך איין פסוק שטייט רפאות תהי לשרך דיא תורה וועט זיין אהיילונג צו דיין נאפיל ושקוי לעצמותיך אונ מארך צו דיינע ביינער ואומר אונ נאך איין פסוק שטייט עץ חיים היא למחזיקים בה זיא איז אבוים פון לעבין צוא דיא

ויאס

אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ: וְאוֹמֵר דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם: רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר הַנּוֹי וְהַכֹּחַ וְהָעוֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד וְהַחָכְמָה וְהַזִּקְנָה וְהַשֵּׂיבָה וְהַבָּנִים נָאֶה לַצַּדִּיקִים וְנָאֶה לָעוֹלָם שֶׁנֶּאֱמַר עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת שֵׂיבָה בְּדֶרֶךְ צְדָקָה תִּמָּצֵא: וְאוֹמֵר עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים וְתִפְאֶרֶת בָּנִים אֲבוֹתָם: וְאוֹמֵר תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים כֹּחָם וַהֲדַר זְקֵנִים שֵׂיבָה: וְאוֹמֵר

מעשה אבות

וָואס הַאלְטְין זִיא ותומכיה מאושר אוּנ אִירֶע אוּנְטֶער לֶעהְנֶער וֶוערִין גִילוֹיבְּט ואומר אוּנ נָאךְ אַיין פָּסוּק שְׁטֵייט כי לוית חן הם לראשך דִיא תּוֹרָה אִיז אַבַּאהֶעפְטוּנְג פוּן חֵן צוּא דַיין קָאפּ וענקים לגרגרותיך אוּנ אַהַאלְז בַּאנְד צוּא דַיין הַאלְז ואומר אוּנ נָאךְ אַיין פָּסוּק שְׁטֵייט עטרת תפארת תמגנך דִיא תּוֹרָה וֶועט דִיךְ מִיט אַשֵׁיינֶער קְרוֹין בַּאשִׁיצְין ואומר אוּנ נָאךְ אַיין פָּסוּק שְׁטֵייט כי בי ירבו ימיך דִיא תּוֹרָה זָאגְט אַז דוּא וֶועסְט מִיךְ לֶערְנֶען וֶועלִין גִימֶערְט וֶוערִין דַיינֶע טֶעג ויוסיפו לך שנות חיים אוּנ דִיא תּוֹרָה מִיט דִיא מִצְוֹת וֶועלִין מֶערִין צוּא דִיר לֶעבֶּעדִיגֶע יָאר לְעוֹלָם הַבָּא ואומר אוּנ נָאךְ אַיין פָּסוּק שְׁטֵייט אורך ימים בימינה דִיא וָואס לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה לִשְׁמָהּ חוּץ דֶעם וָואס זֵייא וֶועלִין הָאבִּין עֲשִׁירוֹת אוּנ כָּבוֹד וֶועלִין זֵייא נָאךְ הָאבִּין אֲרִיכוּת יָמִים אוֹיךְ ובשמאולה עושר וכבוד אוּנ דֶער וָואס לֶערְנְט דִיא תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וֶועט עֶר נָאר הָאבִּין עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד: רבי שמעון בן יהודה משום רבי שמעון בן יוחאי אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה זָאגְט פוּן רַבִּי

שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי וֶועגִין · דִיא זַאכִין זַיינֶען שֵׁיין צוּא דִיא צַדִּיקִים אוּנ שֵׁיין צוּא דִיא לַייט פוּן דֶער וֶועלְט כְּלוֹמַר זֵייא קֶענֶען מִיט דֶעם נָאךְ נֵייגִין צוּא דִיא נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט הנוי שֵׁיינְקֵייט דָאס אִיז אַזוֹא אַיין זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דֶער מִיט קוּמֶען עֶר זָאל אָן גִירוּפִין וֶוערִין צַדִּיק דֶען אַזוֹא גִיפִינֶען מִיר בַּייא יוֹסֵף הַצַּדִּיק דָאס וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועז אַשֵׁיינֶער הָאט דָאס ווייב פוּן זַיין הַאר גִיגְלוּשְׁט צוּא אִים אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אוּנ הָאט אִים בַּאצְווּאוּנְגֶען זִכְּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִיט קַיין פַּרְשׁוֹין וֶוערְט אִים נִיט גִירֶעכִינְט פַאר קַיין צִדְקוּת דָאס וָואס עֶר דֶער וַוייטֶערְט זִיךְ פוּן זְנוּת וֶוערְט דָאךְ גִיפוּנֶען אַז שֵׁיינְקֵייט אִיז שֵׁיין צוּא דִיא צַדִּיקִים · אוֹיךְ קֶען מֶען דֶער מִיט נֵייגִין צוּא דִיא הַבְלֵי עוֹלָם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶר אִיז שֵׁיין שְׁטַארְקְט זִיךְ זַיין יֵצֶר הָרָע אוֹיף אִים והכח אוּנ קְרַאפְט אִיז אוֹיךְ שֵׁיין צוּא דִיא צַדִּיקִים דֶען דִיא תּוֹרָה מַאכְט שְׁלַאף דֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנ דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבִּין פִיל כֹּחַ עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ אוֹיךְ צוּא טָאן מִצְוֹת דַארְף מֶען כֹּחַ הָאבִּין · אוּנ עֶס אִיז שֵׁיין צוּ דֶר וֶועלְט · דֶען מִיט כֹּחַ קֶען מֶען זַיין חָלִילָה אַרִיבֶּער דֶען דֶער וָואס זַיין הַאנְד אִיז שְׁטַארְק צוּא דֶעם אִיז דִיא וֶועלְט והעושר אוּנ רַייכְקֵייט אִיז שֵׁיין צוּא דִיא צַדִּיקִים דֶען מֶען קֶען דֶער מִיט פִיל צְדָקוֹת טָאן אוּנ אוֹיךְ קֶען עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אָן טִרְדָּה וַוייל עֶר דַארְף נִיט נָאךְ זוּכִין זַיין שְׁפֵּייז אוּנ עֶס אִיז שֵׁיין צוּא דֶער וֶועלְט דֶען מִיט רַייכְקֵייט קֶען מֶען חָלִילָה נָאךְ גֶעבִּן זִיךְ

וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה כִּי מָלַךְ יְהוָה צְבָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד׃ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא אוֹמֵר אֵלּוּ שֶׁבַע מִדּוֹת שֶׁמָּנוּ חֲכָמִים לַצַּדִּיקִים כֻּלָּם נִתְקַיְּמוּ בְּרַבִּי וּבְבָנָיו׃ חֲמִשָּׁה קִנְיָנִים קָנָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ וְאֵלּוּ הֵן · תּוֹרָה קִנְיָן אֶחָד · שָׁמַיִם וָאָרֶץ קִנְיָן אֶחָד · אַבְרָהָם קִנְיָן אֶחָד · יִשְׂרָאֵל קִנְיָן אֶחָד · בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קִנְיָן אֶחָד׃ תּוֹרָה מִנַּיִן דִּכְתִיב יְהוָה קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ קֶדֶם מִפְעָלָיו מֵאָז׃ שָׁמַיִם וָאָרֶץ

מעשה אבות

זיך אלע תאוות עולם הזה והכבוד אונ כבוד איז שיין צוא דיא צדיקים דען דער וואס לייט גיבין אים אפ כבוד זיינען זייגע רייד גיאכט אונ ער קען פירין לייט אין רעכט פארטיגין וועג אונ אויך אז מען גיט אים כבוד אונ ער האלט זיך ניט גרויס דער מיט איז זיין שכר זייער גרויס · אונ עס איז שיין צוא דער וועלט דען עס קען זיין אז דורך דעם וואס מען גיט דעם מענטשין כבוד זאל ער חלילה האבין גאוה אונ אויך ער זאל עובר זיין אויף עבירות בפרהסיא אונ קיינער וועט אים ניט זאגן דען זיין כבוד איז גרויס אין זייערע אויגין והחכמה אונ קלוגשאפט איז שיין צו די צדיקים דען גאר זייער ווילין מיט דער חכמה איז צוא קליגן זיך וויא אזו צו דינען צוא השי"ת · אונ עס איז שיין צו דער וועלט דען מיט קלוגשאפט קען דער מענטש חלילה פיל שלעכטס טאן והזקנה והשיבה אונ אלטקייט אונ גרייז גראקייט איז שיין צו די צדיקים דען וואס זייא לעבין מער מערין זייא קלוגשאפט אונ עש איז שיין צו דער וועלט דען מען קען זיך חלילה אן טאן פיל תענוגים אין זיין לאנג לעבין והבנים אונ קינדער איז שיין צוא צדיקים · אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה בייא רבי יוסי דפקיעין · מעשה רבי אליעזר איז אמאל גיגאנגען צוא זיין שווער רבי יוסי אונ רבי אבא מיט פיל תלמידי חכמים זייגען אויך גיגאנגען מיט אים · אזו וויא זייא גייען איז גיקומען אטויב פאר רבי אליעזר אונ האט גיפיפצט האט רבי אליעזר גיזאגט צו איר דו טויב בישט אלע צייט באגלויבט צו טאן וואס מען שיקט דיך גייא אונ זאג צו מיין שווער רבי יוסי אז איך קום אן צו אים מיט נאך פיל תלמידי חכמים · אונ אין דרייא טעג ארום וועט אים איין נס גישעהען דאש ער וועט גיזונד ווערן · איז דיא טויב אוועק · דער נאך האט רבי אליעזר גיזאגט איך פרייא מיך ניט דען מען האט איין אנדער תלמיד חכם גיגעבין אויף דעם ארט פון מיין שווער אונ זיין נאמען איז אויך יוסי · האט רבי אבא גיזאגט צו רבי אליעזר עס וואונדערט מיך זייער וואס איך האב דא גיזעהן האט רבי אליעזר גיזאגט דיא טויב איז גיקומען צוא מיר מיט איין שליחות פון מיין שווער רבי יוסי דאס ער איז שלאף אונ דיא טויב האט מיר גיזאגט אז ער וועט גיזונד ווערין אונ איין אנדער תלמיד חכם איז גיגעבין גיווארין אויף זיין ארט ער זאל שטארבין · האט רבי אליעזר גיזאגט צוא דיא רבנים לאמיר זיין גומל חסד צו דעם רבי יוסי וואס ער איז גיגעבין גיווארין אויף דעם ארט פון מיין שווער דען מיר זייגען נאהינט צו דער שטאט פקיעין וואס דער רבי יוסי איז דארט · זיינן זייא גיגאנגען קיין פקיעין אונ זייגען גיקומען אין דער שטוב וואו

מִנַּיִן דִּכְתִיב כֹּה אָמַר יְהֹוָה הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדוֹם רַגְלָי אֵי זֶה בַיִת אֲשֶׁר תִּבְנוּ לִי וְאֵי זֶה מָקוֹם מְנוּחָתִי: וְאוֹמֵר מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ יְהֹוָה כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ: אַבְרָהָם מִנַּיִן דִּכְתִיב וַיְבָרְכֵהוּ וַיֹּאמַר בָּרוּךְ אַבְרָם לְאֵל עֶלְיוֹן קוֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: יִשְׂרָאֵל מִנַּיִן דִּכְתִיב עַד יַעֲבוֹר עַמְּךָ יְהֹוָה עַד יַעֲבוֹר עַם זוּ קָנִיתָ: וְאוֹמֵר לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם: בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִנַּיִן

מעשה אבות

דער רבי יוסי איז גיזעסין אונ רבי יוסי איז גילעגין אויף זיין בעט אונ איין יונג קינד האט דער רבי יוסי גיהאט איז ער גישטאנען ביים דער בעט אונ האט קיין מענטשין ניט גילאזט צו גיין צום בעט נאר ער זעלבסט האט זיך אן גילעהנט אויף אים אונ האט גיוויינט אונ האט גיזאגט האר פון דער וועלט עס שטייט אין דער תורה גישריבן ווען מען גיפינט איין נעסט מיט יונגע פויגלען אזו זאל מען דיא מוטער פריער אוועק שיקין אונ דער נאך זאל מען דיא קינדער נעמען אונ דוא הער פון אלע וועלטין זייא מקיים דיין היילגע תורה אונ נעם די קינדער דאס בין איך מיט מיין קליינע שוועסטער · אונ לאז אונזער פאטער לעבין דען וואס וועלין מיר איצונד טאן ווער וועט מיט מיר תורה לערנען אונ ווער וועט אונז העלפין רבונו של עולם אויב דוא וועסט זאגין עס שטייט דאך דיא מוטער זאלשטו פאר שיקין אבער ניט דעם פאטער דוא האשט דאך שוין מיין מוטער פריער אוועק גינומען · אונ וויא רבי אליעזר מיט זיינע חברים האבין דיא רייד פון דעם קינד גיהערט האבין זייא אן גיפאנגען צו וויינען אונ רבי אליעזר זאגט איין פסוק אזו קומט איין פייערדיגער זייל פון דעם הימיל אראפ אונ לאזט קיין מענטשין צו אים צו טרעטין אונ דאש קינד ליגט אלץ אונ האלט זיין מויל אויף דעם מויל פון זיין פאטער · האט רבי אליעזר גיזאגט אדער עש וועט דא איין נס גישעהען אדער דיא זייל וויל ניט ליידין דאש איין מענטש זאל זיך מיט אים מתעסק זיין אבער דאש קינד זאל מען פון דעם פאטער אוועק נעמען דען איך קאן ניט ליידין דאש ריידין אונ וויינען פון דעם קינד · אזו וויא זייא זיצין אוויילע הערין זייא איין קול פון דעם הימיל וואול צו דיר רבי יוסי אונ וויא ווערדיג איז דיין חלק אויף יענער וועלט השי״ת האט גיהערט דאש קול פון דיין קינד אונ השי״ת האט גיגעבין צוא דעם מלאך המות דרייצעהען אנדערע לייט אויף דיין ארט אונ דיר האט השי״ת דיינע יארין דער לייגנערט צוויא אונ צוואנציג יאר דאש דוא זאלשט דיין קינד תורה לערנען דען דיין קינד איז גאנץ ליב פאר הקדוש ברוך הוא · אונ וויא רבי אליעזר האט דאזו קול גיהערט אזו איז ער מיט זיינע חברים אויף גישטאנען אונ האבין גיהייסין אלע זאלין ארויש גיין פון דער שטוב איז דיא פייערדיגע זייל אוועק אונ רבי יוסי האט זיינע אויגין גיעפינט אונ איז גיזונד גיווארין · אונ רבי אליעזר מיט זיינע חברים זיינען דארט דרייא טעג גיזעסין אונ האבין פיל חידושי תורה גיזאגט אונ דאס קינד אויך מיט זייא · האט רבי אליעזר גיפרעגט צו רבי יוסי וויא פיל דאש קינד איז אלט זאגט

**דכתיב מכון לשבתך פעלת יהוה מקדש אדני כוננו ידיך: ואומר ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו: אמר רבי יוסי בן קסמא פעם אחת הייתי מהלך בדרך ופגע בי אדם אחד ונתן לי שלום והחזרתי לו שלום· אמר לי רבי מאיזה מקום אתה· אמרתי לו מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני אמר לי רבי רצונך שתדור עמנו במקומנו ואני אתן לך אלף אלפים דנרי זהב ואבנים טובות ומרגליות· אמרתי לו אם אתה נותן לי כל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות**

מעשה אבות

רבי יוסי דאש קינד איז פינף יאר אלט האט רבי אליעזר גינומען דאש קינד אונ האט אים גיקושט אונ האט אים גיבענטשט אונ רבי אליעזר מיט זיינע חברים זיינען זייער וועג גיגאנגען: ובאה לעולם אונ אויך זיינען קינדער שיין צו דער וועלט דען דער מענטש וואש גייט ניט נאך צוא דיא נארישקייט פון דער וועלט מאכט ער זיך גרוים מיט זיינע קינדער שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט עטרת תפארת שיבה דאש גרייזקייט איז אשיינע קרוין צו די אלטע לייט בדרך צדקה תמצא דער וואש גייט אין רעכט פארטיגין וועג גיפינט אזו אקרוין ואומר אונ נאך אפסוק שטייט תפארת בחורים כחם פאר דיא יונגע לייט איז אשיינהייט זייער שטארקייט והדר זקנים שיבה אבער צו דיא אלטע לייט איז אשיינהייט זייער גרייזקייט ואומר אונ נאך איין פסוק שטייט עטרת זקנים בני בנים דיא שיינהייט פון דיא אלטע לייט איז אז זייא דער לעבין קינדש קינדער ותפארת בנים אבותם אונ אשיינהייט פאר דיא קינדער איז אז זייא זיינען זיך מתפאר מיט דיא עלטערין ואומר אונ נאך איין פסוק שטייט והפרה הלבנה אונ דיא לבנה וועט זיך שעמין אויף דעם וואש מען האט צו איר גידינט ובושה החמה אונ דיא זון וועט זיך אויך שעמען דרויף כי מלך ה׳ צבאות אז אלע וועלין גלויבין אונ וועלין זאגין אז גאט איז איין גאט איבער דער גאנצער וועלט בהר ציון ובירושלים דאש וועט זיין אויף דעם בארג פון ציון אונ אין דער שטאט ירושלים ונגד זקניו כבוד אנטקעגין דיא זקנים דיא תלמידי חכמים וועט זיין איין כבוד:

רבי שמעון בן מנסיא אומר רבי שמעון בן מנסיא זאגט אלו שבע מדות שמנו חכמים לצדיקים דיא אלע זיבין זאכין וואש דיא חכמים האבין דא גירעכינט אז זייא ויינען שיין צו דיא צדיקים כולם נתקיימו ברבי ובבניו זיינען אלע מקוים גיווארין ביא רבי מיט זיינע קינדער: חמשה פינף קנינים האט השי״ת גיקויפט כלומר עש איז ביא אים חשוב אזו גלייך וויא איינער קויפט איין זאך אונ גיט דער פאר געלט ואלו הן אונ וואש זיינען זייא· דיא תורה· הימיל אונ ערד· אונ אברהם· אונ דיא ישראל· אונ דער בית המקדש· ביא דיא תורה שטייט גאט האט מיך גיקויפט צום גאנץ ערשטין איי ער האט עפיס גיווערקט· ביא הימיל אונ ערד שטייט אזו האט גאט גיזאגט דיא הימיל איז מיין שטול אונ דיא ערד איז מיין שטול ביינקיל אונ עש שטייט ביא דער ערד קנין

ייט:

שֶׁבָּעוֹלָם אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה וְכֵן כָּתוּב בְּסֵפֶר תְּהִלִּים עַל יְדֵי דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף: וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד · שֶׁנֶּאֱמַר בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ · בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ בָּעוֹלָם הַזֶּה · בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ בַּקֶּבֶר · וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ לָעוֹלָם הַבָּא · וְאוֹמֵר לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת: כָּל מַה שֶּׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ לֹא בְרָאוֹ

מעשה אבות

גייט דאס אויך אויף דעם הימיל · בייא אברהם שטייט גילויבט איז אברהם צום אויבערשטין גאט וואס ער האט גיקויפט הימיל אונ ערד · בייא ישראל שטייט אויך (עם זו קנית) דאס פאלק וואס דוא האשט גיקויפט · בייא דעם בית המקדש שטייט אויך הר זה קנתה ימינו דעם בארג וואס זיין רעכטע האנט האט גיקויפט:

אמר רבי יוסי בן קסמא רבי יוסי בן קסמא האט גיזאגט אמאל בין איך גיגאנגען אונטער וועגינש האט מיך איינער באגעגינט אונ האט מיר גיגעבין שלום אונ איך האב אים גיענטפערט שלום · האט ער צו מיר גיזאגט רבי פון וואס פאר איין ארט ביסטו האב איך גיזאגט צו אים פון איין גרויש שטאט פון פיל חכמים אונ לומדים בין איך · האט ער צו מיר גיזאגט רבי ווילשטו וואוגען אין אונזער ארט אונ איך וועל דיר געבין טויזינד מאל טויזינד גילדין אונ אבנים טובות אונ פעריל · האב איך אים גיענטפערט אפילו ווען דוא וועשט מיר געבין גאר דאס גאלד אונ זילבער פון גאר דער וועלט וועל איך ניט וואוגען נאר אויף דעם ארט פון תורה · אונ אזו האט דוד מלך ישראל גיזאגט טוב לי תורת פיך עס איז מיר בעסער דיא תורה פון דיין מויל מאלפי זהב וכסף מער פון פיל טויזינד גאלד אונ זילבער ולא עוד אונ ווידער אלא שבשעת פטירתו של אדם נאך אז אמענטש שטארבט בלייבט אים ניט קיין געלט אונ גאלד אונ זילבער נאר תורה אונ גוטע מעשים אליין גייען מיט אים שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט בהתהלכך תנחה אותך אין דיין טאן גיין וועט זיא דיך פירין בעולם הזה אויף דער וועלט בשכבך תשמור עליך בקבר אונ אז דוא וועשט ליגין אין קבר וועט זיא דיך היטין והקיצות היא תשיחך לעולם הבא אונ אז דוא וועקסט זיך אויף וואכין צו תחיית המתים וועט דיין תורה פאר דיר ריידין אזכות אויף יענער וועלט ואומר אונ נאך אפסוק שטייט השי"ת זאגט לי הכסף ולי הזהב וגו׳ צו מיר איז גאר דאס זילבער אונ גאלד ווען איך וויל גיב איך: כל מה שברא הקב"ה בעולמו אלץ וואס גאט האט באשאפין אויף זיין וועלט לא בראו אלא לכבודו האט ער מער ניט באשאפין נאר פון זיין כבוד וועגין שנאמר אזו וויא אין פסוק שטייט כל הנקרא בשמי וועם עס ווערט אן גירופין אויף מיין נאמען ולכבודי אונ אויף מיין כבוד בראתיו יצרתיו אף עשיתיו האב איך אים באשאפין · דיא ערשטע צווייא לשונות בראתיו יצרתיו

אלא לכבודו שנאמר כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו: ואומר יהוה ימלוך לעולם ועד:

רבי חנניא בן עקשיא אומר רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות שנאמר יהוה חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר:

מעשה אבות

יצרתיו באטייטן אויף דיא עולמות העליונים · אונ ווען דוא וועשט זאגין דאש איז רעכט דיא עולמות העליונים זיינען באשאפין גיווארין פון גאטש כבוד ווענין אבער דיא וועלט וועהען מיר דאך אז דאש הארץ פון דעם מענטשין איז שלעכט פון זיין יוגינט אן צו דער צארענען זיין באשעפער נוא איז דאך דאש באשעפעניש פון דער וועלט ניט פון זיין כבוד וועגין · שטייט נאך א פסוק ה' ימלוך לעולם ועד גאט וועט קיניגין צו אייביג כלומר האטשע איצונד זיינען פאר האנדין פיל לייט וואש טוען ווידער שפעניגין זיין כבוד אבער אז משיח וועט קומען וועט גאר דיא וועלט אן גירופין ווערין אויף גאטש נאמען אונ אלע וועלין גלויבין אז גאט איז איין גאט אויף גאר דער וועלט · השי"ת זאל העלפין עש זאל זיין דיא זאך במהרה בימינו אמן:

רבי חנניא בן עקשיא זאגט · גאט האט גישטעלט אין דער תורה אזעלכע מצות דהיינו ער זאל ניט עסין שקצים ורמשים האטשע עש וואלט ניט שטיין אין דער תורה וואלט מען אויך ניט גיגעסין האט ער גישטעלט ער זאל זייא געבין שכר ורויף וויא אין פסוק שטייט גאט האט גיוואלט מזכה זיין דיא ישראל פון וועגין זיין צדקות דרום שוט גאט גרעסער מאכין דיא תורה כדי יודין זאלין לערנען וועלין זייא גינוסען נוטע שכר בעולם הזה ובעולם הבא אמן: